STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00422

MONOLOGN

Peretz Hirschbein

Permanent preservation of this book was made possible by
Jerome & Lorraine S. Forman
in memory of
Mattes & Martha Silverman and Nathan & Dora Forman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
ל·מ·שטיין
שיקאגא



פרץ הירשביין

מאָנאָלאָגן

פארלאג ל. מ. שטיין שיקאגא

געזעצט און געדרוקט—אין זעכצן הונדערט עקזעמפּליארן
—אין „גלאָבּוס“ דרוקעריי, ניינצן ניין און דרייסיק
נאָרטה עוועניו, שיקאגע—אין דעם יאר ניינצן הונדערט
• • • • ניין און דרייסיק • • • •

566

. . . . . COPYRIGHT, 1939, BY . . . . .
PERETZ HIRSHBEIN, NEW YORK, N. Y.
. . . . . PRINTED IN U. S. A. . . . . .

PERETZ HIRSHBEIN - - - MONOLOGN
. . . . L. M. STEIN, PUBLISHER . . . .
CHICAGO, ILLINOIS, NINETEEN THIRTY-NINE

אינהאַלט

רב מענטשעלע — 7

אַ מענטש איז נישט פון אײַזן — 14

אַ געפאַלענער שטערן — 21

קאַטעגאָריעס — 28

מרור — 37

פיש אויפן זאַמד — 42

אַ מאַמע — 49

אָקסן — 55

אַ צווילינג — 65

דער בעל־הגוף — 72

כאַ—כאַ—כאַ—כאַ — 83

אַ צאָן פאַר אַ צאָן — 88

אַ בן־שמונים — 95

אַ ייד בלייבט אַ ייד — 102

אויסגעפּאַטשט — 107

שוואַרצע יאַגדעס — 113

אַגראָנאָמען — 120

אַ בעטלער — 132

רב מענטשעלע

(מאָנאָלאָג פון אַ האַלב־משוגענעם)

— מיינע שכנים מאַכן פון מיר חוזק, האַלטן מיך פאַר אַ משו־געגעם, הלמאי איך מאָל אויס אויף מיין אופן, וואָס רבֿ מענטשעלע איז, און ווי אַזוי רבֿ מענטשעלע זעט אויס אין מיינע אויגן. מיינע שכנים זאָגן, איך בין אַ מענטש אַ נישט־פאַרגינער, און מיינע פאַרגלייכענישן זענען משוגעתן פון אַ נישט־פאַרגינער. איך פרעג זיי: — צי דען שאַנעווע איך זיך, חלילה? איך רעד אויף זיך אויס, וואָס אין דער קאָרט שטייט . . . מיינע פאַרגלייכונגען, טענהן זיי, שטאַמען נאָר פון שלעכטיקייט. אָט, אדרבה, בעט איך אייך, צי איז מען חלילה משוגע, חסר־דעה, אויב מען נעמט אַ רבֿ מענטשעלע, מען טוט אים אויס נאַקעט ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, און מען זאָגט אים אַריין אין די אויגן וואָס ער איז?

ערגעץ איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַ מענטש איז געגליכן צו אַ בוים. איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ רעיון עס ליגט אין דעם; פאַרוואָס דוקא איז דער מענטש געגליכן צו אַ בוים, און צו וואָס פאַר אַ בוים איז ער געגליכן? איך ווייס נישט ווער דערדאָזיקער חכם איז געווען, וואָס האָט גענומען און רבֿ מענטשעלען פאַר־גליכן צו אַ בוים. צו אַלצדינג אין דער וועלט קען מען אים פאַר־גלייכן, מחמת ער איז דאָך וואָס עס שטייט אין דער קאָרט. אַזוי ווי אַ בוים צו אַ בוים איז נישט גלייך — אַזוי איז מענטש צו מענטש אויך נישט גלייך.

מעלד איך טאַקע, פאַראַן אַ מענטש, וואָס איז געגליכנט צו אַ געזונטן בוים, צו אַ דעמבֿ, מעלד איך אייך, וואָס איז שטאַרק, גיט פון זיך אַרויס קליינע ניסלעך אַזעלכע, „זשאָלאָדעס" האָבן זיי בײַ אונדז געהייסן. מען האָט געשמועסט, אַז חזירים האָבן דידאָזיקע ניס ליב. אָבער צוליב וואָס זאָלן מיר גיין צום דעמבֿ? פאַרוואָס נישט אָנהויבן פון קראָפּעווע היִנטערן פּלויט, וואָס וואַקסט זיך אַרויס פון דר'ערד, ווי גאָר גרינע לייטלעך . . . אָדער פון די סם־המותדיקע שוואָמען, וואָס וואַקסן זיך ווי פאַרפּוצטע פּריצעס? וואָס, איר מיינט, אַז רבֿ מענטשעלע איז נישט געגליכנט צו קראָ־

פעווע, וואָס וואַקסט זיך שטיל הינטערן פּלויט? גיי פּרואוו, ריר עס אָן; פּרואוו, איך בעט דיך, ריר עס טאַקע נאָר אָן, גיב עס אַ גלעט, נעם עס צו דער נאָז — וועסטו זיך שוין האָבן צו קראַצן... און טאַקע דאָס אייגענע מיטן סם־המותדיקן שוועמעלע, וואָס וואַקסט זיך אַרויס אויף אַ הויכן שטענגעלע, מיט אַ רויט און מיט אַ געל באַשפּרענקלט קאַפּעליושל. איר האָט עס אַמאָל אָנגעקוקט ווי עס רופט, ווי עס מאַניעט: — נעם מיך, איך געהער אײַנגאַנצן צו דיר, איך וואַקס נאָר צוליב דיר, כאַ־כאַ־כאַ... איר הערט? דאָס סם־המותל מיטן רויטן קאַפּעליושל וואַקסט צוליב מיר, כאַ־כאַ־כאַ... גיי, האָב הנאה פון דעם און נעם איין אַ מיתה־משונה, כאַ־כאַ־כאַ... נישט איינמאָל האָבן מיך אַזעלכע שיין־פּאַרפּוצטע פּריצעלעך אַרײַנגענאַרט אין זאַק אַרײַן! וואָס מיינט איר, עס איז פון וואוילטאָג, אַז אַ מענטש האָט נישט חתונה, האָט נישט קיין קינדער, און האָט זיך פאַרשוואוירן — נישט חתונה צו האָבן און נישט האָבן קיין קינדער?

וואָס, איר זאָגט אויך, אַז פון מיר רעדט אַרויס דאָס שלעכטס, אַז איך אַליין בין דאָס, וואָס שטייט אין דער קאָרט?... איך האָב צום מענטשן גאָרנישט. הלמאי, זאָג איך, איז פאַראַן אַ מענטש, וואָס איז געגליכנט צו אַ קאַרטאָפליע — אַ „פּעטייטע" רופט מען עס דאָ. אַזאַ מענטשן האָב איך גריילעך ליב. כאָטש ער ליגט צען איילן אין דר'ערד — פונדעסטוועגן האָט ער נישט אינזינען זיך אַליין! ליגט אין דר'ערד, זיינע ביינער ווערן פאַרפוילט, פונדעסט־וועגן — פון איין קאַרטאָפליע ווערן פופצן, צוואַנציק! אַ קאַר־טאָפליע איז אַ געבערקע און נישט קיין נעמערקע. דאָס איז אַ מאַמע, וואָס ווערט אַליין פאַרפוילט — אַבי די קינדער זאָלן קווענקן פאַר לייטישע נחת... צו אַזעלכע מענטשן האָב איך עפּעס? חלילה, צו זיי האָב איך גאָרנישט.

ווען מען זאָל שוין פאַרגלייכן רב מענטשעלען צו אַ בוים — זענען פאַראַנען ביימער און פאַראַנען ביימער. פאַראַנען ביימער געבערס, און פאַראַנען ביימער, וואָס גיבן גאָרנישט. זיי וואַקסן, וואַקסן, און כל זמן דו האַקסט זיי נישט אויס, האָסטו פון זיי גאָרנישט. אפילו קיין ווילדע ניסעלעך אויך נישט. „איך וואַקס, טשעפּע מיך נישט... איך האָב הנאה פון גאָטס וועלט, איך קוועל

— טשעפּע מיך נישט! . . .״איי, איי, איי, דידאָזיקע מענטשעלעך וואָס רק טשעפּע זיי נישט, לאָז זיי — באשר זיי וואַקסן אויף גאָטס וועלט! באשר די וועלט איז זייערע . . .

זעט מען דאָך, אַז אַן עפּל־בוים, צי אַ באַרנע־בוים — דאָס איז דאָך שוין עפּעס אַנדערש. מען וואַקסט נישט פאַר זיך אַליין. מען וואַקסט צוליב יענעם. מען גיט. וואָס זאָג איך — מען גיט . . . מען פאַרגינט זיך נאָר איידער־וואָס, איידער־ווען צו בליען, די טייערסטע ריחות פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן דרויסן. ממש ווי זיי מאַניען צו זיך: קום נענטער, לאָמיר זיך באַקענען; דאָס בין איך, אַביסעלע געבויגן, נישט אַזוי הויך געוואַקסן ווי דער דעמב, נישט אַזוי ברייט געוואַקסן ווי דער לינדנבוים, נישט אַזוי גרין און הויך ווי דער טענענבוים. מאַך דיר אַ סימן, און קום שפּעטער אין זומער צו מיר, ברענג מיט זיך כלים און זעק, ברענג פּעסלעך, ברענג מיט זיך קוישן — איך וועל פאַר דיר האָבן גאָר מיין גאַנצע שפע״.

נו, קען מען זאָגן, אַז רב מענטשעלע קען זיך פאַרגלייכן מיט אַזעטיקע ביימער? וויפל אַזעלכע מענטשעלעך קלאַטשען זיך אַרום און מען מאַכט נאָר פון זיי חוזק? שמענדריקעס, זאָגט מען אויף אַזעלכע מענטשן! . . .

פאַראַנען, זעט איר, מענטשן, וואָס זענען געגליכן צו פלוימען־ביימער, אָדער צו קאַרשן־ביימער. כאַ־כאַ־כאַ, די קערשעלעך, די פלוימעלעך, מיט האַרטעביינדלעך אינעווייניק . . . אָט אַזעלכע זויערע מענטשעלעך מיט די האַרטע קערעלעך אינעווייניק — איר האָט זיי ליב? איך האָב זיי פיינט! איך האָב פיינט דראָבנע פּירות, וואָס וואַקסן אויף גרויסע ביימער! איך בעט אייך, צוליב וואָס אַ גאַנצער גרויסער בוים פאַר אַ זויער קערשעלע? אַ, איך בעט אייך — איז דאָס נישט גאוה? איז דאָס נישט אַ פאַרשטעט־לעניש? אָט, זעט איר, יאַגעדעס, שוואַרצע, צי רויטע — זיי וואַקסן נידעריק ביי דער ערד! גאַרנישט, איך טשעפּע דיך נישט, דו טשעפּע מיך נישט . . . אַ יאַגעדע בין איך, אַזויפיל פלאַץ באַדאַרף איך האָבן, אַזויפיל אָרט נעם איך מיר, קיינעם מאַך איך נישט ענג; אויף קיינעמס חשבון לעב איך נישט.

מיינט איר, איך האָבֿ זיי ליבֿ דידאָזיקע, אָ, דידאָזיקע, וואָס האָבֿן גענומען און זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק צו דער ערד, כאָטש נעם און טרעט אויף זיי? מיינט איר, דאָס איז אַ שכל אַזוי נידעריק זיך אַראָפּצולאָזן, אַז יעדער פּוסט־און־פּאַסניק זאָל אויף דעם קענען טרעטן? נישט דערלעבֿן זאָל מען צו אַזאַ דאָליע! ווער איז שולדיק? זאָג איך טאַקע, אַז דידאָזיקע יאַגעדע־מענטשעלעך זענען אַליין שולדיק, וואָס האָבֿן זיך שפּל געמאַכט; און מחמת דעם האָבֿ איך זיי נישט ליבֿ.

אָבֿער פֿאַראַנען נאָך ערגער — די כלומרשטע קאָרן און ווייצעלעך, וואָס כדי צוליבֿ איין לעבֿל ברויט באַדאַרף מען אַזעלכע הונדערטער און טויזנטער, און אפשר מיליאָנען ווייצעלעך, צי קערנדלעך מאָלן, ראָשטשינען, קנעטן און באַקן, מאַכן, אַז דאָס קאָרנדל און דאָס ווייצעלע זאָל מען מער נישט דערקענען. אַז אָך און אַז ווי איז צום רבֿ מענטשעלע טאַקע, אַז אָך־און־ווי, כאַ־כאַ־כאַ! איך לאַך פֿון צרות, לאַך איך. אָט דאָס איז דאָך ווידער די צרה, כאַ־כאַ־כאַ: — כדי אַזאַ ראָקעפֿעלער, צי אַזאַ פֿאָרד, צי אַן אַנדער שוואַרץ יאָר, זאָל קענען פֿאַר זיך אָפּבאַקן דעם שיינעם, גילדערנעם ברויט — באַדאַרף ער אַזעלכע צענדליקער טויזנטער, און הונדערטער טויזנטער רבֿ מענטשעלעך צעמאָלן, ראָשטשינען, קנעטן און באַקן . . . און שפּעטער? וואָס ווערט פֿון אַזעטיקע הונדערטער און טויזנטער מענטשעלעך? איך בעט אייך איבער אייער כבוד; דאָס וויל איך שוין נישט אַרויסרעדן; דאָס פּאַסט מיר שוין נישט אַרויסצורעדן. נאַראָנים נאָר ווילן מיר איינרעדן און זאָגן, אַז די־דאָזיקע מענטשעלעך זענען אַן עיקר, אַ יש, אויף דידאָזיקע מענטשעלעך שטייט די וועלט, כאַ־כאַ־כאַ!

אַז־אָך, און אַז־ווי צו אַזאַ וועלט! וואָרן, הלמאי זאָל איך דאָס נעמען און פֿאַרגלייכן דעם מענטשן צו אַזעלכע חשובֿע געוויקסן ווי קאָרן, אָדער ווייץ? און ווי זעמדעלעך, וואָס מען טרעט מיט די פֿיס? וואָס, דאָס איז אפשר צופֿיל, וועט איר זאָגן? מאַכט איר אַ טעות, מיסטער . . . איר לעבט אין אַמעריקע, און זייט נישט קיין גרינהאָרן: טאַקע ווי זאַמד אונטער די פֿיס, טאַקע ווי שטיינער אין ברוק איז דאָ נישט רבֿ מענטשעלע, דער גרויסהאַלטער?

איך פרעגט: — ווער בין איך? וואָס בין איך? איך בין אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. פון מיר איז נישטאָ וואָס צו רעדן. אויף מיר זאָגן שכנים, אַז איך בין אַ משוגענער, כאַ־כאַ־כאַ, אַ פאַר־פאַלענער בין איך, זאָגן זיי אויף מיר. דאָס איז אמת. מחמת קיינער ווערט נישט פאַרפאַלן, און דאָס איז די צרה. אפילו אַ שטויבעלע ווערט אויך נישט פאַרפאַלן. אפילו אַ שטויבעלע שרייט אויך: — געוואַלד, מען טרעט אויף מיר מיט אַ שווערן שטיוול! . . . יאָ יאָ, אפילו דאָס שטויבעלע יענטשעט און קרעכצט; נאָר פאַר דעם איז דאָך ברוך השם קיין אויערן נישטאָ.

נאָר איך בין צו ווייט פאַרקראָכן, כאַ־כאַ־כאַ . . . מיינע שכנים לאַכן פון מיר, אַז איך דערצייל זיי פון מענטשן, וואָס זענען פונקט ווי אַ הייפּטל קרויט, פול מיט סודות, גאָלע וויכטיקייט . . . אַ בלעטעלע אויף אַ בלעטעלע אַרויפגעוויקלט און רונדיק; אַ בלעטעלע וויקלט זיך אויף אַ בלעטעלע, און האַרט וויקלען זיי זיך אָן איינס אויפן אַנדערן, ממש נישט דורכצוקוקן וואָס אינעווייניק איז; און אינעווייניק איז נישט מער ווי אַ האַרטער קאַטשאַן, כאַ־כאַ־כאַ! זיי לאַכן פוי מיר, ווען איך מאַך צו זיי: — אַז דאָס זייט איר, זאָלט איר מיר מוחל זיין, הייפּטלעך קרויט; אַ האַרץ האָט איר — איז דאָס באַנ׳איך איינגעוויקלט אין שלייערן, פאַלש און באַהאַלטן! מחמת פול מיט סודות איז דאָס רב מענטשעלע, דאָס בעל־גאווהלע...

איך ווייס, איך ווייס, איך טו דעם מענטשן אָן גענוג כבוד מיט אַלע פאַרגלייכענישן. איך ווייס, איך האָב גאָר באַדאַרפט נעמען און פאַרגלייכן דאָס רב מענטשעלע צו אַ פּיפּערנאָטער, וואָס קריכט ביי דער ערד, פאַרגנבעט זיך אַהינטער דיר, און גיט דיר אַ גיפטיקן ביס אין סאַמע פּיאַטע, און עס קומט שוין אויף דיר אַ מיתה משונה; איך ווייס, איך ווייס, איך האָב רב מענטשעלע באַדאַרפט פאַר־גלייכן, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, מיט אַ טכויר האָב איך אים באַדאַרפט פאַרגלייכן, וואָס באַפאַלט די שוואַכע הינער מיט זיין שלעכטן ריח, פאַרגלוּשעט זיי מיט זיין שלעכטן ריח . . . איך ווייס, איך ווייס, צו אַ כיטרען פוקסעלע האָב איך אים באַדאַרפט פאַרגלייכן, וואָס גראָבט זיך אַריין אין אַ שטייג עופות, און כאַטש פאַר זיין מאַלצייט וואָלט אים געוועין עד־בלי־די איין הון — נעמט ער און שטיקט זיי אַלעמען אויס!

איך ווייס, איך האָב רבֿ מענטשעלען באַדאַרפֿט פֿאַרגלייכן מיט דעם בלינדן קראָט, וואָס גראָבט זיך אין דר׳ערד, און מיינט, אַז קיין ליכטיקערע וועלט איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. אָדער צו אַ וואָלף, וואָס כאַפּט נאָר באַם גאָרגל דעם אומגליקלעכן פֿערד, רייסט אים אויף זיין גאָרגל; און כאָטש רבֿ וועלפֿעלע באַדאַרף נאָר איין מאָלצייט האָבן, פֿאַרגינט ער זיך צו נעמען און פֿאַרצוקן אַ גאַנצן פֿערד, כאַ־כאַ־כאַ! איך האָב אפשר געקאָנט גאָר נעמען און פֿאַרגלייכן רבֿ מענטשעלען מיטן הונט, וואָס שטייט אויף די הינטערשטע פֿיס, שטעקט אַרויס די צונג, די סלינע רינט אים פֿון מויל, און ער דרייט נאָך בשעת מעשה מיטן עק — אַזוי לעקט ער זיך אונטער צום כלומרשטן באַלעבאָס זיינעם!

און וואָס מיינט איר, באשר איך ווייס, אַז דאָס איז דער סאַמע אמת — דאַריבער האָב איך גאָר מורא דאָס אַרויסצוזאָגן. וואָרן בסוד וועל איך אייך זאָגן: נעמען האָב איך באַדאַרפֿט און פֿאַרגלייכן רבֿ מענטשעלען צו אַ זלידניער פֿליג, וואָס איז קליין, און פֿונדעסטוועגן פֿאַרגינט זיך עס מיט אַ שטעכיק נעדעלע זיך אַריינגראָבן אין יענעמס לייב אַריין, און נאָגן.

נאָר, אַז איר פֿרעגט: — וואָס האָב איך ליב, און וואָס פֿיינט? איר ווילט וויסן, וועמען איך האָב ליב און וועמען איך האָב פֿיינט? רעכט, אַז אויף מיר זאָלט איר אויך נעמען און זאָגן, אַז איך בין אַ מענטשנפֿיינט; אַז אַזאַ מענטש ווי איך איז נישט ווערט, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט! אַרט מיר נישט וואָס מען זאָגט אויף מיר. נאָר, אַז איר פֿרעגט שוין — זאָג איך אייך. פֿון אַלץ אין דער וועלט האָב איך פֿון קינדוויז אָן פֿיינט געהאַט כריין, כאַ־כאַ־כאַ... יאָ, יאָ, לאַכט נישט פֿון מיר; טאַקע דעם סאַמאָראָדנעם כריין, וואָס מען מאַכט פֿון אים אַזאַ צימעס ביי אידן פּסח צום סדר, שבת צו די פֿיש. אים האָב איך פֿיינט געהאַט אַלע יאָרן בתכלית השנאה.

און כריין־מענטשעלעך האָב איך פֿיינט. וואָס, איר האָט קיינמאָל נישט געזען ווי און ווי אַזוי כריין וואַקסט? ווי לאַנג ער איז — אַזוי טיף וואַקסט ער! ער וואַקסט אין דער טיף — אָט ווי אַ הינעריוויג וואַקסט אין דער טיף. אויבן, כלומרשט, מיט ברייטע, גרינע בלעטער, מאַכט אַ וואָרע פֿאַר דידאָזיקע בלעטער, מחמת רבֿ כריין גראָבט זיך אונטער זיי אין דער טיף!

אַ טעם, זאָגט איר, האָט כריין? שטאַרק איז כריין? אַ פייג האָט ער אַ טעם! גאָלע אָפּנאַרעריי, סאַי מיט זיין שטאַרקייט, און סאַי מיט זיין טעם. גאָלע אָנשטעל. נישט קיין פּירה און נישט קיין קרייטעך . . . אַ נבזה איז דאָס, וואָס האָט זיך באַפּוצט מיט גרינע בלעטער, ווי כלומרשט אונטער די בלעטער וואָלט אַ קאָפּ געווען. און וואָס האָט איר פון אים — טרערן אין די אויגן? אין די נאָז־לעכער פאַרגייט?

אוי, ווי איך היט זיך פאַרן כריין־מענטשעלע! איך היט זיך פאַר אים מער ווי פאַר דעם סם־המותדיקן אויסגעפּוצטן שוואָם, היט איך מיך. איך האָב פיינט דאָס יחסנדל, וואָס מאַכט, דיר זאָל פאַרגיין אין נאָז און טרערן זאָלן דיר גיסן פון די אויגן. יאָ, נעמט נישט פאַר אומגוט, באַ די יידעלעך איז כריין אַן עולם ומלואה; כריין־מענטשעלעך האָבן מיר באַ אונדז אָן אַ שיעור, טפו זאָל עס ווערן . . . קיין חידוש נישט, וואָס גויים האָבן אונדז פיינט. אַליין גראָבט מען זיך אין דר׳ערד אַריין, און אויבן שיינט מען מיט גרינע בלעטער. אַליין איז מען שטאַרק מיט אַ שטאַרקייט, וואָס וועפּט זיך אויס.

כאַ־כאַ־כאַ, שכנים האַלטן מיך פאַר אַ משוגענעם. אַז איך רעד און רעד — קומען מיר טרערן אין די אויגן אַריין, און אין האַלדז ווערט מיר אַ גאָמולקע. זיי זאָגן, אַז איך בין אַליין אַ כריין, מי־שטיינס־געזאָגט. יאָ, אפשר . . . וואָס קומט אַרויס? אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז איך בין אַ מענטש, און מיר איז גוט וואָס איך בין אַ מענטש.

און איצטער עם איך מיך. איך זאָג מיך אָפּ פון מיינע ברידער מענטשעלעך. און לאָזט מיר זאָגן וואָס איך טראַכט פון זיי. אויב איר ווילט, קאָנט איר מיך אויך האַלטן פאַר אַ משוגענעם, כאַ־כאַ־כאַ . . .

אַ מענטש איז נישט פון אייזן

(מאָנאָלאָג)

— ניין, חלילה, איך קלאָג זיך נישט פאַר אייך. אַז אַ פרוי לעבט אָפּ קרוב צו זיבעציק יאָר און דאַרף צו קיינעם נישט אָנקומען, מעג זי זיין צופרידן. איך האָב אויף מיינע פּלייצעס איבערגע־טראָגן גענוג. די יאָרן האָבן איך נישט אָפּגעשטופּט. און אויב איך זיץ דאָ און פאַרקויף ס׳ביסל געבעקס, איז דאָס נישט אינגאַנצן מיין קינדס שולד. מיין זון וואָלט מיך שוין איצטער געהאַלטן בכבוד. איך אַליין וויל צו אים נישט אָנקומען. מיר איז דאָ גוט.

אַז מ׳איז שוין אַלט קרוב צו זיבעציק יאָר, איז דאָך צייט אַרויס־צושלאָגן זיך פון קאָפּ נאַרישקייטן; אָבער איך בין אַמאָל אַלט געווען זיבעצן יאָר. ווער ס׳פאַרגעסט, און ווער סע געדענקט. איך געדענק מיין יוגנט. אוי, געדענק איך זי! און טאַקע דערפאַר וואָס אַ מענטש איז נישט פון אייזן, אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן, מחמת אַ מענטש קען איבערטראָגן מער און נישט צעבראָכן ווערן — כאָטשבע בייגן בייגט זיך אַ מענטש. אמת, ס׳איז נישט שיין, אַז אַ מענטש בייגט זיך, בפרט אַ פרוי, וואָס האָט אין דער יוגנט געהאַלטן דעם קאָפּ הויך.

ווי איר קוקט מיך איצטער אָן, בין איך אַ שברי־כלי. פינף־און־פערציק יאָרעלעך איבערגעלאָזן דאָ אויפן סאַידוואָק אויף אָרטשאַרד סטריט. צוריק אויפקלייבן די יאָרעלעך — איז שוין קיין אויגן נישטאָ. אָבער אויערן האָב איך. די אויערן דערהערן יעדן שאָרך; די אויערן דערהערן טריט פון פאַר פערציקיאָרן; פאַרשייטע טריט. מיינע אייגענע יונגע, פאַרשייטע טריט דערהער איך נאָך אָט־דאָ זיצנדיק.

טע־טע־טע, ליבע . . . אַמאָל האָט עס נישט געהייסן ליבע. אַמאָל האָט עס געהייסן שטומער האַרצווייטיק, ס׳ליכט פון די אויגן, פאַרוואָגלטע נעכט, מיט טרערן אויסגעווייקטע קישנס, און וואָס דען נישט? ס׳מיידלשע האַרץ האָט זיך אָנגעגאָסן מיט שטילער בענקעניש ביז צום פאַרשוואומען ווערן; האָט מען געשלונגען די

טרערן, זיך געוואָרגן מיט די טרערן, און געגלויבט, אַז דאָס איז שוין ס׳ביטערע מזל פון אַ מיידל, אויב זי איז נאָך אַ שיינע דערצו, אויב זי שפּירט, אַז אויגן קוקט צו איר און גלוסטן צו איר.

איך האָב אין מיין מאַן, זאָל ער דאָרט זיין אין גן־עדן, נישט דערקענט דעם מענטשן וואָס האָט מיין האַרץ אומגעזעענערהייט געפּייניקט. וואָרן וואָס, צי דען נאָר קינדער־האָבן וויל אַ יונג מיידל? צי האָב איך טאַקע מיידלוויז געקלערט, אַז אַלץ וואָס איך וועל נאָך מיין חתונה האָבן די זכיה — איז צו זייגן אַ קינד? דער מענטש מיט וועמען איך האָב געדאַרפט צעטיילן מיין לעבן, איז מיר פון תחילת אָן נישט נאָר געווען פרעמד — נאָר טאַקע אַ שטיק ווילדפלייש: אי ס׳איז צוגעוואָקסן צו דיין לייב, ממש אַ שטיק פון דיין לייב, פונדעסטוועגן איז דאָס ווילד, פרעסט אויף דיין געזונט לייב.

אַ פרוי גיט זיך אַמאָל איבער צום שוואַרץ־יאָר מחמת זי האָט נישט קיין אַנדער ברירה. אַמאָל האָט עס געטייגט אויף כפרות, און איצטער — אויף צען שאָק כפרות. אַמאָליקע צייטן זענען נישט היינטיקע. ס׳איז היינט, וואָס אַ מיידל לאָזט זיך נאָך פאַר דער חתונה אַרומשמעקן. אודאי איז דאָס קרום. אודאי איז אַ מיידל נישט אַ קהלישער ברונעם, וואָס ווער עס וויל, שעפּט און טרינקט פון אים, פאַרזוכט צי ס׳וואַסער איז גוט. אַמאָליקע יאָרן האָט די ליבע געהאַט מער טעם און מער ריח. נאָר צי וואָלט איך מיך געלאָזן קיין אַמעריקע מיט מיין מאַן? אודאי נישט! געטראַכט, אין אַמעריקע, אין דער פרייער מדינה, ווי מ׳האָט יעמאָלט געשמועסט, וועט ער מיך אַוועקוואַרפן. אַ שאָלטיק געווען. כאָטש כ׳האָב עס איצטער נישט געדאַרפט אַרויפברענגען מער אויף די ליפּן. הנאה האָט ער געהאַט — דער גוטער יאָר האָט אים געוואוסט פונוואַנען און וואָס. איך בין אים פונדעסטוועגן געווען אַ מאַמע צו זיין זון. כאָטש אַז ער איז אַוועק אינדערפרי צו דער אַרבעט האָט ער זיך שוין ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט נישט באַוויזן, און אַמאָל גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן צו קומען אַהיים. דאַכצעך, ס׳קינד האָט אין פּנים אים נישט אַנגעקוקט; פונדעסטוועגן, דער מאַמען אויף צו להכעיס, אַז ס׳האָט דערזען דעם טאַטן — האָט עס דער מאַמען געקאָפּעט מיט די פיס.

נו, וואָס באַשטראָפן אים האָב איך באַדאַרפט? צאָלן אים מיט דער אייגענער מטבע? אודאי בין איך אַמאָל געווען יונג; אודאי, ווען איך וואָלט נאָך דערלאָזן; ס׳איז דאָך אַן אַלטע מעשה: — יענעמס איז געשמאַק! געווען טריפהנע אויגן, וואָס זענען דיר נאָכ־געגאַנגען. כאָטש אַ בייבי אויף דער האַנט — האָט עס נישט געשאַדט צו פרעסן דער יונגער מאַמען מיט די אויגן.

וואָס, כ׳וויס, איר טראַכט, די שלעכציקייט רעדט אין מיר; אָדער די ביטערניש רעדט אַרויס פון מיר. אודאי איז מען פאַר־ביטערט. אַ מענטש האָט אַ גאַל. אַ מענטש האָט אַ האַרץ. אודאי האָט אַזוי נישט געדאַרפט זיין. אַ מאַמעס האַרץ זאָל ווערן ווי אַ שטיק פאַרזשאַווערט אייזן . . . ניין, איך האָב זיך מיט מיין זון נישט געקריגט. מיט מיין שנור אודאי נישט. אפשר איז טאַקע אין דעם מיין אומגליק וואָס כ׳האָב געהאַט אַ זון און נישט קיין מיידל. אַ מיידל, זאָגט די וועלט, אַז זי האָט חתונה, ברענגט זי דער מאַמען פון דרויסן אַ זון; אַן איידים איז געטריי דער ווייבס מאַמען. און אַז אַ זון האָט חתונה — שלעפט אים די שנור אַוועק צו אייגענע. ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען מיין זון וואָלט גענומען און חתונה געהאַט מיט אַ יידישער טאָכטער, וואָלט איך געקענט האָבן תרעומות אויף מיין שנור, הלמאי זי האָט גענומען און פאַרהאַקט די טיר פאַר אַ שוויגער. דאָ האָב איך אפילו נישט אויף וועמען צו האָבן פאַראיבל. אויף דער שנור אודאי נישט; אויף מיין זון? כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, כ׳געדענק שוין גאָרנישט צי כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ זון.

אפשר בין איך ווערט דעם שטעקן. אפשר איז נישט רעכט, אַז אַ מאַמע האָט אייביקע טענות צו אַ קינד. קינדער האָבן נישט געבעטן, מ׳זאָל זיי ברענגען אויף דער וועלט. איך האָב מיין קינד קיין רעה נישט געטאָן. אַז איך בין נאָך געווען זיין מאַמע — האָב איך פאַר אים דעם קאָפּ אַוועקגעגעבן; און שפּעטער, אַז ער האָט חתונה געהאַט, באַ דער מאַמען נישט געפרעגט און איז געווען צו־פרידן — בין איך מיט אים געווען קוויט. נאָר איינס וויל איך אייך זאָגן: אָטא־דאָ אין דער פאַרשאָלטענער אַמעריקע, האָט אַ מאַמע גלייכער געדאַרפט זיך אָנטאָן אַ מיתה־משונה איידער געבערן קינ־

דער. אָדער, אויב שוין יאָ געבערן — האָט זי געזאָלט געבערן שטיינער, און נישט קיין קינדער!

קוקט נישט, כ'בעט אייך . . . אַ נאַווענע אַ אידענע לאָזט טרערן . . . ס'איז שוין אַזוי באַשערט, די מאַמע זאָל פאַרגיסן טרערן, איך האָב זיך געשלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט, ווען מיט זעכצן יאָר צוריק האָט זיך דער טאַטע פון מיין קינד אַנידערגעלייגט און שוין נישט אויפגעשטאַנען. כאָטשבע איך האָב מיט אים אינאיינעם געהאַט אַ פינסטערע דאָליע, פונדעסטוועגן האָב איך מיר געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. פונדעסטוועגן האָב איך פאַרגאָסן טרערן. איצטער, חלילה, וויין איך נישט אויף מיין פינסטערער דאָליע. איצטער קלאָגט אין מיר נישט די פאַרפינסטערטע מאַמע. כ'וואָלט מיר שוין בעסער מיינע ליפּן צעביסן איידער דאָס צו טאָן. ער האָט נישט פאַרדינט, כ'זאָל איצטער מיר נעמען ס'לעבן צוליב אים. נישט מער, מ'איז געבליבן אויפן סאַידוואָק, טאַקע אויף דעם אייגענעם סאַידוואָק וואו מיינע יונגע יאָרן האָבן געטשאכניעט און צעטראָטן געוואָרן פון מענטשעשע פיס.

איר פאַרשטייט, מיין זון בעני איז אַנומעלטן אַראָפּגעקומען אויף אָרטשאַרד סטריט. איז אומגעגאַנגען הין־און־קריק, האָט זיך כלומרשט געמאַכט, אַז ער זעט מיך נישט. אָט ווי איר זעט מיך דאָ אַזוי זיצן — בין איך יעמאָלט אויך אַזוי געזעסן אויפן איבער־געקערטן קעסטל. נאָך איידער כ'האָב אים דערזען האָט עס מיר אין האַרצן אַזאַ זעץ געטאָן, אַזש ס'האַרץ האָט זיך מיר אָפּגעריסן. און אַז איך האָב אים דערזען, פאַרשטיי איך אַליין נישט פאַרוואָס מיר האָט זיך אַזוי אין האַרצן אָפּגעריסן. כ'האָב תחילת חשק געהאַט, אַ נעם טאָן דעם קאָשיק מיט געבעקס און לויפן וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן.

אָבער ס'איז נישט אויסגעקומען. ער אפנים אויך האָט מיך דער־זען, און נישט געקאָנט פועלן באַ זיך תיכף צוצוגיין. מיר האָבן זיך שוין נישט געהאַט געזען מערער ווי אַ יאָר צייט.

— וואָס מאַכסטו, מאַמע? — מאַכט ער צו מיר. און איך זע, די אויגן זענען אים פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. פאַרשטאַנען, עפּעס איז געשען. פאַרשטאַנען, אַז אויב אַ קינד דערמאָנט זיך אָן

דער מאַמען — איז עס נישט אומזיסט. און ווי מיין האַרץ האָט מיר נישט פאַרקלעמט, איז דאָס דייקע וואָס אים זענען די אויגן פאַר־לאָפן מיט טרערן, האָב איך מיר געמאַכט כלא־ידע, גלייך ווי כ׳וואָלט אַ ווילד־פרעמדן באַגעגנט.

אים האָט עס שטאַרק געחידושט. ער האָט אַ ביטערן שמייכל גע־טאָן, און ווידער געפרעגט:

— וואָס, דערקענסט מיך גאָרנישט? ביסט אויף מיר ברוגז? דאָס פאַסט נישט פאַר אַ מאַמען. וואָס מאַכסטו? בין געקומען מיט דיר איבערשמועסן. וויל נעמען אַ דירה און דיך אַריינגעמען; מיר׳ן לעבן אינאיינעם . . .

האָט עס מיר ווי מיט אַ מעסער אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. כ׳האָב באַמערקט, אַז ער איז שטאַרק אַראָפּ פון פּנים. כ׳האָב דער־קענט, אַז אים איז אָך־און־ווי. עפּעס איז צווישן אים און זיין ווייב גלעדיס פאָרגעקומען. זי האָט דאָך אָבער שוין פון אים צוויי קינדער, אַ יינגל פון דרייצן יאָר און אַ מיידעלע פון ניין; האָט זיך עס מיר נישט געקענט פּאַטופּען אין מוח פאַרוואָס ער האָט זיך צו מיר אַראָפּגעלאָזן.

— איך בין געקומען צו דיר ווי צו אַ מאַמען, און דו קוקסט מיך אָן ווי אַ פרעמדע — האָט ער ווידער מיט בושה אין פּנים צו מיר אַראָפּגעקוקט. איך בין מיר געזעסן, ווי איך זיץ איצטער פאַר אייך. — נו, נו, מאַמע — מאַכט ער צו מיר און נעמט מיך פאַרן אָרעם — הלואי וואָלט איך דיך געוועזט פאָלגן און חתונה האָבן פאַר אַ יידיש מיידל. כאָטש מיר איז די ערשטע צייט געווען גוט מיט איר; זי איז מיר געווען אַ געטריי ווייב און געטרייע מאַמע, די קינדער האָבן געהאַט פאַר מיר אָבשיי, האָבן גאָרנישט געמאַכט קיין ווען פון דעם וואָס דער טאַטע איז אַ ייד. נאָר די לעצטע צייט האָט זי אָנגעהויבן גיין אין טשוירטש. דאָרטן האָט זי זיך אָנגעהערט מיט פינסטערע דרשות אויף יידן. אַליין איז זי געוואָרן גאָר אַן איבערגעקערטע און האָט די קינדער אויך אָנגע־רעדט, מ׳זאָל דעם טאַטן אַרויסשטעקן אַ צונג. „יור דעדי איז אַ קאַיק״ — האָט זי פאַר מיר אין די אויגן אַ זאָג געטאָן צו די קינדער...

וואָס האָב איך מיין זון געדאַרפט זאָגן, אַז כ׳בין נאָך זיין מאַמע

און בין גרייט אים צו נעמען אויף מיין האַנט און פֿאַרוויגן אים? אָדער נעמען גאָר דאָ פֿאַר דער גאַס אין די אויגן, אויסלאָזן צו אים מיין ביטער הארץ און אַרויסזאָגן אים אַלץ, וואָס מיר האָט זיך אָנגעקליבן אויפֿן האַרצן? כאָטש באַ מיר אין האַרצן האָט זיך בשעת מעשה אָפּגעטאָן, קען איך אייך איצטער נישט דערציילן. כ׳ווייס אפילו נישט פונוואַנען צו מיר קומט אַזאַ כוח צו קענען מאַכן אַזאַ מ׳כלומרשטן אָנשטעל, אַז איך הער נישט, און פֿאַרשטיי נישט וואָס ער רעדט.

— אַז אַ מענטש פֿאַרזינדיקט צו גאָט — מאַכט ער צו מיר — קען ער זיך אויסקויפֿן פֿאַר זיינע זינד. ער בעט צו גאָט, און גאָט איז אים מוחל. און טאָמער האָט אַ זון זיך פֿאַרזינדיקט פֿאַר זיין מאַמען און ער קומט גוטמאַכן פֿאַר זיינע זינד, איז גאָר קיין תשובה נישטאָ! פֿאַרוואָס שווייגסטו, מאַמע? מיר איז נישט גוט, כ׳האָב נישט פֿאַר וועמען אויסצוגיסן מיין ביטערן צער; בין געקומען צו דיר; כ׳האָב איצטער נישט קיין היים, מיר איז פֿרעמד געוואָרן מיין שטוב, מיין היים, מיינע קינדער, אַלץ, אַלץ שטעכט מיר איצ־טער ווי מיט שפּיזן. כ׳וועל איר געבן צום לעבן, איר און די קינ־דער וועל איך געבן געגנוג צום לעבן; כ׳וויל נאָר, דו זאָלסט זיך אויפהייבן פונדאַנען; איך וועל מאַכן אַ היים פֿאַר דיר און פֿאַר מיר. איך וועל דיך האַלטן בכבוד, ווי נאָר אַ זון קען האַלטן אַ מאַמען בכבוד.

איר הערט, ער וועט דער מאַמען האַלטען בכבוד, ווי נאָר אַ זון האַלט אַ מאַמען בכבוד . . . ס׳אי דאָך אָבער אַ ביטערער אמת, אַז בכבוד קען נאָר האַלטן, אויב גאָט האָט באַשערט, איז אַ מאַן קען האַלטן זיין ווייב בכבוד. אָבער אַ זון אַ מאַמען — אַז אָך־און־וויי צו די יאָרן מיט וואָס קינדער צאָלן אַ מאַמען! כאָטש איך זאָג, אַז אַ מאַמען קומט נישט בעסער. אַ מאַמע איז ווערט דעם שטעקן. און דער עיקר, האָב איך דאָך פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז פֿאַרקראָכן אין אַ גרויס אומגליק. און ער גלויבט, אַז אויב ער וועט נעמען, אַוועקוואַרפֿן ווייב און קינדער און אַוועק וואוינען מיט דעם צעבראָכענעם שאַרבן, מיט דער מאַמען — וועט צו אים אַריינ־שיינען די ליכטיקע זון! און צוליב וואָס, צוליב ווען, פֿרעג איך

איך, האָב איך געדאַרפט נעמען און ווערן צוריק אַ וויסטע מאַמע, כדי מיין זון זאָל האָבן אויף וועמען זיינע צרות אויסצולאָדן ? אַז אים איז געגאַנגען גוט, האָט ער דער מאַמען קיין ראַפּאָרט נישט אָפּגעגעבן. אַז די גויע האָט פון אים ווי אַ פּיאַווקע ס׳חיות אויס־געזאָגט און ער האָט פון דעם געקליבן נחת — איז ער צו דער מאַמען נישט געקומען.

אודאי האָב איך אים נישט געקענט געבן קיין עצה. אודאי האָב איך אים נישט געקענט נעמען און זאָגן, ער זאָל טאָן ס׳אייגענע, וואָס זיין טאַטע האָט געטאָן מיט דער מאַמען; גענומען און אַוועק אויף גאַנצע נעכט, מיך געלאָזן מיטן קינד אויף די הענט — מחמת ער האָט געהאַט אַ פּאַרדרייעניש . . . ניין, דאָס האָב איך נישט געוואָלט טאָן. אויף אַזאַ דרך פירט נישט אַ מאַמע אירס אַ קינד. מעג זיך דאָס קינד פאַרקריכן אין בלאָטע אַריין, און כאָטש זיין ווייב, די מאַמע פון זיינע קינדער איז אַ גויע, און ווי ער דערציילט האָט זי אים אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין און אָנטקעגן אים אַרויס־געשטעלט די קינדער . . .

— גיי דיר צוריק צו דיין ווייב און צו דיינע קינדער — האָב איך אים געזאָגט — איז דאָס אַ שטראָף פון גאָט, נעם זי אָן ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָרנטלעכן מאַן. דיין מאַמע וועט שוין איר וועלטל ווי ס׳איז דורכשטופּן. דיין מאַמע האָט זיך שוין אויסגעלערנט צו קייען די ערד און מיינען ס׳איז מאַרצעפּאַנעס. דיין מאַמע וויל נישט טאָן דאָס וואָס זי האָט נישט געקענט טאָן ווען זי איז געווען יונג — וואָרן אָט אַזוי ווי דיין ווייב באַהאַנדלט דיך, האָב איך באַדאַרפט דיין טאַטן באַהאַנדלען . . . און אפשר גאַר קומסטו אָפּ פאַר דיין טאַטנס זינד, קען איך דיר שוין אודאי און אודאי נישט העלפן.

באַ די ווערטער האָב איך די אויגן באַגראָבן אין סאַידוואַק, און אפילו נישט געזען ווי און וואוהין מיין זון איז נעלם געוואָרן. אַז איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און געזען אַז ער איז נעבן מיר נישטאָ, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז געווען אַ וויסטער חלום: בין איינגעשלאָפן און מיר האָט זיך עס געחלומט. אָבער איך פאַר־זיכער אייך, אַז דאָס איז נישט געווען קיין חלום; מחמת אַ מענטש איז אין חלום נישט אַזוי האַרט ווי איך בין געווען צו מיין אייגן קינד, צו מיין פליייש און בלוט.

נאָר מיר פֿאַרדריסט נישט, וואָס איך האָב זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, געמאַכט אַ פּנים ווי כ׳וואָלט פֿון אים נישט וועלן וויסן און הערן. מיין צעבראָכן לעבן קען מיר קיינער נישט גאַנץ מאַכן. מיין וויסט לעבן קען שוין איצטער קיינער נישט באַשיינען. אפילו אַן אייגענער זון — אויך נישט. און זעט איר, אַז מיין אייגענער זון איז צו מיר געקומען איז בין איך געווען צו אים נאָך ערגער ווי פֿרעמד; אַ פֿרעמדן וואָלט איך אויסגעהערט, פּונקט ווי איר, אַ ווילד־פֿרעמדער, הערט מיך אויס.

אָבער אַז איך דאַרף זיך גוט און געשמאַק אויספֿוויינען, טאַקע נעמען און ס׳גאַנצע לעבן אויסבאָדן אין מיינע הייסע טרערן, יעמאָלט נעם איך און פֿאָר אַוועק קיין בּרוקלין, זוך אויף דעם בית־עולם, זוך אויף דעם קבר וואו מיין מאַן ליגט באַגראָבן, און איך וויין, און איך וויין, און מיר דוכט זיך אויס, אַז נישט די זקנה ביילע־לאה וויינט, נאָר די זיבעצן־יעריקע ביילקע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ לאַנגן שלאָף, און אַלץ וואָס איר איז געבליבן אויף דער וועלט — איז אויסצואוויינען איר האַרץ, איר זאָל גרינגער ווערן.

דערומעך זאָג איך אייך, אַז אַ מענטש איז נישט פֿון קיין אייזן. אָהאָ, אַ מענטש איז שטאַרקער פֿון אייזן!

אַ געפּאַלענער שטערן

— געשפּילט, אָפּגעשפּילט און פאַרשפּילט . . . האָ, ס׳איז אַ ווייטיק צו מישן די בלעטלעך פון אַ פאַרשפּילט און אָפּגעשפּילט לעבן! אמת, איך זאָג אויך, דאָס גאַנצע טעאַטער־שפּיל איז נישט מער ווי אַ שפּיל פאַרן טייוול. און איר, מיין פריינט, אייך באַדאַרף מען נישט אַריינלייגן קיין פינגער אין מויל, איר פאַרשטייט אַזוי גוט ווי איך, אַז אַ שפּיל פאַרן טייוול איז נישט אַרויסגעוואָרפן. אמת, דער טייוול וויל דיין האַרץ, דער טייוול וויל, דו זאָלסט ברענען און שרפהנען — ברענט מען און מען שרפהט: אויף דעם איז מען אַן אַקטיאָר!

זייט וויסן, מיין פריינט, אַן אַקטיאָר, אויב אין אים שטעקן נישט קיין צען נשמות, איז ער אַ גלאָמפּ, וואָס דרייט זיך אַרום איבערן סטיידזש. טאַקע צען נשמות, זאָג איך, באַדאַרפן אין אַקטיאָר זיך צאַפּלען. איינע באַדאַרף זיין איידל און שטיל, און איינע — ממזר און גנב . . . עס איז געוועגדט וואָס פאַר אויגן סע קוקן צו דיר פון פובליקום. אודאי, מיין פריינט, מיין שטערן האָט געלויכטן, איז דאָס געווען יעמאָלט, ווען מיינע אַלע צען נשמות האָבן געשטעקט אין מיינע פיס! . . . יאָ, יאָ, מאַכט נישט קיין זויערע מינע, איר מיינט, אַז אַן אַקטיאָר איז דער, וואָס האָט אַ גלאַטע צונג, און האָט נאָך דערצו אַ זיס קולכל, צי אַ ווייבעריש פנימל? אַטאָ דאָס מיינט איר? מאַכט איר, מיין פריינט, אַ גרויסן טעות! אַז די גרינע זענען אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקע, האָבן פאַרדינט די פּאָר דאָלער, און זיך אַוועקגעלאָזן זוכן פלעזשור אין אידישן טעאַטער, כאָטש זיי זענען געקומען אין טעאַטער נאָך סאַפּער — האָבן זיי מיטגענומען אַ ווייך האַרץ און אַ פּעסעלע טרערן. האָבן זיי אָבער אויך מיטגענומען אָראַנדזשעס און פּינאַטס, צו שטאַרקן דאָס האַרץ בשעת סע האָט פאַרקלעמט אונטערן לעפּעלע; צען הערצער האָט דאָס פּובליקום געבראַכט און באַדאַרפט האָט מען יעדער האַרץ באַזונדער קיצלען, סע זאָל חלילה נישט איינדרעמלען! פאַראַן, מיין פריינט, מאַנסבילשע נשמות און מאַנסבילשע הערצער, און פאַראַנען

ווייבערשע הערצער און ווייבערשע נשמות. אין טעאַטער, מיין פריינט, פאַרבייטן זיך די הערצער און די נשמות, מענער ווערן ווי ווייבער, און ווייבער ווערן ווי מאַנסבילן.

אוי, אַז איך דערמאָן זיך אין יענע צייטן — שטעלן מיר זיך איצטער טרערן אין די אויגן. ווייבער האָבן ממש די הערצער און די נשמות אַוועקגעגעבן: „העלף מיר, טאַטעלע טייערער, העלף מיר עפענען מיינע בעכן טרערן; מחמת זינדיק בין איך, און האָב פאַר־געסן גאָט צו בעטן . . .״ אודאי, מיין פריינט, אין יענע צייטן, ווען מיין שטערן האָט געלויכטן, איז טעאַטער געווען אַ שול מיט זינ־דיקע, און די אַקטיאָרן האָבן געוועקט נשמות, זיי זאָלן תשובה טאָן . . . איין קלייניקייט, וואָס פאַר אַ טעם ס׳האָט געהאַט כל־נדרי אין שול אין דער אַלטער היים? אין אַמעריקע, אין יידישן טע־אַטער, האָבן יידעלעך בעשיינפערלעך אַרויסגעזען, אַז יידן זענען זיי און יידן וועלן זיי בלייבן. הערצער פאַרמאָגן זיי, און טרערן אמתע — גאַנצע פעסער.

אַ שיין פנים וואָלט אָבער דאָס גאַנצע טעאַטער געהאַט, ווען מען זאָל אויפן סטיידזש כסדר פראַווען חזנות. טעאַטער, איז טע־אַטער! האָט מען אויסגעגאָסן דאָס ביסעלע טרערן, האָט די פרומע נשמה זיך אין האַרצן געקלאַפּט חטאתי — האָט תכף דאָס קעפּעלע אַרויסגעשטעקט די לייטישע נשמה! דאָס זינדיקע הערצעלע האָט געבעטן: „אוי, העלף מיר, טאַטעלע, באַווייז מיר ווי די צדיקים באָדן זיך אין וואוילטאָק אין ליכטיקן גן־עדן . . .״ אויף דעם, זאָג איך, האָט דער אמתער אַקטיאָר באַדאַרפט האָבן די נשמה אין די פיס! אודאי מיינט איר, אַז לשון האָט נאָר די צונג. בעט איך אייך איבער אייער כבוד, אויב איר מיינט אַזוי. וואָרן וואָס איז אַ צונג? זי רעדט אויס וואָס אין דער קאָרט, זי קען זאָגן ליגן אָן אַ שיעור; אויפן סטיידזש איז די צונג די גרעסטע ליגנערטע: זי נאַרט אָפּ נישט נאָר דאָס נאַרישע פובליקום — זי נאַרט אָפּ זיך אַליין, נאַרט זי אָפּ . . . אָבער די פיס זענען ערלעך, די פיס זענען גאָלע אמת!

דאָס וואָס מיינע פיס האָבן אַרויסגעזאָגט, בשעת זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון סטיידזש און אויסגעטאַנצט די טריפענע ליבע, האָבן

אפילו די וועגט פֿאַרשטאַנען און געגלויבט. אוי, מיין פֿריינט, אין יענע יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען בײַ מײַנע פּיס, ווען זיי זענען נאָך יונג געווען, פֿלינק און בויגיק ווי אויף גילדהערנע ספּרונדזשי־נעס, כאָטש איינגעצויגן אין טריקאָטאַזש, האָבן זיי געריידט לעבע־דיקע, צאַפּלדיקע ווערטער . . . זיי האָבן זיך דורכגערעדט מיט הונדערטער פֿאַרבענקטע, און הונדערטער גרינע נשמות און הערצער!

אויגן, אויגן — ווייבערשע אויגן האָבן מיך נאָכגעיאָגט אין אַלע ווינקעלעך פֿון סטיידזש. איך בין יונג געווען, און דאָס פּובליקום איז נאָך יעמאָלט געווען יונג. די ווייבלעך און די מיידלעך, וואָס זענען געקומען אין טעאַטער אַריין, האָבן די הערצער אויסגעליי־דיקט אינדערהיים, געבראַכט זיי אין טעאַטער אַריין הונגעריקע און דורשטיקע: „אוי, טאַטעלע, ס׳הערצעלע גלוסט עפּעס, און איך ווייס אַליין ניט וואָס . . . אוי, טאַטעלע, ס׳הערצעלע גלוסט נאָך אַזאַ זאַך, וואָס איך האָב אין דערהיים, אין רוסלאַנד, ניט געהאַט. טאַנץ, לעבן מיינס, טאַנץ, נשמה מיינע, טאַנץ מיר אויס די פֿאַר־שפּילטע ליבע מיינע, טאַנץ מיר אויס דעם נחת פֿון מיינע קינדער־לעך . . . טאַנץ מיר אויס מיין שווערע דאַליע, טאַנץ מיר אויס מיינע פֿאַרפֿלויגענע יאָרעלעך . . .״

אוי, מיין פֿריינט, מאַלע וואָס אַ יידיש האַרץ פֿילט יעמאָלט, מאַלע וואָס עס פֿילט דאָס האַרץ פֿון אַ כשרער, יידישער טאָכטער, וואָס האָט אין דער אַלטער היים נישט געטאָרט אַ קוק טאָן אויף אַ שיינעם מאַנסביל. אוי, מיין פֿריינט, אין יענע יאָרן, ווען מיין שטערן האָט געלויכטן — בין איך געווען דאָס פֿלייש פֿאַר הונגע־ריקע, בין איך געווען דאָס וואַסער פֿאַר דורשטיקע, בין איך געווען די נישט־אויסגעשפּילטע ליבע, און בין געווען די אמתע געפֿונענע ליבע פֿאַר די, וואָס האָבן זייער ליבע קיינמאָל נישט געפֿונען . . . כאַ־כאַ־כאַ, אַז איך דערמאָן זיך יענע צייטן, אָט ערשט בעכטן איז דאָס געווען, אַלע זענען מיר יונג געווען: „אוי! טאַטעלע — האָט מיטאַמאָל פֿון פּובליקום אַ צעפּלאַגטע שטים אַ געשריי געטאָן — הער שוין אויף צו טאַנצן, הער שוין אויף, אַז נישט וועל איך דיר מיט אַ דראַנג די פּיס איבערברעכן! . . .״ איר פֿאַרשטייט, מיין פֿריינט, וואָס דאָס האָט געמיינט? דאָס האָב איך די אייפֿערזוכט אַנגעצונדן מיט מיין טאַנץ! כאָטש אַ יידישע טאָכטער איז געזעסן

לעבן איר מאַן, אָבער וואָס האָט זי געקענט טאָן, אַז איר האַרץ האָט זיך אויף אויפן סטיידזש אַוועקגעלאָזן טאַנצן אינאיינעם מיטן ליכ־טיקן שטערן!

האַ, וואָס וועט איר זאָגן, אַז אין יידישן טעאַטער האָט מען אַוועקגעקיילעט יידישע טעכטער? ווי היינטיקע קריטיקער, שריי־באַרעס דערציילן, אַז דאָס יידישע טעאַטער האָט אַוועקגעקיילעט דאָס יידישע פאָלק אין דער גאָלדענער מדינה? עד, נאַראָנים, שוטים, וואָס איר זענט! ווען נישט דאָס אמתע יידישע טעאַטער, וואָלטן דאָ יידעלעך אינגאַנצן אַוועקגעחלשט. יאָ, מיין פריינט, דאָס יידישע פאָלק איז געווען אויף דער וועלט נאָר יעמאָלט, ווען עס איז געקומען אין טעאַטער אויסקלאָגן דאָס האַרץ, און דער־נאָכדעם, כאַטש מיט די אויגן, מיטן האַרץ אַביסל אַ זינדיק טאָן. מיט וואָס, מיינט איר, האָב איך די וועלט איינגענומען? מיט וואָס פאַר אַ כשוף האָב איך אַרויסגעריסן ביי די ווייבער דעם „געזונט זאָל ער זיין" און ביי די מענער דעם „אוי שרפענען זאָל ער"? וואָס, מיינט איר, איז דאָס ווערט געווען, ווען אין איין צייט שיטן זיך אויפן אַקטיאָר ביטערע קללות און הייסינקע ברכות? דאָס איז נישט קיין כשוף, נישט קיין פינצטערער כוח. אַנדערע צייטן גע־ווען, נאָך איידער עס איז אויפגעשטאַנען אויף אונזערע קעפּ די הייליקע קונצעניו מיט דער פאַרחלשטער דראַמעניו און אויסגע־ווייקטער טראַגעדעניו . . .

איצטער קען זיך אַ ליאַדע דראַנג פאַרשטעלן און נאָכזאָגן תורה וואָס דער סופליאָר לייגט אים אין מויל אַריין. מע האָט גענומען דאָס טעאַטער, וואו עס האָט געלויכטן דער ליכטיקער שטערן און געמאַכט פאַר אַן אָרעמער קלויז. אויפן סטיידזש דרייען זיך אַרום איצטער תהילים־זאָגער ביים צוקאָפּנס פון אַ בן־מינן, וואָס האָט פאַר דער צייט קראַפּירט . . .

אוי, מיין פריינט, נעמט נישט פאַר אומגוט, אַז איך זאָג דאָס. נעמט נישט פאַר אומגוט, מיינט נישט אַז דאָס רעדט דער נישט־אויסגעלאָשענער שטערן, נאָר אַ פאַר אָפּגענוצטע קאַזאַצקע פערד, אַ פאָר אויסגעטאַנצטע פיס! אָ, נישט דערלעבן האָבן באַדאַרפט מיינע פיס, זיי זאָלן אָפּטרעטן דעם סטיידזש פאַר דער קונצעניו. איר ווייסט אַליין וואָס פון יידיש טעאַטער איז געוואָרן. דער סטיידזש

האָט פיינט שיינע ווערטער. דער סטיידזש בענקט נאָך יענע צייטן, ווען שטערן האָבן אויף אים געלויכטן!

איך פרעג אייך: וואָס איז שענער, אייער דראַמעניו, וואָס וואַרפט אָן אַ שלאָף אויפן פובליקום, צי דאָס ברענענדיק פייערל, וואָס די שטערן האָבן געצונדן אין פובליקום, ווען דאָס האַרץ האָט גע־בעטן: „אוי, טאַטעלע, טאַנץ אַראָפּ פון סטיידזש, טאַנץ אַריין צו מיר אין די אָרעמס אַריין!" יעס, מיין פריינט, יענע צייטן בעת דאָס פובליקום האָט דעם אַקטיאָר געגעסן מיט די אויגן; די מענער האָבן זיך געגריזשעט ווי אַ גוטן סטייק, און די ווייבער האָבן זיך געזויגן, ווי אַ גוטן, זאַפטיקן ווייַנטרויב — יענע צייטן זענען שוין אַוועק און וועלן שוין מער ניט קומען. די גרויסע שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן. די אמתע שטערן וואַלגערן זיך איצטער אויף דער ערד. אַ שטערן האָט זיין אָרט, אַ שטערן זיצט אין הימל איינגע־פּאַסט. אַ שטערן, אַז ער וואַלגערט זיך אויף דער ערד, איז פינצ־טער אין האַרצן.

און וואָס קלערט איר, מיר איז פינצטער, מיר, דעם געפאַלענעם שטערן? כאַ־כאַ־כאַ, פינצטער איז אין טעאַטער! נישטאָ מער די אַמאָליקע טרערן, און נישטאָ די אַמאָליקע פרייד און געלעכטער. אין יענע צייטן, ווען די שטערן זענען געווען יונג און ליכטיק, איז דאָס פובליקום געגליכנט געווען צו אַ דרויסן, איבער וועלכן וואָלקנס קומען אָן, דונערן קייקלען זיך אין די וואָלקנס און בליצן שניידן זיי אויף פּאַסן. אַ דונער און אַ בליץ! די פינצטערניש ווערט אָנ־געצונדן, און דער דונער — כאַ־כאַ־כאַ . . . כאַ־כאַ־כאַ־כאַ . . . דערנאָכדעם קומט דער רעגן און טוט אַ פּלייץ אַראָפּ, דערנאָכדעם טראָגן זיך די וואָלקנס אַוועק; און עס לייטערט זיך אויס, סע שיינט די זון, ס'איז גרינג, ס'איז אַ מחיה . . .

דער סטיידזש איז געווען מיין הימל, אין אים בין איך געווען ווי אַ שטערן איינגעפּאַסט. דאָס פובליקום, נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שאַפּ, נאָך אַ שווערן סאַפּער, איז געווען געגליכנט צו אַ פאַר־כמאַרעטן דרויסן. שווער און פינצטערלעך, מיט אַ נאָגעניש, מיט אַ בענקעניש צוריק אַהיים. „אוי! טאַטעלע, זונעלע, אַ בריוועלע דער מאַמען זאָלסטו נישט פאַרזאַמען!! . . ." איך בין געווען דאָס

בריוועלע צו דער מאַמען; און איך בין געווען דער דונער, וואָס האָט זיך כאַ־כאַ־כאַ־כאַ געקייקלט אין דער פינצטערער כמאַרע. איך בין געווען דער בליץ, וואָס האָט געפּאַסעוועט די פּאַרוואָלקנטע הערצער, באַטריבטע און פאַרקלאָגטע נשמות; און איך האָב אַרויס־געריסן דעם גוס רעגן פון די אויגן אַרויס. און איך האָב דערנאָך אָנגעצונדן די הערצער און באַלויכטן די נשמות . . . איך האָב געטאַנצט! די סטיידזש־ברעטער האָב איך נישט אָנגערירט, צווישן הימל און ערד בין איך געווען; דעם הימל האָב איך אַראָפּגע־בראַכט אויף דער ערד!

געשפּילט, אָפּגעשפּילט און פאַרשפּילט. ס׳איז אַ ווייטיק צו מישן די בלעטלעך פון אַ פאַרשפּילט און אָפּגעשפּילט לעבן. יעס, מיין פריינט, געשפּילט האָט מען אַמאָל, פאַרן טייוול איז דאָס אַ שפּיל געווען. יעמאָלט איז אַ טעאַטער געווען. איצטער, די שטערן זענען געפאַלן, די געפאַלענע שטערן אויף דער ערד, און דאָס גאַנצע טעאַטער ליגט אין דער ערד . . .

אוי טאַטעלעך, שטערנדלעך שיינענדיקע, פאַרוואָס זייט איר אַזוי שנעל אויסגעלאָשן געוואָרן?!

קאַטעגאריעס

(סאָוועטיש)

— קומט אַריין, חבר שרייבֿער, אַן אָפענע טיר, אַ ליידיקע שטובֿ, אָבער קומט אַריין. פּאַמעלעך, פאַלט ניט איבֿערן שוועל. ווי איר זעט, איז דאָס די זיבֿעצעטע שטובֿ אין דאָרף. מיר וועלן האָבן, זאָגט מען, זעכציק הייזער, זיבֿעצן איז שוין אַ גוטער אָנהייבֿ . . . און דאָ שרייבֿט מיר מיין ווייבֿ, אַז די אַנדערע וואָך פאָרט זי אַרויס מיט די קינדער, זאָלן זיי געזונט זיין. איך וויל זיי זאָלן נאָך אָנקומען צו שניט־צייט. אַ דיל, ווען איך קאָן אַוועקלייגן. סטייעט ניט. אַ ייד איז געוויינט, אַז אין שטובֿ זאָל זיין אַ דיל. מילא, פון איין פערד קען מען קיין אַכצן פעלן ניט שינדן.

איך בין אַליין אַ בעל־עגלה פון דער היים, פון ווייס־רוסלאַנד, רייד איך נאָך פון פערד. אינאמתן האָבֿ איך געקראָגן איין אָקס, בין אַן ערשטער קאַטעגאָרניק. עס וואָלט גלייכער געווען אָנצורופן ערשטער קאַטערזשניק. יאָ, חבר שרייבֿער, איך זאָג, אַז פון איין פערד קען מען קיין אַכצן פעלן ניט אַראָפּשינדן; פון מיר האָט מען שוין אַראָפּגעשונדן אַכצן מאָל אַכצן. און פון אָקס גופא האָט מען שוין אַכצן מאָל אַכצן פעלן אַראָפּגעשונדן . . . איר פאַרשטייט, אַז מע האָט אַרויסגעלאָזן דעם סלוך, אַז יידן גיט מען אַוועק קרים, איז דאָך ניט שייך. מע האָט דאָך ביי אונז געשמועסט, אַז ארץ־ישראל האָט מען אַוועקגעגעבֿן יידן . . . אגבֿ וואָלט איך אַהין ניט געפאָרן סיי־ווי. איר וועט מיר אַנטשולדיקן; אַריסטאָקראַטלעך זענען אַהין געפאָרן. יענע לייט האָבֿ איך פון תמיד אָן נישט גע־קענט אָנזען. איך האָבֿ קיינמאָל נישט געהאַט קיין אמונה אין אַזאַ עולם, וואָס מען האָט אים באַדאַרפט באַדינען. איר פאַרשטייט, איך בין אַ פּראָסטער בעל־עגלה געווען פון יאָרן אין מיין שטעטל. גע־שלעפּט די משא. געשלעפּט וואָס סע האָט זיך געמאַכט. וואָס הייסט, מען האָט זיך געקלאָגט, ס׳איז שווער? אויסגעקוקט מען זאָל העלפן? פע, דאָס טוט נישט אַ נאַש־בראַט — קענען אפילו די אויגן פון קאָפּ אַרויסקריכן. איך האָבֿ נאָר בשעת מעשה גע־טראַכט, בשעת איך בין געגאַנגען מיט דער משא אויף די טרעפּ־לעך און די קני — אָט ברעכן זיי זיך אונטער; און ר׳ זאָוול דער

קרעמער זאָל עס פּרואוון אַ פינגער צולייגן. כלומרשט אַרויסגע־גאַנגען מיר אַנטקעגן; כלומרשט אַרויסגעגאַנגען העלפן, כאַטש אַ קרעכץ טאָן און אַז איך בין אַנגעקומען אַנטקעגן אים מיט דער משא אויף דער פּלייצע, האָט ער זיך געררוקט הינטער זיך: מורא געהאַט, איך זאָל אויף אים ניט אַרויפקריכן.

ר' זאַוול און ר' שמערל; ר' טאָדרעס און ר' חייקל . . . גע־דזשוויגעט פאַר זיי געגוג. קיין מחותנים איז מען נישט געווען. אין קלויז — זיי אין מזרח; איך — הינטערן אויוון. איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, אַז די דאָזיקע לייט מיט זייערע זונעלעך האָבן שטענ־דיק געערדעט פון ארץ־ישראל, ביז ס'איז געקומען די מלחמה און די רעוואָלוציע און איבערגעקערט דעם וואָגן אין בלאָטע אַריין. איר פאַרשטייט, וואָס סע מיינט איבערגעקערט? נישט אויסצו־גלייכן צוריק . . . איר פאַרשטייט, אַז די דאָזיקע לייט — איך וויל זיי נישט אָנרופן ביי זייערע נעמען . . . אגב זענען זיי שוין געווען אויפן עולם האמת און אַהער קומען זיי שוין נאָך חיבוט הקבר . . . זיי איז ניט מקנא צו זיין, מען איז דאָך יידן. אַז סע איז געוואָרן שלעכט, איז אַלעמען געווען שלעכט.

זאָג איך אַנטקעגן דעם, ווי פון איין פערד קען מען קיין אַכצן פעלן נישט אַראָפּשינדן . . . בין איך דווקא ווייכער געוואָרן. איך בין געווען אַמאָל אַ האַרטער מענטש. נישטאָ וואָס צו פאַרלייקע־נען . . . אַז מע האָט געזאָגט, אַז יידן גיט מען אַוועק קרים, איז דאָך ניט שייך . . . בין איך אין דעם אַריין. בין איך פאַר דער אידייע אַ גרויסער אידעאַליסט. ערד — איז ערד. ס'האָט זיך מיר נאָר נישט פאַטופּעט אין קאָפּ, ווי אַזוי סע וועט זיין מיט די דאָזיקע לייט, וואָס האָבן אַליין נישט איינגעטונקט אַ האַנט אין קאַלט וואַסער — אָט־אָ די, וואָס פון תמיד אָן האָסטו זיי באַדאַרפט באַ־דינען און פירן און דזשויגען אויף די פּלייצעס. עס איז טאַקע געווען, אַז אָך און ווי צו אַלעמען — נאָר וואָס פון זיי איז גע־וואָרן . . . כע־כע־כע, איר קענט אייך מיינען, אַז איך בין זיי אַ שונא. איך בראַיע די גאַנצע זאַך אַנטקעגן דעם, וואָס מען זאָגט קאַטעגאָריעס; אוודאי האָט איר זיך אָנגעהערט פון די אַלערליי קאַטעגאָריעס. בין איך אויך געוואָרן אַ קאַטעגאָריע־מענטש.

איר פאַרשטייט, ווען איך כאַפּ אויף דעם ענין גלייך, וואָלט איך

דאָ באַדאַרפט זיין מיט אַ יאָר פריער. יעמאָלט וואָלט איך אַראָפּגעקומען מיט אַ פּאָר סוסים און איך וואָלט געלאַכט פון דער גאַנצער וועלט. וואָלט איך נישט באַדאַרפט ווערן אויסגעריסן און נישט אויסציִען די פיס אין בלאָטע. האָט מען פאַרשלאָפן. הערט איר, אַז מען פאַרשלאָפט — זאָל עס אויף וויסטע פעלדער אויסגיין! בין איך געבליבן מיטן בייטש־שטעקל אין האַנט. טאַקע יענע לייט האָבן מיך אַריינגעשלעפּט אין בלאָטע; האָבן מיך אויף אַ ווײלעטשקע אַרומגעשלעפּט איבער די דערפער; אויף אַ ווײלעטשקע מיך געמאַכט פאַר אַ תבואה־הענדלער — נישט געדאַכט זאָל עס ווערן . . .

נו, אַז איך בין אַהער געקומען מיטן בייטשל ווי אַן ערשטער קאַטעגאָרניק און דער דזשאָינט האָלט יידעלעך פאַר פערד און גיט זיי דווקא אָקסן — איז אַ גזרה, אויף וויסטע פעלדער זאָל עס אויסגיין. זיי גיבן אַן אָקס און איך זאָל מיר קויפן דעם אַנדערן אָקס. נו, און וואָס איז מיט דעם וואָגן? זיי גיבן דאָך אַרויס איין וואָגן אויף צוויי מענטשן; האָב איך דאָך שוין באַדאַרפט סיי ווי זוכן אַ פּאָר צו זיך: נאָך עפּעס אַ פערד, וואָס זאָל מיט מיר קענען גיין אין שפּאַן. האָב איך מיך שוין מיישב געווען — אויב שוין אַ שותף צום וואָגן, זאָל שוין זיין אַ שותף צום אָקס אויך. ער אַן אָקס — איך אַן אָקס.

איר האָט דאָך געזען וואָס אין קאַנטאָר טוט זיך אָפּ? אַ מאַרק! וואָס זאָג איך אַ מאַרק — אַ יאַריד! אַן אָנלויפעניש. ווער איז דען דאָרט נישט? גיי זיי אַ חכם. גיי זיי אַ פאַרשטייער און קריך אַריין יענעם אונטער די נעגל. אָפּגעשוונדענע, פאַרשמייעטע. איעדן קוועטשט. איעדערער האָט מורא צו דערציילן ווער ער איז און וואָס ער איז. איעדערער שרייט, ער וועט מיט דער נאָז די ערד אַקערן. און מען קען זיי גלויבן. מען לויפט דאָך ווי פון אַ שלעכטן יאַריד; מען לויפט דאָך ווי פון פייער. מען גייט דאָך נישט אַהער. מען פליט דאָך אויף ריסאַקעס. איז טאַקע אין קאַנטאָר האָב איך מיר מיט מיין פּאָר צום ערשטן מאָל באַגעגנט.

דאַכט זיך אַ מענטשל אַ פיינס, אָט דער פון וועמען איך וויל אייך דערציילן. אַביסל אַן איידעלער. מיט ברילן אויף דער נאָז. מע האָט זיך אָנגעקוקט, אַדורכגעשמועסט. איך האָב אים גענומען

פאַרן האַנט, טאַקע געוואָלט אויספּרואוון צי דאָס מענטשל האָט כוח . . . אגב, וואָס זאָל איך מיך נאַרן — מען איז אַ ייד. טראַכט מען: אַ מענטש איז בלאָטע. די פערד האָבן פאַרשלעפּט. דער וואָגן איבערגעקערט, דער דישל צעבראָכן. אַ צרה. אַלעמענס צרה. אַז יידן גייען ווערן פּויערים און אַז מען שמועסט אַ צייט פון קאָמוניזם, אַלע גלייך — איך בין פאַר דער דאָזיקער אידייע אַ גרויסער אי־דעאַליסט — זאָלן זיין אַלע גלייך. מה רעש? אַמאָל האָב איך גע־פירט פאַר זיינעטוועגן. אַמאָל האָב איך געדזשוויגעט די משא פון זיינעטוועגן. איז איצטער אַ צייט, וואָס אַלע זענען גלייך; פאַר־וואָס זאָל איך נישט באַווייזן, אַז יידן זענען אומעטום יידן? איך פרעג אייך: אין אַמעריקע איז דען אַנדערש?

דאָס מענטשל איז מיר געווען געפעלן. טראַכט איך מיר: אַמאָל האָט ער מיך געלערנט — איצט וועל איך אים לערנען. טאַקע אין אמתן, פאַרוואָס נישט? מען מוז איינער דעם אַנדערן צוהעלפן.

נעם איך מיין שותף און איך קלאַפּ צו . . . רייד אָפּ מיט אים ווי עס פּאַסט. אַלע גלייך. מיין אָקס, דיין אָקס . . . מען וועט זיי שפּאַנען אינאיינעם. און איך זאָג צו אים, אַז אויב נאָר אַ גוטע גערעטעניש וועט זיין, וועט מען קויפן פערד. אויב שותפים, אויב חברים — זאָל זיין חברים. און וואָס זאָל איך מיך נאַרן? וואָס אַן אמת איז אַן אמת. איך האָב געוואָלט האָבן אַ חבר . . . אַ שיי־נעם חבר. נו, אַז מען איז נאָך אינאיינעם אין די האָלאָבלעס, קען מען פון אַזאַ איינעם עפּעס כאַפּן . . . ער האָט מיר טאַקע געשריבן דאָס ערשטע בריוול צו מיין ווייב. איך האָב איר געשריבן, ווי אַזוי קרים זעט אויס. איך האָב איר באַשריבן, ווי אַזוי מיר בויען דער־פער. ווי אַזוי איך און מיין חבר וועלן עס פון מאָרגן אָן אָנהייבן צו פירן געזעגטע שטיינער, אמתע מירמל־שטיינער אויף הייזער: אַ הויז פאַר מיר, אַ הויז פאַר מיין חבר. איך האָב איר געשריבן, אַז אַלץ וואָס מען האָט דערציילט אינדערהיים איז אמת. אַ חלק ערד האָט מען מיר אָפּגעשניטן אַ פיינעם.

נו, פאַרשטייט איר דאָך, אַז אַ נאַש־בראַט, כאַטש מען האָט זיך געלערנט באַ פערד, פונדעסטוועגן קען מען טרעפן ווי אַן אָקס איינצונעמען. צו מיין חבר האָב איך געזאָגט: גוטער ברודער, איצ־טער זענען מיר דאָ. איצטער זענען מיר ניט דאָרטן. איצטער זע־

נען מיר ביידע גלייך. — מה רעש? עס קומט אויס אַביסל אַריינ־גיין אין יענעמס פּאַלאַזשעניע — פאַרוואָס נישט? מען איז דאָך יידן.

איך האָב געזען, אַז ער איז אַן איידעלער. איך האָב מיר אַליין געטראַכט: די דאָזיקע מענטשן, אַז פון זיי האָט מען גענומען שינדן די פעל, איז דאָך ניט שייך — באַדאַרף מען זיי העלפן. איך בין אַ פּאָר מאָל אויפגעשטאַנען באַגינען, אַז מע האָט באַדאַרפט. זאָל אַ מענטש שלאָפן אַביסל לענגער. וואָס זאָל איך מיך נאַרן? ער האָט מיר אויסגעזען ווי אַ יונגער לאָשיק, וואָס מען באַדאַרף איינ־שפּאַנען צום ערשטן מאָל אין וואָגן און מען באַדאַרף אַכטונג געבן, ער זאָל זיך נישט איינרייסן; ער זאָל די האַליאַבלעס נישט צע־ברעכן . . . יאָ, חבר שרייבער, אַזוי זענען די אינטעליגענטן. זיי זענען נישט געפּרואווט. זענען שלאַבעריק. מען באַדאַרף זיי העלפן.

האָב איך צו אים געזאָגט:

— מירן אָנהייבן צו פירן שטיינער. עס האָט זיך געמאַכט אָנ־צופירן שטיינער פאַר דער קאָנטאָר. די קאָנטאָר האָט געבויט אירע אַ שטוב. גוט, אַז סע מאַכט זיך אַ פאַרדינסטל; אַרייגעפאַלן אין אייגענע הענט. גוט — זאָג איך צו אים — חבר, אויסגעטאָן די הענטשקעס — כע־כע, הענטשקעס, מעלד איך אייך, האָט ער שוין ניט געהאַט; אַזוי זאָג איך צו אים — קוק זיך איין ווי איך שפּאַן איין די אָקסן . . .

געוואָרן באַגינען אַזייגער פינף. ער איז אויפגעשטאַנען. געקו־מען, אפילו אַ פאַרשלאָפענער; אָבער געקומען. מע האָט זיך אויפ־געזעצט. צאָבע־צאָבע . . . אַ וויאָרסט צען צו פאָרן. דריטהאַלבן שעה גוטע, כאָטש מיט לײדיקן — טראַכט איך, דער מענטש וועט אָנהייבן צו ריידן. דער מענטש וועט זאָגן: — נו, חבר, מען איז אין קרים . . . אַן אַנדער מעשה . . .

מאַכט ער צו מיר:

— חבר, די אָקסן גייען דאָך אַליין; צאָב־צאָבע וועט איר שוין מוחל זיין זאָגן. איך וועל דערווייל כאַפּן אַ דרעמל.

פע, קלער איך מיר. נעכאַי וואָלט דער מענטש געזאָגט פונקט קאַפּויר:

— חבר, היות ווי די צאָבעס גייען סיי־ווי אַליין. צאָב־צאָבע

צו זאָגן איז קיין גרויסע תורה נישט — טאָ שפּאַרט זיך גאָר צו אויפן וואָגן און איך וועל אָנטרייבן.

איר פאַרשטייט, חבר שרייבער, ווען ער זאָגט עס מיר דעם ערשטן מאָל, כאָטש איין מאָל — קויפט ער מיך אונטער! איך וואָלט עס געדענקט. איך האָב אַ גוטן זכרון. איר פאַרשטייט, חבר שריי־בער . . . דעם ערשטן באַגינען, איך בין מיט אים אַרויסגעפאָרן — אַ נישט גלייכע פּאָר. וואָס זאָל מען זיך לייקענען? אַז אַ רע־וואָלוציע איז געקומען און אָנגענומען באָם קאַרק און אויסגע־גלייכט — איז אויסגעגלייכט . . . ער וואָלט מיר מיין האַרץ צע־וואַרעמט, ווען ער הייבט אָן טאַקע פון דעם ערשטן באַגינען . . . איר פאַרשטייט, איך האָב מיר געוואָלט אויסריידן. געוואָלט אַראָפּ־ריידן פון האַרצן. געוואָלט מודה זיין, אַז בטבע האָב איך אַזעלכע לייט פיינט. און ס׳איז פאַראַן פאַרוואָס פיינט צו האָבן. נאָר איצ־טער, אַז מע האָט געזאָגט: — „פּראָסטאָי נאַראָד ופּעריאָד!״ — ווייסן מיר וואו מיר האַלטן אין דער וועלט . . . טאַקע, פאַרוואָס ניט? פאַרוואָס נישט אויסריידן דאָס וואָס ליגט אויפן האַרצן שוין אַזוי לאַנג? מילא, אַז מען זיצט שוין אויף איין וואָגן; אַז מע האָט נאָר בשותפות איין וואָגן. אַז ער האָט אָן אָקס צוגלייך מיט מיר. טאַקע דערמאָנען אַלע עוולות: פאַר זיך, פאַר מיין טאַטן — אויך געווען אַ פּראָסטער ייד, וואָס האָט כסדר געהאָרעוועט פאַר יענעם. כסדר האָט מען אים געשפּיגן אין פּנים אַריין. זענען מיר געוואָרן חברים, זענען מיר אויף אַ ווײַלע געוואָרן ביידע בעל־עגלות — איז דאָך נישט שייך . . .

נעמט ער און ציט זיך אויס אויפן וואָגן מיטן הינטן, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, צו מיר און ווי גאָר אין די אַלטע צייטן: דו זיי אַן אָנשמייסער און איך וועל מיר גלעטן די הענט. אָט דאָס זאָג איך, אַז אַכצן פעלן פון פערד קען מען נישט שינדן. איך בין פאַר דער אידייע געווען אַ גרויסער אידעאַליסט. אין יענעם פריי־מאָרגן האָט עס מיר ווי מיט אַ מעסער דערלאַנגט אין האַרצן. מילא, דו ווילסט שלאָפן — שלאָף! וועל איך די אָקסן אָנטרייבן...

אָנגעקומען ברוך־השם צום אָרט וואו מען באַדאַרף זיך אַן אייל טאָן אָנלייגן די שטיינער. מען קען פאָרן טאָג באַווייזן צוויי מאָל צו זיין היין און צוריק.

מאַכט ער צו מיר:

— וואָס מיינט איר, איך בין בכוח אַליין אויפצוהייבן אַזאַ שווערן שטיין?

מאַך איך צו אים:

— טאָ וואָס פאַר אַ שותף ביסטו מיר, חבר? אַז איך וועל אָנ־טרייבן די אָקסן; אַז איך וועל אָנלייגן די שטיינער —איז וואָס־זשע וועסטו טאָן? וואָס־זשע? . . . איך פאַרשטיי נישט.

מאַכט ער:

— אַ האַלבער וואָגן איז מיינער. אַ גאַנצער אָקס איז מיינער.

מאַך איך:

— נו, גוט, איך פאַרלייקן עס נישט. אָבער וואו איז די חכמה? דאָס הייסט, איך זאָל ווידער זיי פאַר דיר אַ בעל־עגלה ווי געווען?...

מאַכט ער:

— איך זאָג עס נישט. איך זאָג נאָר, אַז די שטיינער שלעפּן קען איך נישט. האָב עס קיינמאָל נישט געטאָן און קען עס איצטער אויך נישט. איך וועל אונטערשטופּן דעם וואָגן, אויב פאַר די אָקסן וועט זיין צו שווער.

איר פאַרשטייט אַ חכמה? ער וועט אונטערשטופּן דעם וואָגן. איך באַדאַרף ער זאָל מיר העלפן — וועט ער גאָר די אָקסן העלפן. די אָקסן בעטן דערוויילע נישט, מען זאָל זיי העלפן. מילא, איך האָב אָנגעלאָדן דעם וואָגן. ווי איר זעט מיך לעבן, אַז דרייסיק שטיינער, צו דריטהאַלבן פוד אַ שטיין, האָב איך אַליין אַרויפגעלייגט. ער האָט געגלעט זיין אָקס דעם האַלדז. געדויערט אַ שעה געוויס, ביז איך האָב באַוויזן אָנצולייגן די שטיינער . . . וואָרט איך, דער מענטש וועט נעמען איינשפּאַנען די אָקסן, איך זאָל דעם אָטעם אָפּכאַפּן . . . אָבער דער מענטש רירט זיך פון אָרט נישט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך האָב איינגעשפּאַנט די אָקסן און אַז מען איז אָפּגעפאָרן אַ פּאָר ווערסט, נעמט ער און כאַפּט זיך אַרויף אויפן וואָגן, אויף די שטיינער — באשר אים טוען וויי די פיס.

מאַך איך צו אים:

— אַ צער בעלי־חיים אויף די אָקסן . . .

מאַכט ער:

— דאָס פירט מיך מיין אָקס און נישט דיינער.

וואָס זאָגט איר צו אים? באמת האָט זיך מיר געוואָלט אָפּ־שטעלן דעם וואָגן און מיט דער בייטש אַזוי צעכוואַשטשען אים די זייטן, אַזוי צעכוואַשטשען ... נאָר גיי טו און מאַך, אַז דער וואָגן איז אַ בשותפישער און אַן אָקס איז זיינער. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, חבר שרייבער — איך בין יענעם טאָג געווען אויס מענטש. איך בין געווען פאַר דער אידייע אַ גרויסער אידעאַליסט, און יענעם טאָג בין איך גרייט געווען זיך אַליין די אויגן אויסרייסן.

אמת, אַז איך האָב געבראַכט די שטיינער און טאַקע אַליין זיי אַראָפּגענומען — ווען ער העלפט מיר, וואָלט איך שוין אַליין אים געבעטן ער זאָל זיך נישט מטריח זיין — אַראָפּגעלייגט די שטיינער און געזאָגט צו אים:

— זעץ זיך, חבר ...

איר פאַרשטייט, איך האָב געוואָלט אַראָפּריידן פון האַרצן אַלץ, וואָס מיר האָט זיך אָנגעקליבן ... אוי, האָב איך אים געוואָלט געבן! פאַר זיך און פאַר מיין טאַטן, אי פאַר אַלץ, וואָס ס'האָט זיך נאָך אין שטעטל אָנגעקליבן אויפן האַרצן.

ער האָט זיך געזעצט. האָט אויסגעטאָן די ברילן, זיי אויסגע־ווישט און אָנגעטאָן צוריק און מאַכט צו מיר:

— איר פאָרט היינט נאָך אַמאָל?

— ווייסט, ווי דען? — זאָג איך.

— וועט איר מוחל זיין פאָרן אַליין.

— וואָס, שוין איינגעמאָטערט זיך?

— יאָ, איינגעמידט. מיר געפעלט עס נישט. איך וועל אָפּגעבן דעם דזשאָינט דעם האַלבן וואָגן, דעם אָקס און וועל זיך אומקערן אין שטעטל אַריין.

— גאָר אַזוי?

— יאָ, גאָר אַזוי — מאַכט ער.

— וואָס, עס פּאַסט דיר נישט די קאַטעגאָריע?

— אַ ייד קען נישט זיין קיין פּויער — מאַכט ער.

— וואָס דען פּאַסט אַ יידן צו זיין? — פרעג איך אים.

— די צייט איז געקומען, אַז דער ייד זאָל פאַרלייגן מיטן קאָפּ — מאַכט ער — איך וועל פאָרן אַהיים און פאַרלייגן מיטן קאָפּ אינ־איינעם מיט מיין שטעטל.

זעט איר, חבר שרייבער, דאָ האָט זיך שוין מיר געוואָלט מיט אים אויסטענהן. פאָ סאָוויעמו . . . וואָס הייסט אַ ייד קען נישט זיין קיין פויער? וואָס פאַר אַ ייד מיינט ער? ער איז דער ייד? און ווער בין איך? איר פאַרשטייט, חבר שרייבער, איך וואָלט נאָר איצטער אים דאָ געהאַט, ער זאָל אַ קוק טאָן, וואָס דאָ איז פאַר די אָנדעהאַלבן יאָר געוואָרן. איר פאַרשטייט, זיבעצן הייזער שטייען שוין. און גאַנצע זעכציק ווערלן שטיין. מע האָט אפשר גאַנץ קרים צעאַקערט. פאַרזייט. מען שניידט. מען זאָגט, אין כערסאָן האָבן זיי נעבעך אַ הונגער, אָבער דאָ איז נישט צו פאַרזינדיקן; די פעלדער נישט צו פאַרזינדיקן. איך האָב יעמאָלט אָנגעפירט די שטיינער פאַר יענעם; אָנגעפירט די שטיינער פאַר זיך. אויסגעבויט אַ שטוב. און שרייב אַוועק, אַז מיין ווייב און קינדער זאָלן אַראָפּקומען. און דעם אָקס זיינעם מיטן חלק וואָגן האָב איך איבערגענומען. און איצטער האָב איך צוריק אַ פאָר פערד ווי אין די גוטע צייטן. באַ פערד — בין איך מיר איך. באַ די אָקסן בין איך געווען אַ קריכער. איך האָב עס פיינט.

נאָר דאָס וויל איך אייך זאָגן, חבר שרייבער, אַז איך ווייס אַליין נית פון וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע מיין ערשטער שותף איז געווען. זינדיקן טאָר מען נישט. מע האָט אַלעמען געלאָזן מיטן בייטשל. אַלעמען. זיי, די אינטעליגענטלעך אויך. אפשר איז זיי איצטער ערגער ווי נאָש בראַט. נאָר ער האָט אַ בלבול אויסגעטראַכט אפילו אויף זיינע אייגענע. אַי, ווערן זיי דאָ אויסגעריסן! אַי, האָרעווען זיי דאָ; אַי, שלעפּן זיי שטיינער. אַי, אַקערן זיי . . . אַי, ווערלן זיי דאָס זיין פויערים! . . . עס וועט זיי גאָרנישט העלפן. אַז די מלוכה הייסט, חבר שרייבער, מוז מען. דאָ איז נישט ווי באַ אייך אין אַמעריקע. דאָ, אַז מע האָט אַ זאָג געטאָן: — „פּראָסטאָי נאַראָד ווּפּעריאָד!” — איז דאָס טאַקע געמיינט.

אַ שיינע שטוב, וואָס זאָגט איר, חבר שרייבער? ווען נאָר אַ הילצערנעם דיל, ווען איך קען אַוועקלייגן. מען איז דאָך פונדעסטוועגן יידן. און נאָך עפּעס וויל איך אייך זאָגן: ווען יענער, דער שותף מיינער, קומט אַהער — וואָלט איך אים איצטער מקרב געווען, כאָטש ער איז נישט פון מיין קאַטעגאָריע. מען איז דאָך יידן...

איצטער מוזן יידן ווערן פויערים. פאַר דער דאָזיקער אידייע בין איך אַ גרויסער אידעאַליסט, חבר שרייבער.

מרור

(מאָנאָלאָג פון אַ רב אַ יורד)

— מרור, קויפט מרור, יידישע קינדער! . . .

איר פרעגט, צי איך אַליין באַדאַרף האָבן מרור צום סדר, אויב שוין גאַנצע עלף ערב פסח'ס פאַרקויף איך אויף דעמדאָזיקן אָרט מרור צו יידישע קינדער? . . . אַ שאלה איז דאָס, מיסטער. מחמת דער רעיון פון מרור אויף פסח צום סדר איז דאָך אַ באַוואוס־טער; ס'איז נישט מער ווי אַ צייכן, אַז אין גלות מצרים מיט אַ דריי טויזנט יאָר צוריק איז יידעלעך נעבעך געווען פינצטער און ביטער, דאַרומעך עסן מיר איצטער מרור. פרעג איך טאָקע: ווער־זשע ווייסט אם ירצה השם אין דריי טויזנט יאָר אַרום עסן מרור צוליב דעם, וואָס מיר איז איצטער אין גלות אַמעריקע פינצטער און ביטער?

— מרור, קויפט מרור, יידישע קינדער! . . .

איך זע, איר טראַכט אודאי איבער: ווי קומט עס צו אַ רב, ער זאָל זיך באַקלאָגן אויף זיין שווער לעבן? צי האָבן זיך ערלעכע רבנים אַמאָל באַקלאָגט אין יוראָפּ, מיין איך, אין גלות רוסלאַנד? איז דאָס טאָקע אמת. פלאָמט מיר טאָקע ס'פּנים פאַר בושה, אַז איך טראַכט פון דעם. אָבער מען מוז דאָך מסכים זיין, אַז דאָס איז געוועזן געוואָרן — ווען אַ יידישע עדה, איז געווען אַ יידישע עדה; און אַ רב איז געווען אַ רב; ווען דער רב איז געווען בבחינת פּאַסטעך, אַ רועה ישראל, און זיין עדה יידן — אַ גאָטספאָרכטיקע טשערעדע. אַ פּאַסטעך איז אָנגעשטעלט געוואָרן צו טאָן זיין אויג אויף דער טשערעדע שאָף! איז געווען אַ קלוגער פּאַסטעך, איז געווען אַ גאָטספאָרכטיקע טשערעדע, האָבן זיי ביידע געהאַט דעם קיום אויף דער ערד. מען איז דאָך טאָקע געווען בבחינת טשע־רעדע, אַרומגערינגלט מיט בייזע וועלף. געווען וועמען אָפּצוהיטן, און פון וועמען זיך אויסצוהיטן . . .

— מרור, קויפט מרור, יידישע קינדער! . . .

באַדאַרף איך אייך נישט דערציילן נאָך אַמאָל, אַז דאָס איז געווען אין גלות רוסלאַנד. האָבן יידעלעך גענומען, און זיך גע־

לאָזן פון דאָרטן לויפן — ווי אַ צעלאָזענע טשערעדע איז מען געלאָפן, באשר מע האָט דערשמעקט גוטע פּאַשע אויף יענער זייט אוקויאַנוס . . . די גילדערנע אַמעריקע האָבן יידעלעך דערשמעקט, און, הענדום־פּענדום, זיך אַוועקגעלאָזן איבער ימען. אַוועק, און דעם פּאַסטעך געלאָזן פון הינטן, איך בעט איבער אייער כבוד ; גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן אין פּאַסטעך, ווי קיין וועלף זענען שוין מער גאָר אויף דער וועלט נישטאָ ; און פאַר גאָט דאַרף מען שוין מער קיין מורא נישט האָבן. נו, איז דען געמאָלט, אַז אַ פּאַסטעך זאָל קענען אויסקומען אָן אַ טשערעדע ? האָט מען זיך ברוך השם נאָכ־געשלעפּט פון הינטן, און אַזוי זיך דערשלעפּט קיין אַמעריקע. גע־פאָרן זוכן אַ טשערעדע.

— מרור, קויפט מרור, יידישער קינדער ! . . .

ווי איך פאַרשטיי, ווילט איר מיר פרעגן, וואָס פאַר אַ פּאַשע האָט די טשערעדע געפונען אויף ריווינגטאָן און קלינטאָן סטריט, צי הינטערן ברוקלין בריזדש ? איז דאָס טאַקע אמת ; אַז־אַך און אַז־ווי וואָס פאַר אַ פּאַשע דאָס איז געווען ; אָבער קיין וועלף האָבן זיי אין חלום נישט געזען. נאָר אייך חידושט דאָך, ווי קום איך צו מרור ; ווי קום איך צו אַזאַ מבוזהדיקער פרנסה ? וואו איז די טשע־רעדע ? וואו איז די שטאַל ? . . .

יאָ, אַ פּאַסטעך, אַ טשערעדע, און אַ שטאַל . . . און די גיל־דערנע אַמעריקע. אידעלעך זענען תחילת געלאָפן פון רוסלאַנד אויף אייגענע פיס, האָבן זיך פאַרגעסן אין דעם גאָט, וואָס פירט באַם האַנט. אין דער גילדערנער מדינה, זאָג איך אייך, איז שוין בכלל גאָט נאָר אַן איינרעדעניש. באַ אונדז איז ער אודאי אַן איינ־רעדעניש. יידעלעך האָבן זיך טאַקע געקלעפּט איינס צום אַנדערן, אָט ווי איר קוקט עס אָן, אויף ריווינגטאָן און אויף קלינטאָן . . . נו, אַז איך בין געקומען צו מיינע לאַנדסלייט און געפרעגט : היתכן ?! איז עס טאַקע רעכט, אַז איר האָט גענומען און אַנטלאָפן פון רבונו של עולם ? סטייטש, ווי נעמט מען עס, און מען גיט זיך איבער דער מבוזהדיקער פרנסה ? ווי נעמט מען עס און מען מאַכט פון שבת וואָך ? וואָס, באשר איר האָט זיך שוין אָנגעפּאַשעט, צי איר האַלט נאָך די אויגן אין גראָז, צי אין שיסל, דערומעך האָט איר פאַרגעסן אויפצוהייבן די אויגן צו גאָט ? . . .

— מרור, קויפט מרור, יידישע קינדער! . . .

האָב איך משמעות געהאַט אַ טעות. מיר האָט זיך נאָר אויס־געדוכט, אַז די אויגן האַלט מען אין שיסל, אָבער אינעווייניק, אין האַרצן, מאַכט עס: מ ע ע ע . . . ב ל ע ע . . . אין האַרצן בענקט מען נאָך אַ פּאַסטעך! מחמת מיינע לאַנדסלייט האָבן מיך אָנגעשטעלט פאַר אַ פּאַסטעך; נישט אַזוי פאַר אַ רב, איך זאָל פאַר זיי פּסקענען שאלות, פּסקענען — וואָס כשר, און וואָס ס׳איז טריפה . . . ניין, חלילה, דאָס נישט! דאָס, זאָגן זיי, באַדאַרפן דאָ יידן אין אַמעריקע נישט; מחמת דאָ איז ברוך השם אַלץ כשר; יידן האָבן נישט געוואָלט וואַרטן ביז משיח וועט קומען, און כשר מאַכן חזיר. יידן אַליין האָבן אויף זיך גענומען די טרחה, און חזיר כשר געמאַכט. איך זאָל זיי שפּילן אויף דער דודקע, האָבן זיי פון מיר פאַרלאַנגט; ס׳הייסט, איך זאָל ביי זיי ווערן אַ בעל תפילה. מחמת, ס׳האַרץ גלוסט; מחמת, מען געדענקט נאָך דעם ניגון פון גלות רוסלאַנד.

נו, מיסטער, אַז מען ווערט אַ פּאַסטעך מען וועט שפּילן אויף אַ דודקע — באַדאַרף מען אויך האָבן אַ שטאַל וואוהין די טשערעדע צו פאַרטרייבן; אַ בית תפילה, הייסט עס, באַדאַרף מען האָבן. שאַדט נישט; אַ קעלער קען אויך זיין אַ בית תפילה. ווייסט איר דאָך יאַקבע, פון אַ קעלער, אַז מען שיקט די תפילות, קומען זיי צום רבונו של עולם אָן מיט אַ גלייכן וועג: — ממעמקים קראתיך... דוד המלך האָט עס מכוון געווען. פון דער טיפעניש גייען די תפילות אַ סך העכער. דערומעך איז באַ מיר רעכט געווען אַ קעלער. אָבער ניין — טענהן די תקיפים פון דער טשערעדע: — אין אַלד קאַנטרי האָט געקענט זיין רעכט אין אַ בייסמענט אויך, מחמת דאָרטן האָט דער רבונו של עולם זיך געהאַלטן נידעריקער; און דאָ, אין דער גילדערנער מדינה, טענהן די תקיפים פון מיין טשערעדע — דאָ האַלט זיך דער רבונו של עולם אַ סך העכער; דאָ קוקט ער פון דער הויך אַראָפּ, און לאָזט די מענטשן, זיי זאָלן זיך שלאָגן קאָפּ־אָן־וואַנט . . .

— מרור, קויפט מרור, יידישע קינדער! . . .

סע זענען אונטערגעקומען ימים נוראים — איך בין טאַקע נישט ווייט פון ימים נוראים אַריבערגעקומען אַהער — האָט מען גע־

נומען, און מע האָט געדונגען פאַר אַ מקום תפילה אַן אָרט פון עילולא וחינגא; אַן אָרט, וואו בחורים און מיידלעך האָפּקען זיך אַ קיילעכדיק יאָר . . . פאַרשטייט איר דאָך, אַז דאָרטן האָב איך באַדאַרפט זאָגן פאַר מיין טשערעדע סליחות — זענען מיר די ווערטער געבליבן שטעקן אין קעל, גלייך ווי די ווערטער וואָלטן דאָרטן אַנגעקוואָלן הייס און שווער; גליען און בריען, און ווילן נישט אַרויסקומען פון קעל . . . און לאָמיר אייך זאָגן, די טשערעדע איז אויך געווען, נע, איך וויל נישט זינדיקן מיט מיינע רייד.

— מרור, קויפט מרור, יידישע קינדער! . . .

שוין ערב ראש השנה, מאַכן צו מיר די תקיפים פון דער טשערעדע: — רבי — אַז אַך־און־וויי וואָס פאַר אַ רבי איך בין שוין געווען! — אַ בעל תפילה אויף ימים נוראים — מאַכן זיי — וועט מען מוזן איינשאַפן איינעם, וואָס זינגט אַ קיילעכדיק יאָר אין טרעאַטער, באשר צווישן דידאָזיקע לייט זענען פאַראַנען, וואָס זינגען מיט מתיקות; זענען, הייסט עס, שאַרפע בעל תפילות . . . און איר, רבי, וועט באַ אונדז זיין; מירן נאָך יום טובים זען, וואָס איר וועט באַ אונדז זיין. לאַנדסלייט וועלן אַ רב נישט לאָזן חלילה פאַלן . . . איך ווייס, איך וויים, איר וועט דאָך פרעגן: סטייטש, אַט שטייען דאָך אין נעוויאָרק שולן און בתי מדרשים, ישיבות און תלמוד תורות, גרויסע טשערעדעס, און איבער זיי גרויסע פּאַסטעכער, וואָס זייערע נעמען האָבן נאָך געשמט איבער גאַנץ גלות רוסלאַנד, און אַז איך שטיי שוין דעם עלפטן ערב פסח און פאַרקויף מרור — בין איך, הייסט עס, ווערט דעם שטעקן . . . נע, זאָל שוין זיין אַזוי; נאָכסאָל זאָל איך אָנרירן דעם כבוד פון אַ בר מינן? נאָכסאָל זאָל איך אויף יידן רעדן שלעכטס? לאָמיר שוין בעסער רעדן שלעכטס אויף זיך אַליין! . . .

— מרור, קויפט מרור, יידישע קינדער! . . .

און אפשר גאָפט איר און טראַכט: — צוליב וואָס מהרהר זיין אויף יידן, אַז זיי האָבן דאָ אין דער גילדערנער מדינה גענומען און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַלץ מיט אַן אַנדער? . . . אַט שטייט איר דאָך אַליין און פאַרקויפט מרור; איז דאָך עס אַ סימן, אַז יידן פּראַווען נאָך אַ סדר, זאָגן נאָך די הגדה, און עסן נאָך קניידלעך . . . טאָ וואָס־זשע האָב איך צו יידן? דאָס פרעגט

איר, האָ? . . . האָב איך טאַקע צו יידן גאָרנישט. פּונקט ווי איך האָב צו זיי גאָרנישט, הלמאַי זיי האָבן זיך איינגעשאַפּט פּאַסטע־כער גילוחים, ס'הייסט, מיט געגאָלטע פּנימער; איך האָב אויך צו זיי גאָרנישט, הלמאַי זיי האָבן געלאָזן, יידעלעך זאָלן ווערן טריפניאַקעס, וואָס רעדן זיך איין, אַז זיי ווילן דווקא כשר . . .

— מרור, קויפט מרור, יידישע קינדער! . . .

מיר אַליין אַרט נישט, וואָס איך שטיי שוין דאָ דאָס עלפטע יאָר און פאַרקויף מרור אויף פּסח. און הלמאַי, די אַלע יאָרן שטיי איך אויף דעמדאָזיקן אָרט, איז דאָס דערפאַר, באשר דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל און צום לעצטן מאָל באַגעגנט מיין טשערעדע; אָטאָ דאָרטן אויבן, וואו איר זעט די דריי פענסטער . . . באשר דאָ צו סליחות איז מיר הייס געוואָרן אין קעל, און דאָס לשון האָט מיר אָפּגענומען . . . איר זאָלט נישט מיינען, אַז נאָר ערב פּסח שטיי איך דאָ מיט מרור. ערב סכות שטיי איך דאָ מיט אתרוגים און לולבים; הושענה־רבא שטיי איך דאָ מיט הושענות . . . יענע אַרטיקלען קויפן שוין יידעלעך אַלץ ווינציקער און ווינציקער. אָבער מרור, זעט איר, דאָס איז עפּעס אַנדערש; דאָס האָט דאָך אַ שייכות מיט דער אכילה! בשום אופן עסן דאָס נישט יידן כדי צו דערמאָנען זיך אין גלות מצרים; אויך נישט צו דערמאָנען זיך אין גלות רוסלאַנד . . . און איך אַליין, צוליב וואָס איך עס מרור צום סדר? כדי צו פאַרזיסן דאָס ביטערע לעבן אין דער גילדער־נער מדינה!

— מרור, קויפט מרור, יידישע קינדער! . . .

פיש אויפן זאַמד

(מאָנאָלאָג)

— איר פרעגט, הלמאי איך זיץ דאָ אויפן איבערגעקערטן קעסטל און גלאָץ מיט די אויגן צו יענער זייט גאַס, צו דער אַראָפּ־געריסענער סטריט . . . אָ פישעלע אויפן זאַמד געבליבן, כע־כע־כע! וואָס דען מיינט איר? עפּעס רעכטס בלייבט פון אַ טאַטן, וואָס האָט די אַדערן געצויגן צו זיין מיט לייטן צוגלייך? יו נאָו, איצטער פאַרשטיי איך די זאַך אַביסל אַנדערש. אַ מענטש, אַז איר ווילט — איז ער אַ מענטש; גייט ער אום אויף די פיס, און מיטן קאָפּ — עט־עט, אין דער לבנה; און אַז איר ווילט, איז אַ מענטש, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, אַ געפּגרטער פיש אויפן זאַמד באַם ברעג ים ערגעץ אין קוני איילאַנד . . .

וואָס מיינט איר, מיסטער, איך זויג עס פון פינגער? בין נישט געווען קיין סטינקע און נישט קיין פלאָטקע; בין געשוואומען, יו נאָו, אין סאַמע מיטן ים; געווען אַ פיש צווישן גרויסע פיש, אַ העכט, יו בעט! געשוואומען און געשלונגען קלענערע פישלעך, אַבי נאָר געקענט אַ קעטש טאָן, כע־כע־כע! וואָס מיינט איר, אַט דער־דאָזיקער בויך איז פון עלען סטריט, טאַקע פון דער זייט סטריט, וואָס מע האָט אַראָפּגעריסן? אויב איר דענקט אַזוי, מאַכט איר אַ מיסטייק. דער בויך מיינער איז ניט פון דער דאָזיקער פּאַשע. דאָ, אויף עלען סטריט, יו נאָו, אַז אַ בויך נעמט וואַקסן באַ אַ קבצן, באַדאַרף מען גיין צום דאָקטאָר, ער זאָל אין אים אַריינקוקן; באַ אַ קבצן, אַז אַ בויך צעוואַקסט זעך, איז דאָס נישט נאָר אַ סימן דלות — איז דאָס אַ סימן, מען טאָר עס נישט דערמאָנען, יו נאָו . . .

מיין בויך האָב איך מיר אָנגעזשיוועט טאַקע יעמאָלט, ווען איך בין געווען אַ פיש אין ים. איך, טאַקע דער פיש; מיין צווייי זין — די פלוספעדערן, און מיין פאַרשטאָרבענע ברכה האָט זיך נאָכ־געשלעפּט ווי דער שיינער עק, כע־כע־כע . . . פונדאַנען איז מען אַרויסגעשוואומען; פון איסט־ריווער איז מען אַריבערגעשוואו־מען צום האָדסאָן, צום ריווערסאיד, יו נאָו. נישט אַבי־ווי אַ פיש — אַ העכט געווען; יו נאָו!

איר ווילט וויסן ווי אַזוי דאָס איז געשען? נעוויאָרק, אַמעריקע — דאַטס אָל! איך בין נאָר סורפּראַיזט, ווען איך זע, אַז אַ גרינער קומט פון אָלט קאַנטרי; קומט אַ גרינער און בלייבט אַ גרינער. פון אַזעלכע לייט איז נישטאָ וואָס צו רעדן. מען שמועסט פון די אמתע העכט, וואָס האָבן זיך געלאָזט קאָכן און טאַקע איבערקאָכן. זאָג איך: — נעוויאָרק איז אַמעריקע!

ווי אַזוי בין איך געוואָרן אַ פּיש און מיינע צוויי זין פילוסאָפע־דערן? טאַקע דערפאַר וואָס זייער מאַמע ברכה, זאָל זיין אין ליכ־טיקן גן־עדן . . . כע־כע־כע, איר מיינט, אַז אויף יענער זייט ברוק־לין ברידזש, פון יענע סעמעטעריס קומט מען אין גן־עדן אריין?... זי, די מאַמע ברכה, איז געווען דער שיינער עק. און אָן אַן עק קען אַ פיש ניט קירעווען. זי, ברכה, זאָל זיין אין ליכטיקן גן־עדן, זי האָט מיך געקירעוועט. „אַ פּושקאַרט, זלמן בער, האָט רעדער״, זאָגט זי צו מיר. „גוט — ענטפער איך — איך ווייס, אַז אַ פּוש־קאַרט האָט רעדער; אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט אַ ווייב, וואָס רק זי וויל און וויל, אַז די זינעלעך זאָלן נישט גיין העלפן דעם טאַטן באַם פּושקאַרט — דאָקטוירים, יו נאָו, וויל די מאַמע, אירע קינדערלעך זאָלן ווערן . . . די מאַמע זעט שוין, אַז דער טאַטע זאָל ליגן טיף אין דער אדמה, יו נאָו . . .״ — אַזוי טענה איך צו איר.

נו, אַ ווייב פאָלגט מען דאָך נישט, כע־כע־כע; וואָס פאַר אַ מאַן פאָלגט עס, וואָס זיין ווייב זאָגט? נאָר אַז איר קערט איבער דעם לאָקשנברעט, קומט אויס צו פרעגן: וואָס פאַר אַ מאַן פאָלגט עס טאַקע נישט זיין ווייב? סיידן אַ שוטה; סיידן אַ פלאָקנשי־סער, וואָס פאַרשטייט נישט וואָס אַ ווייב איז. קינדער — זאָגט מיין ברכה — זענען קינדער, זיי באַדאַרפן הנאה האָבן פון אַמע־ריקע, יו נאָו; אויב מיר — זאָגט זי — ליגן ביין איילן טיף אין דער אדמה — זאָלן כאָטש די קינדער וויסן, אַז טאַטע־מאַמע האָבן פאַר זיי אַלצדינג געטאָן; זאָלן זיי וויסן, אַז טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוואָלט, די קינדער זאָלן זיין שלעפּער דאָ אויף עלען סטריט.

נו, גיי און זאָג, אַז זי איז געווען אומגערעכט! נאָר גערעכט, צי אומגערעכט — וואָס קען אַ קבצן טאָן? אמת טאַקע, אַמעריקע, די גאָלדענע מדינה — איז טאַקע אַ גאָלדענע מדינה; נאָר דאָס

גאָלד שטייט דאָך איין באַ דעם, יו נאָו, וואָס פאַרשטייט וואָס צו טאָן מיט גאָלד, כע־כע־כע. גאָלד האָט נאָר ליב דעם, וואָס ווייסט ווי צו לעבן אויף דער וועלט, יו נאָו. און אַז אַ גרינער קומט קיין אַמעריקע, איידער ער קוקט זיך אַרום, איידער־וואָס, איידער־ווען, פאַרגעסט ער גאָר, אַז ער איז אין אַמעריקע. אודאי וואָלט איך פאַרגעסן, ווען טאַקע נישט מיין ברכה, זאָל זיין אין ליכטיקן גן־עדן, און די קינדער, וואָס האָבן גענומען און איינגעשפּאַנט דעם טאַטן: — גיי און קיי די ערד! מעלד איך אייך, אַז די ערד קייט מען דאָ אין אַמעריקע גראָדע נישט אַליין. אַלע, ווי איר קוקט זיי אָן, האָבן געקייט די ערד ווען זיי האָבן געהאַט ציינער, און איצטער, אַז זיי האָבן שוין קיין ציינער נישט — קייען זיי אויך די ערד.

צו וואָס זאָל איך אייך אַ סך ברייען? מאַינד יו, פּראָספּעריטי איז געקומען, און געלט מאַכן איז גאַרנישט געווען קיין קונץ: האָסט נאָר באַדאַרפט אָנשטעלן די הענט — האָסטו דיר גאָלד פולע זשמעניעס. אַז איר זאָלט מיר איצטער טאַקע אַ פרעג טאָן: ווי אַזוי ביסטו טאַקע, זלמן בער, פון ווילנער הינטערגעסלעך און אַ סטעדי איינוואוינער פון עלען סטריט, פאַרקראָכן אויף ריווערסאַיד דרייוו? ווי אַזוי טאַקע נעמט אַ היימישער טעסלער, וואָס האָט זיך דאָ געפוילט אַ האַק אין האַנט, באַשר אַ פּושקאַרט מיט שמאַכטעס איז גרינגער צו שטופּן; באַשר די ווייבער אין דער גילדערנער מדינה זוכן דאָבּרי־מזל אויף אַ פּושקאַרט — — — כע־כע־כע, טאַקע ווי אַזוי בין איך געוואָרן דער גרויסער פיש אין גרויסן ים?

באמת, ווען איר נעמט און טוט מיר דאָס אַ פרעג — ווייס איך נישט וואָס אייך צו ענטפערן. טאַקע זאָגן, אַז ברכה, זאָל זיין אין ליכטיקן גן־עדן, איז אין דעם געווען שולדיק אינגאַנצן — דאָס קען מען נישט זאָגן. דאָ אין אַמעריקע שטופּט מען זיך נישט אַליין, יו נאָו; דאָ שטופּט מען דיך! ווער סע שטופּט דיך? אַ קשיה גאָר ווער סע שטופּט . . . דאָס דאָבּרי־מזל שטופּט, דאַטס אַל! . . . איך האָב געהאַט אָפּגעסייפט ז י ב נ א ו נ פ ו פ צ י ק הונדערט דאָלער . . . וואָס, איר קוקט מיך אָן? איר זייט סורפּרייזט ווי

אַזוי סייפט עס אַ פּעדלער אָפּ אַזויפיל געלט? אַז מען עסט נישט, אַז מען רייסט אָפּ פון דאָס לעצטע, און אַז קינדער זענען ברעקלעך און לאָזן לעבן — סייפט מען אָפּ! נו, אַז פּראָספּעריטי איז געקומען, אַז מען שעפּט גאָלד אין די גאַסן; אַז מען לייגט זיך שלאָפן אַ קבצן און מען שטייט־אויף אַ מיליאָנשטשיק — איז נישט שייך!

קומט צו מיר מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ סטאַליער פונדערהיים, און רעדט מיך איין: היות סע מאַכט זיך קויפן אַ שטיקל פּראָפּערטי דוקא אין בראָנזוויל; און היות ווי ער ווייסט, אַז איך האָב אַביסל אָפּגעסייפט געלט; באשר בכן, וויל ער מיך פאַר אַ פּאַרטנער . . . האַלב־אויף־האַלב. געקענט אים פאַר אַן אָרנטלעכן מאַן — האָב איך מיר געלאָזט איינרעדן. אגב האָב איך מיר אַרומגעקוקט אַרום זיך, געזען ווי פאַר די יאָרעלעך וואָס איך בין דאָ פּעדלער, זענען איינס נאָכן אַנדערן שכנים מיינע אַריין אין די פּעדערן, אַריין אין די פּעדערן ווי אין פּסוק שטייט און אַוועקגעפלויגן, פיוי — — — אַרויס פון עלען סטריט; אַוועק, ווי איך זאָג אייך, אַוועק אַהין וואו מען וויל אונדז נישט, כע־כע־כע.

וואָס זאָל איך אייך אַ סך ברייען; האָב מיר געלאָזט איינרעדן. מע האָט געקויפט דאָס שטיקל פּראָפּערטי. האָב עס אפילו אָנגעקוקט. אַ פּאַסיקל זאַמד און מער גאָרנישט, כע־כע־כע. אויף מאָרגן קומט צו מיר מיין שותף און באַווייזט מיר שוואַרץ־אויף־ווייס — אַז דאָס געלט האָט זיך פאַרטאָפּלט . . . פאַרטאָפּלט!

איך בין מיר דוקא נישט אַרויס פון די כלים. נאָר ברכה, זאָל זיין אין ליכטיקן גן־עדן, זי איז אַרויס פון די כלים. איך האָב מיר געוואָלט נעמען דאָס וואָס איז מיר צוגעקומען, באַהאַלטן — הלואי זאָל מען עס נישט באַדאַרפן. נאָר אַז מיין פּאַרטנער האָט מיר אַ קלאָפּ געטאָן אין פּלייצע: „גוטער ברודער, דאָס איז נאָר אַן אָנהייב, אין אַמעריקע שטייט מען נישט אויף אַן אָרט. אין אַמעריקע, אַז אליהו הנביא האָט זיך באַוויזן — באַדאַרף מען אים נישט אָפּלאָזן, יו נאָו . . סייפן, סייפט אַ קבצן, יו נאָו; אַן עושר סייפט נישט; אַן עושר שאַרט דאָס גאָלד מיט אַ קאָטשערע!"

אָט, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך טאַקע אויפגעהערט סייפן

און אָנגעהייבן שאַרן גאָלד מיט אַ לאָפּעטע אין איין יאָר צייט האָט זיך עס באַ מיר איבערגעקערט. מיין ברכה, זאָל זיין אין ליכ־טיקן גן־עדן, איז געוואָרן די אמתע גבירנטע זי האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו פירן דעם שטאָט. עלען סטריט איז איר מיטאַמאָל ענג געוואָרן. פלוצעטאַלבן — זי קען שוין באַנאַכט נישט צומאַכן מיט קיין אויג, באשר סע קלאַפּט איר דער עלעווייטאָר אין קאָפּ . . . צען יאָר געשלאָפן געשמאַק און דער עלעווייטאָר האָט נישט גע־באַדערט, און מיטאַמאָל, נאַ דיר — זי קען שוין מער מיט קיין אויג נישט צומאַכן!

די קינדער, די זינעלעך, וואָס האָבן מיר אַמאָל יאָ אַרויסגע־האָלפן באַם פּושקאַרט — די מאַמע טענהט, אַז איצטער מוזן זיי שוין ווערן דאָקטוירים. „ווי דען — זאָגט די מאַמע — פּוש־קאַרט־פּעדלער וועלן זיי דיר דאָ זיין? אין אַמעריקע, אַז מע האָט דיר געוויזן אַ פינגער, איז דיר קאַרג? אַ גאַנצע האַנט באַדאַרפסטו זאָל מען דיר אַריינלייגן אין מויל אַריין?!"

נו, אַז סע גייט פון אַלע זייטן; אַז ממש איך לייג זיך שלאָפן אַ צופרידענער מיט דעם וואָס איך האָב, און שטיי־אויף אינדער־פרי — איך ווייס שוין אַליין נישט וויפל איך האָב, כע־כע־כע . . . דער שותף באַוויזט מיר דעם חשבון: קעש — אַזויפיל; פּראָ־פּערטי — אַזויפיל; מאָרגעדזשעס — אַזויפיל און אַזויפיל — ממש סע דרייט זיך מיר דער קאָפּ . . . וואָס, איר קוקט מיך אָן? נאנסענס, מיסטער — אַז מען קען נישט חשבונען אויף עלען סטריט — קריגט מען אַ מיניסטערשע קאָפּ אויף ריווערסאַיד? נאנסענס, זאָג איך אייך!

וואָס זאָל איך אייך אַ סך ברייען? מיך טראָגט עס אַרום אי־בער נעוויאָרק — ממש אַ פיש אין וואַסער! איך ווייס נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך געפין זיך. דוכט מיר, מיין ברכה איז טאַקע גערעכט; דער עלעווייטאָר איבערן קאָפּ באַדערט טאַקע, לאָזט טאַקע נישט שלאָפן . . . „וויסטו וואָס, ברכה — זאָג איך צו נ׳איר..." — „איך ווייס וואָס דו ווילסט מיר זאָגן — ענטפערט זי מיר — איך וועל אָבער באַ דיר נישט פרעגן; איך האָב שוין אַ דירה אויף ריווערסאַיד דרייוו . . ." אַכט רומס האָט זי גענו־מען . . . די פאַרבעטשער אַרויסגעוואָרפן; אַלץ פונדאַסניי האָט

זי אָנגעהויבן — געשטאָרבן, כע־כע־כע, און נאָכאַמאָל געבוירן געוואָרן, יו נאָו . . .

וואָס זאָל איך אייך ברייען? עס איז גאָרנישט אַזוי שווער אין אַמעריקע צו ווערן אַ גביר; עס איז אפילו נישט שווער אויס־צוגעבן דאָס געלט; עס איז נאָר שווער זיך צו האַלטן ווי אַן אמתער גביר . . . מיין ברכה איז אין די גרויסע שטובן אומגע־לאָפן ווי אַ פאַרסמטע ציג, כע־כע־כע, רק געווישט, רק גערױמט, רק געווישט און רק גערױמט . . . מען מוז איר צוגעבן וואָס איר קומט — זי האָט געוואָלט אַלץ אַליין, קיין דינסטן האָט זי נישט געוואָלט . . . מסכים געווען. בין טאַקע קיין גביר נישט געווען. אָבער באַ מיר האָט גענומען וואַקסן אַ בויך, כע־כע־כע . . . וואָס, איר לאַכט? איר מיינט איך האָב געשלונגען רענדלעך? די איי־גענע הערינג מיט פעטייטעס וואָס אויף עלען סטריט! מיין ברכה איז אינדערשטיל געגאַנגען, קיינער זאָל נישט וויסן און פון עלען סטריט געבראַכט די הערינג . . . אָבער דער בויך האָט אָנגעהויבן וואַקסן. עס איז מיר יאָ געפעלן געווען, און נישט געפעלן געווען; באשר מען זאָגט, אַז אמתע גבירים, גויאישע מיליאָנערן זענען מאָגערע. נאָר די אויפגעקומענע גבירים, באַ זיי הייבט אָן וואַקסן אַ בויך! נישט אַזוי פון עסן, ווי פון גדולה און נחת . . . וואָס שייך נחת, יו נאָו — נחת איז טאַקע געווען. מיין ברכה איז געווען גערעכט. די קינדער אָפגעגעבן אין קאָלעדזש — זענען זיי גע־וואָרן גאָר אַנדערע. אויף זיי איז דער גבירישער גלאַנץ אַרויף, און געווען אָנזעעוודיק.

נאָר פונדעסטוועגן איז דעם גביר נישט שווער צו טראָגן אַ בויך. אָ הכסף יענה את הכל . . . דעם גביר פאַסט אַ בויך צום פנים. מיר האָט עס אויך געפאַסט צום פנים, כל־זמן איך בין געווען אין די פלוספעדערן און מיט דעם שיינעם עק — אַ העכט צווישן העכט.

ווי אַזוי איך קום ווידער אַהער? אָט, טאַקע אַהער אויפן איי־בערגעקערטן קעסטל? ווי אַזוי בין איך געוואָרן אַ דזשעניטאָר? איר זייט סורפּרייזט . . . אַלבעטשע, עס איז געשווינד צוגעגאַנגען, ביז דער היימישער טעסלער און נעוויאָרקער פעדלער האָט געגנו־

מען שאַרן גאָלד מיט די לאָפּעטעס . . . אַמעריקע — דאָטס אָל!
דאָ גייט מען נישט; דאָ שטופּט מען דיך. דאָ שטופּט מען דיך באַרג־אַרויף, און קייקלסט זיך באַרג־אַראָפּ אויך מיט אַ מנין.
אַז פּראָספּעריטי איז געקומען — האָט עס אַלעמען געשטופּט באַרג־אַרויף . . . נו, יו נאָו, אַז דער קראַש איז געקומען, האָט עס נישט נאָר מיך אַליין געקאַטשעט באַרג־אַראָפּ — אַ וועלט מיט נאַראָנים האָבן זיך געקייקלט באַרג־אַראָפּ! ברכה איז דאָרט געשטאָרבן.
זי, זאָל זיין אין ליכטיקן גן־עדן, צוריק אויף עלען סטריט האָט זי נישט געוואָלט. דאַסמאָל האָט זי מיר נישט געפאָלגט. געוועזט געוועזן באַצייטנס צוריק, געקענט, יו נאָו, די זיבנאונפופציק הונדערט דאָלאַר ראַטעווען — האָב איך איר געפאָלגט, ביז די שטריק איז שוין געווען גוט פאַרצויגן, ביז איך האָב די צונג, אָט אַזוי לאַנג אַרויסגעשטעקט. די זין מיינע — חתונה געהאַט, קבצנים געוואָרן.
דער מאַמען דעם נחת נישט אָנגעטאָן. אַהער שמעקן זיי נישט אַריין.
דעם בויך האָב איך געבראַכט פון דאָרטן צוריק . . . נו. פּאַסט ער מיר דאָ נישט. גלייבט מיר, אַז די ז י ב נ א ו נ פ ו פ צ י ק הונדערט דאָלאַר ליגן דאָ באַ מיר אין בויך נישט, כע־כע־כע.

אַ פיש איז מען געווען, יו נאָו; אַי, איז מען געשוואומען! טאַקע מיט די פלוספעדערן און מיט דעם שיינעם עק — אַ פיש אין ברייטן ים, כע־כע־כע.

איצטער איז מען, עקיסקיוז מי, אַ געפגרטער פיש אויפן זאַמד... אָט וואָס מען איז . . . נישט מער, וואָס מען איז נישט אַליין אויפן זאַמד; בין נישט אַליין געקומען צוריק. געגוג פיש דאָ אויפן זאַמד — דאָס וואַסער האָט זיי אויפן זאַמד אַרויסגעוואָרפן . . . עקסקיוז מי פאַר אַזאַ עקספּרעשאָן — געפגרטע פיש אויפן זאַמד, דאָטס אָל — — —

א מאַמע

(מאָנאָלאָג)

— איך ווייס, אַ מענטש קען נישט בעטן, זיין האַרץ זאָל פאַר־שטיינערט ווערן; דאָס וואָלט געמיינט, אַ צו־גרויסע טובה בעטן באַ דעם וואָס אין הימל. פאַרקערט, דער וואָס אין הימל האָט דיר געגעבן אַ האַרץ, וואָס צעגייט און ברענט; וואָס קאַרטשעט זיך ווי אַ צעהאַקטע שלאַנג, וואָס וואָלט זיך אַליין פאַר יסורים צונישט געמאַכט, און ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. מחמת, אַז מ'לעבט דערלעבט מען. באַ אַ מאַמען גייט עס כסדר צום ערגערן, און נישט צום בעסערן.

אַז אַ מאַמע דערציילט איך וואָס פאַר אַ נחת זי שעפּט פון אירע קינדער — טאָ קוקט זי אָן און שמייכלט; מאַכט אַ פּנים, אַז איר גלייבט איר. וואָרום וואָס וואָלט טאַקע דעם מענטשנס לעבן ווערט געווען, ווען ער קען זיך נישט איינרעדן אַ קינד אין בויך? וואָס וואָלט טאַקע געווען אין אמתן, אַ מענטש זאָל זיינע אויגן האָבן באַצייטנס אָפן, און אַרויסזען וואָס פאַר אַ גרויס גליק אים איז געשען מיט דעם וואָס ער איז אַ מענטש; און אַ מיידל זאָל נישט מיינען, אַז די הימלען האָבן זיך אויסגעשפּרייט פאַר אירע פיס, באשר, זי איז אַ שיינע, בחורים טרעטן פון איר נישט אָפּ?

פרעגט מיר, וועל איך אייך דערציילן ווי די הימלען האָבן זיך געשפּרייט פאַר מיינע פיס. אודאי לייענט איר נישט דעם טייטש־חומש. ס'איז נישט קיין מאַנצבילשער ספר. כ'ווייס נישט צוליב וואָס מ'דערציילט, אַז באַ דער מוטער שרה, פאַר דער צייט וואָס זי האָט געלעבט, האָבן די ליכט געברענט פון ערב שבת ביז ערב שבת, און די ברכה איז געווען אין די טייג, וואָס זי האָט געקנאָטן. און וואָס איז באַ מיר אין שטוב געווען, אַז די קינדער זענען נאָך געווען קינדער און האָבן אַרויסגעקוקט דער מאַמען אין די הענט, זי זאָל פאַרדינען אויף ברויט און זאָל אַליין צוגרייטן ס'עסן? צי האָב איך זיי נישט געגעבן מיין פליייש און בלוט — טאַקע מיין האַרץ האָב איך זיי דען נישט אָוועקגעגעבן? וואָס איז פון דעם

געוואָרן? וואו איז דאָס ליכט וואָס כ׳האָב געצונדן פון ערב שבת ביז ערב שבת? וואו איז די ברכה, וואָס כ׳האָב אַריינגעקנאָטן אין שווער־פאַרהאָרעוועטן טייג?

אָט דאָ, זעט איר, איז דייקע אמת, וואָס דער טייטש־חומש דער־ציילט וועגן דער הייליקער מוטער שרהן, און פון דעם זאָל מען אָפּלערנען, וואָס, משטיינס געזאָגט, איז אַ האַרץ פון אַ מאַמען. דאָס מוזט איר דאָך וויסן, אַז די תורה האָט גאָר באַדאַרפט דערציילן ווי די מוטער שרה איז געשטאָרבן פון האַרצווייטיק — ווען מ׳האָט איר זון געבונדן און געפירט צו דער שחיטה . . . יעמאָלט איז איר ס׳האַרץ אויסגעגאַנגען, ווי איז מיר . . . נאָר די תורה האָט עס נישט געוואָלט צוגעבן, אַז דעם טאַטנס האַרץ האָט נישט געציטערט, ווען ער האָט געפירט זיין זון צו דער עקידה. ווער ווייסט, אפשר איז אַ טאַטע גערעכט, אפשר איז ער באַם שכל. וואַרום וויפל מאָל האָב איך געהערט ווי פאַרצאָקטע מאַמעס האָבן געשאָלטן: „הלואי וואָלט איך זיי קליינערהייט באַגראָבן . . . הלואי וואָלט איך אַ שטיין אויסגעטראָגן אין די געדערים . . .״ וואָס מיינט איר, פאַר גרויס נחת טוט עס אַ מאַמע? אָדער ס׳איז אַ דאַנק דעם וואָס אין הימל פאַרן שטיקל גליק, וואָס ער האָט דער מאַמען צוגעטיילט?

נאָר גאָרנישט, איך קען צו זייער טאַטן גאָרנישט האָבן. נאָך דעם ווי איך האָב מיט דעם טאַטן זייער; געבאָרן ס׳פערטע קינד, כ׳בין נאָך אַליין אַ קינד געווען, האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויף אַ וויסטער קרענק און, נאָכן אָפּטשאַכניען אַ גאַנצן ווינטער, איז ער געשטאָרבן. מ׳האָט געשמועסט, אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ צרהלע פאַרן פריזיוו, מ׳זאָל אים נישט נעמען אין זעלנערייִ. ווען ער איז געשטאָרבן, בין איך געווען פונקט אין זעקסטן חודש מיט מיין אינגסטער טאָכטער, וואָס טוט דער מאַמען דעם גרעסטן נחת אָן. איז הייסט, וויל איך זאָגן, אַז צוב׳אים האָב איך גאָרנישט. איך בין אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר, אַז ער איז געשטאָרבן.

ס׳איז מיר נאָר געווען דערווידער, וואָס אין דער צייט ווען זיין געביין האָט שוין געפוילט אין דער ערד, איז אין מיינע געדערים אַ לעבן געוואָקסן. כ׳האָב מיר יעמאָלט געוואונטשן, אַז גלייכער אַ שטיין זאָל פון מיר אַרויסקומען. נו, איז אַרויסגעקומען די איינ־

גערע טאָכטער, חיה, וואָס כ׳האָב זי אַ נאָמען געגעבן נאָך איר טאַטן; חיים, האָט ער געהייסן, חיים ברעגמאַן . . . צוויי יאָר איז זי אַלט געווען, אַז איך בין אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, און אַוועק פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט פאַר די פּיצלעך. ס׳עלטערע קינד, אויך אַ מיידל, איז אַלט געווען אַכט יאָר. די מיטלסטע צוויי זענען געווען דייקע אינגלעך.

איז הייסט עס, ווי איר הערט, האָב איך פיר קינדער און פונ־דעסטוועגן האָב איך געבומען און אַריינגעצויגן אין מושב־זקנים . . . קלערט איר אודאי, באשר די קינדער ווילן דער מאַמען נישט האָבן באַ זיך אין שטוב; ס׳הייסט, די צוויי איידעמס און די צוויי שניר ווילן מיך נישט אָנקוקן. הלואי וואָלט עס געווען אמת. וואָס וואָלט איך משטיינס געזאָגט געהאַט צו איידעמס און שניר? באשר וואָס — כ׳האָב פאַר זיי אויסגעטראָגן צוויי טעכטער און צוויי זין? באשר איך האָב שפּעטער מיטן קאָפּ פאַרלייגט, גענייט, געפּרעסט, איבערגעקליבן שמאַטעס, און וואָס נישט . . . ביז כ׳האָב זיי דער־לעבט צו זען אויף אייגענע קעסט . . . ניין, זעט איר, איך מאָן נישט באַ מיינע קינדער, באשר כ׳האָב זיי עפּעס געגעבן. באשר ס׳קומט מיר. נאַרישקייטן. כ׳ווייס, קיין דאַנק קריגט מען נישט פון קיינעם, אַז מ׳טוט פאַר אים עפּעס. און אודאי שוין אַ קינד, וואָס אַז עס וויל — קען עס נעמען און אַ זאָג טאָן: ווער האָט דיך געבעטן, דו זאָלסט מיך געבערן?

נאָר דאָס איז טאַקע די מעשה . . . מ׳זאָגט, אַז אַ באַרעלע רייסט זיך אָפּ פון בוים — פאַרקייקלט זיך סע ווייט פון בוים און ווערט באַזונדער פאַרפוילט. נו, איז עס טאַקע מיטן מענטשן אויך אַזוי? נאַרישע מענטשן ווילן מיר איינרעדן, אַז שולדיק איז אין דעם אַמעריקע; ס׳הייסט, אין דער גאָלדענער מדינה, משטיינס געזאָגט, איז דער מענטש באַוואַקסן געוואָרן מיט אַ גראָבער קאָרע, און מער ווי פאַר זיך אַליין אַרט אים נישט — אַז אפילו קינדער זאָגן זיך אָפּ פון טאַטע־מאַמע! נו, זאָל איך עס גלויבן? איז דאָס אַ לעבן? ווען דאָס זאָל טאַקע זיין אמת, האָט מען באַדאַרפט בעטן באַ דעם וואָס אין הימל, ער זאָל אַ תל מאַכן פון אַזאַ לעבן. נישט צוליב דעם האָט איר מיך געטראָפן אין אַ מושב־זקנים. וואָס טו

איך דאָ? ווי קומט אַ מאַמע, וואָס האָט פיר קינדער און ניין איי־ניקלעך?

אפשר בין איך אַליין שולדיק. אפשר האָב איך זיך נישט באַ־דאַרפט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, אויב די עלצטע טאָכטער האָט געזנו־מען און חתונה געהאַט מיט אַן איטאַליענער . . . ווארום דייקע ער האָט געוואָלט, איך זאָל נישט גיין אין אַ מושב־זקנים. דייקע ער האָט געזאָגט, אַז מ'וועט פאַר מיר אפילו קויפן כשרע טעפּלעך און כשרע טעלער און לעפל. בין איך דאָך צו די אינגערע קינ־דער אויך נישט געגאַנגען. פאַרוואָס? דאָס איז שוין אַ חרפּה צו דערציילן. דער חשבון איז אַ פשוטער: אַ מאַמע קען צען קינדער שלעפּן אויף די פּלייצעס, און צען קינדער, אַז די מאַמע קומט אויף דער עלטער — וואַרפן זיי דער מאַמען אַראָפּ פון די פּלייצעס. אָט דאָס איז עס. אַז מ'לעבט, דערלעבט מען . . .

ווען איך ווייס, אַז קינדער נעמען און פאַרגעסן; ס'הייסט, אַמאָל איז געווען אַ מאַמע, וואָס איז מיט בלוט אָפּגעגאַנגען; געווען, און מער נישטאָ! נעכאַי וואָלט עס טאַקע אַזוי געווען. ווייס איך, דאָ אין מושב־זקנים דרייט זיך אַרום אַ שאָטן, וואָס האָט אַמאָל געהייסן חיה ברעגמאַן; טאַקע אַ שאָטן, און נישט מער — מחמת די מאַמע, וואָס האָט אַמאָל געהייסן חיה ברעגמאַן, איז באַגראָבן געוואָרן אין אירע לעבעדיקע פיר קינדער . . . און הלואי וואָלט איך מיר געקענט איינרעדן, אַז אָט־אָ די אַלע, וואָס איר זעט, מאַנצ־בילן, ווייבער — זענען עס שאָטנס, און נישט מער.

מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק נעמט און פאַלט צו מיר אַריין די עלטערע טאָכטער, קלאָגט מיט ביטערע טרערן — באשר דער מאַן אירער איז איינגעפאַלן, מסוכן־קראַנק; בעט זי באַ מיר, באַ דער מאַמען, הייסט עס, זי זאָל איינרייסן דעם ארון־קודש, גאָט בעטן, ער זאָל געזונט ווערן . . . „ער האָט דיך ליב — דערציילט זי מיר — ער דערמאָנט שטענדיק דיין נאָמען" . . . נו, האָט ס'האַרץ נישט באַדאַרפט צעריסן ווערן? וואָס האָב איך געקענט טאָן? נעם איך און טו אַ זאָג צו איר: „קענסט אַליין נישט גאָט בעטן? כ'ווייס גאָר נישט צי איך בין עפּעס ווערט באַ דעם וואָס אין הימל. ווארום אויב יאָ — האָט ער דאָך געקענט מאַכן, אַז אנשטאַט קינדער זאָל איך גאָר געבערן שטיינער" . . . איך האָב עס אפשר נישט באַ־

דאַרפֿט זאָגן. דייקע דערפֿאַר וואָס איך בין אַ וויסטע מאַמע, האָב איך באַדאַרפֿט נעמען און זאָגן: „נאַריש קינד, ווען דיין מאַמע זאָל גלויבן, אַז אירע תּפֿילות ווערן אָנגענומען, האָט זי באַדאַרפֿט בעטן, אַז דער וואָס אין הימל זאָל זי צונעמען אין צייט, און נישט לאָזן, זי זאָל לעבן און זיך אומבלאָנקען ווי אַ שאָטן צווישן שאָטנס״.

ניין, ווי איר זעט, האָב איך עס איר נישט געקענט זאָגן. איך האָב געשלונגען די טרערן, נאָר ס׳האָט נישט געהאָלפֿן. די טרערן האָבן געראָנען איבערן פּנים, מענטשן האָבן געקוקט און, זיך גע־חידושט, סטייטש? . . . מיין טאָכטער האָט זיך אויך געחידושט: „וואָס, דיר איז דאָ שלעכט? זעסט, קיין עין הרע, אויס גוט. האָסט דאָ אַ פֿריילעכע קאָמפּאַניע. האָסט דאָ מענטשן פֿון דיין גלייכן . . .״ ווי זי האָט עס מיר געזאָגט — איז, ווי מ׳וואָלט מיר די טרערן אָפּגעשניטן. „אודאי איז מיר גוט — האָב איך געזאָגט — אודאי, מיין קינד, האָט גאָר בעסער נישט געקענט זיין. אָט, ווי דו קוקסט זיי אַלעמען אָן, טאַנצן זיי פֿאַר נחת און וואוילטאָג . . . נאָר מסתּמא זאָגן זיי אינדערשטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערן, אַז בע־סער וואָלט געווען ווען סע זענען קיין קינדער נישטאָ; מ׳זאָל גאָר פֿאַרשפּאָרן צו טראַכטן, אַז אַמאָל איז אַ מאַמע געווען, געצונדן די ליכט פֿון שבת ביז שבת, געקנאָטן די טייג און אין דעם די ברכה אַריינגעגעבן.

אַמאָל קומט צו מיר דער אינגערער זון; קומט זיך באַקלאָגן אויף זיין ווייב, הלמאי זי וויל נישט, ער זאָל מיך אַרויסנעמען פֿון מושב־זקנים, און נעמען צו זיך אַהיים. ער קען, זאָגט ער, מיט איר נישט איינרייסן, באשר זי איז אַ מאַמע פֿון דריי קינדער. וואָס קען ער מאַכן . . . נו, איז וואָס, זאָל איך נעמען מיין זון און אים אַ זאָג טאָן, אַז הלוואי ווען אירע קינדער וועלן אויסוואַקסן, חתונה האָבן, און איינריכטן זיך שיינע היימען, זאָל זי אויך דאַרפֿן גיין אין אַ מושב־זקנים? ס׳וואָלט דאָך הייסן, איך שעלט. און איך וויל גאָר קיינעם נישט ווינטשן קיין בייז. איך שריי, אַז איך בין קיינעם נישט שולדיק. כ׳מאָן באַ קיינעם נישט. איך מאָן נאָר באַ דעם וואָס אין הימל; איך טענה צו אים, הלמאי ער האָט געלאָזן, מיין יוגנט זאָל אַזוי פֿרי אויסטריקענען; הלמאי ער האָט מיך אי־בערגעגעבן אין רשות פֿון אַ מאָן אַ כּורליאַק, וואָס האָט מיך געמאַכט

פאַר אַ מאַמע — אַז קיינער דאַרף גאָר קיין מאַמען נישט האָבן! וואָס דאַרפן קינדער דען האָבן אַ מאַמע? ווער בין איך דען בײַ זיי געווען? אַ דינסט אַ געטרייע. אויסגעוואַקסן, און מ׳האָט אָן דער דינסט דייקע נישט פאַרגעסן, מ׳האָט זי נישט געלאָזן אויף דרויסן. מ׳האָט זי אַרײַנגעזעצט אין אַ מושב־זקנים און מ׳צאָלט פאַר איר. דאָס איז דאָך אודאי שיין פון זייער זייט. ס׳וואָלט שוין רעכט געווען.

נעמען זיי אָבער און קומען געוואויר־ווערן. מ׳קומט און מ׳רופט מיך מאַמע. איר הערט? אַ מאַמע בין איך זיי . . . וואָלט אפשר געווען גלייכער, אַז ווען אַ קינד קומט געוואויר־ווערן — זאָל איך נעמען און דורכטרייבן. צאָלן מיט דער אייגענער מטבע, וואָס זיי האָבן מיר געצאָלט. נו, קען איך עס? בייס איך די ליפּן, וואַרט ביז מ׳וועט אַוועקגיין. באַגראָב איך מיין קאָפּ אין דער קישן און זאָג אינדערשטיל קדיש . . . נאָך מיינע יונגע יאָרן, וואָס זענען מיר אויסגערונען, זאָג איך קדיש. כ׳לאָז, זאָל דאָס האַרץ וויינען — כל זמן די טרערן האָבן נישט אויסגעטריקנט.

אָ ק ס ן

(סאָוועטיש)

— זיצט, חבר הירשביין. דאָ איז שוין יידיש פעלד און דאָס איז שוין מיין שטיין, כאָטש באַם אַגראָדזשאָינט גענומען אויף קרעדיט. זיצט, אַ ווייכער שטיין, נאָר אַביסל קאַלכיק. אַלץ איז דאָ, ברוך־השם, האַרט: — ס'מזל, די קרימער ערד, דאָס שטיקל שלעכט, אויסגעבאַקן ברויט; נאָר קרימער שטיין איז ווייך. איר זעט, אין שטיין מושלען ווייסינקע. מען זאָגט, אַז דאָ, וואו יידן בויען איצטער זייערע הייזער, איז מיט אַ פּאָר מיליאָן יאָר צוריק געווען דער ים און דעריבער איז דער שטיין פול מיט ווייסע מוש־לען. איך האָב אַ לעק געטאָן דעם שטיין, איז ער טאַקע אַביסל געזאַלצן. אפשר איז דאָס מזלדיק.

וואָס־זשע זאָגט איר אויף קרימער לופט, חבר הירשביין? אַ סך פון אונזערע איבערוואַנדערער זאָגן, אַז דאָס איז ניט קרים. אַז דאָ מוז זיין אַ טעות. זיי זאָגן, אַ עס איז גאָר אוממעגלעך, אַז ניקאָלאַי זאָל פאַרן אַהער אויף דאַטשע. מילא, אַז סע פעלט דער גראָשן, מעלד איך אייך, וואָלט דאָ ראָטשילדן אויך שלעכט געווען. וואָלט געווען דער גראָשן — זאָג איך אייך — וואָלט מען אין קרים שוין געזען אַ וואַלד אויך אין חלום . . . עס איז דאָך אַ חידוש, ווי גאַנץ אָפּט, דער עיקר פאַר האַלבן טאָג, אַז איך צי מיר מיט די אָקסן דורכן סטעפּ, באַווייזט זיך מיטאָמאָל פון וויטן אַ וואַלד; באַוויזן זיך סעדער מיט פּאַלאַצן. אַמאָל זע איך אַ ברעג ים און באַם ברעג — ביימער און פלאַנצן. דאָס, זאָגט מען, זענען מיראַזשן, וואָס באַווייזן זיך אין אַ גלייכער געגנט, ווען די לופט איז קלאָר.

נאָר לאָמיר אייך זאָגן — חבר, אַז אַ סך מאָל טראַכט איך, אַז דאָס איז נישט גלאַט אַזוי, אַז דאָס איז מיר אַ פינגער אַריינ־געלייגט אין מויל: — „אָט זעסטו, אַזוי באַדאַרף אויסזען מיט דער צייט דער יידישער סטעפּ".

מיינט איר, אַז איך האָב נישט קיין אמונה אין דעם? אַ, ווי

איר קוקט מיך אָן, אַן אָפּגעריסענעם, אַ פאַרשטויבטן, אָבער איך פאַרקלער זיך גאָרנישט אָן אַ זייט. מיין אמונה זאָגט מיר אונ־טער, אַז אַזוינס וועט נאָך זיין. עס וועט מוזן זיין. איך האָב שוין מיינע אָקסן אויך איינגערעדט, אַז אַזוי וועט עס מוזן זיין.

און אַז איך האָב שוין דערמאָנט די אָקסן, וויל איך אייך זאָגן, חבר הירשביין, אַז אַ מענטש ווייסט זייער אָפט ניט, ווער זיין פריינט איז און וואו זיין גליק, אָדער אומגליק שטעקט. אָט וועל איך עס אייך באַלד דערקלערן, אויב איר האָט געדולד. צייט האָט איר דאָך געווים. קיין שטיינער באַדאַרפט איר נישט פירן. יאָ, רייד איך עס אַנטקעגן די אָקסן . . . דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך ביז דער לעצטער מינוט נישט געגלויבט, אַז איך וועל ווען עס איז קענען מאַכן שלום מיט די אָקסן. און ווער זאָגט נאָך איצ־טער, ווען איך האָב זיי ליב געקראָגן, ווי מיינע עלטערע גוטע ברידער, אָדער חברים. נאָר פריער, אַז איך בין נאָך געווען אין מיין שטעטל, ווען מיין שטעטל איז נאָך טאַקע געווען אַ שטעטל, דעמאָלט האָב איך אַן אָקס פיינט געהאַט. עס איז אַ חרפה צו דערציילן: יינגלווייז האָט מיך אַן אָקס פון אונדזער שכן, אַ בעל־הגוף אַ גוי, אַ כאַפּ געטאָן אויף די הערנער און אַריבערגעוואָרפן איבערן פלויט אין קראָפּעווע אַריין. טאַקע אַ גליק, אַז איך בין נצול געוואָרן. איך האָב מיך מער צעברענט אין דער קראָפּעווע, ווי צעשעדיקט פון אָקס הערנער . . . נו, וויפל באַדאַרף האָבן אַ מענטש? איך בין דעריבער שטענדיק געגאַנגען אַרום־און־אַרום, ווען אַן אָקס איז ערגעץ געשטאַנען. אפילו שפּעטער, ווען שוין אַ גרויסער, האָב איך זיך געהיט פאַר אָקסן . . . נו, גיי טראַכט, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל ווערן אויס פלאָקנשיסער, אַז דו וועסט ווערן אַ כופר־בעיקר; אַליין אויפהערן גלויבן אין גאָט און איך האָנדל און באַדאַרפן גיין קיין קרים, העלפן בויען אַ יידישן דאָרף, און אַז איך וועל אַליין בכבודי ובעצמי אָנהייבן מיין נייע וועלטל מיט אַ פּאָר קרימער אָקסן.

איר ווייסט דאָך, ווי דאָ גייט צו מיט די איבערוואַנדערער. אַ ערשטער קאַטעגאָרניק קריגט איין אָקס און אַ האַלבן וואָגן. דאָס מיינט, אַז אויף אַ פּאָר אָקסן און אַ גאַנצן וואָגן זענען פאַראַן צוויי

איבערוואַנדערער. דאָס איז שלעכט. סם־המות. כאָטש איך בין אין האַרצן אַ קאָלעקטיוויסט, נאָר בשותּפות איין וואָגן און צוויי אָקסן, זאָג איך אייך, איז סם־המות. די אָקסן זענען אָקסן און די איבערוואַנדערער ווערן אויך אָקסן. די אמתע אָקסן קריגן זיך נישט. נאָר די איבערוואַנדערער קריגן זיך. איך האָב פון דעם נאָך געוואוסט אינדערהיים. מיין פריינט, וואָס האָט געוואָלט מאַכן אַן אָנשטעל און זיך אָנגעבן פאַר אַן ערשטער קאַטעגאָריע, איז ער טאַקע אויסגעריסן געוואָרן. — „ווער אַ נ ו ל — האָט ער מיר געשריבן. אַ „נול", אַזוי רופט מען דעם קיילעכדיקן קבצן. ווייל באַ דער מלוכה איז ער אַ גרויסער יחסן, האָט מען שוין באַם אַגראָ־דזשאָינט אויך אויף אים אַן אַנדער אויג. דעם „נול" גיט מען אַרויס אַ פּאָר אָקסן און אַ גאַנצן וואָגן פאַר אים אַליין. מאַכט ניט, וואָס באַם אַגראָ־דזשאָינט רופט מען דעם נול — קעסט־קינד. מאַכט ניט; נאָר דו קום, ווי אַ קיילעכדיקער נול — האָט ער מיר געשריבן.

איך האָב אים געפאָלגט. אַזוי האָב איך מיך פאַרשריבן, כאָטש איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך וואָלט געקענט אַריין אין דער ער־שטער קאַטעגאָריע. אַ קיילעכדיקער קבצן בין איך געוועזן סיי־ווי — און אַזוי טאַקע בין איך געוואָרן אַ באַלעבאָס איבער מיינע אָקסן און וואָגן. און איצטער קום איך ווידער צו די אָקסן, ווי אַזוי איך האָב אַמאָל פאַר אַן אָקס מורא געהאַט סכנות־נפשות און איצ־טער — ווער רופט אים אָקס? „צאָב־צאָבע . . ." מיינע צאָבעס. אויף אָקסן־שפּראַך מיינט צאָב רעכטס און צאָבע — לינקס! אָט, קוקט זיי אָן, דאַכט זיך רשעים, אַזעלכע גרויסע בריטאַניעס, און הערנער — גאָר באַ אונדזערע היימישע אָקסן אַזעלכע הערנער נישט צו זען. און גיי טרעף, אַז די אָקסן מיט די גרויסע שפּי־ציקע, אויף אַ זייט פאַרוואָרפענע הערנער, זענען דווקא פלאָכע אָקסן . . . ווי איז געזאָגט געוואָרן: ילמדנו מבהמות הארץ. — אוי, קען מען זיך לערנען פון די אָקסן . . . אוי, חבר, אַז איך דערמאָן מיך, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען פריער אין שטעטל און וואָס איך בין שוין דאָ אויסגעשטאַנען — ווען איך וואָלט נישט האָבן מיינע צאָבעס, וואָלט עס מיר שווער געווען איבערצוטראָגן.

עס האָט ניט צו טאָן מיט דער זאַך, נאָר איך וויל עס אייך,

אגב, דערציילן, עס וועט זיך אפשר פאַרבינדן. איר האָט דאָך, מסתמא, געהערט, מען דערמאָנט צווישן איבערוואָנדערער דעם פינ־אינספעקטאָר. דאָס איז דאָך דער שוחט, וואָס האָט אָן אַ חלף אַוועקגעקוילעט דעם יידישן הענדלער. איר ווייסט דאָך, וואָס פינ־אינספעקטאָר באַדייט; דאָס מיינט דער פינאַנס־אינספעקטאָר, וואָס קומט באַטראַכטן מיינע פינאַנסן און אַרויפלייגן אָפּצאָלונגען. אוי, קוילעט ער! אוי, האָט ער אַ חלף . . . יאָ, איצטער אַרט מיך נישט. זאָל ער. אַ דאַנק אים, וואָס ער האָט מיינע גרויסע פינאַנסן אַוועקגעקוילעט. אַ דאַנק אים . . . מיינע אָקסן דאַנקען אים אויך, איך בין זיי אַ גוטער חבר. נאָר איינמאָל, דערמאָן איך מיר, ווען עס איז שוין ניט געווען אין מיין קרעמל גאָרנישט. טאַקע גאָרנישט. פּוסט. אַ פּאָר פּוסטע אייל־פלעשלעך. אַ פּוסטע הערינג־פעסל, אַ פּוסטע קעראָסין־בלעך און אַ פּוסט האַרץ. ווייסט איר ווי פּוסט — ס'איז ניט שייך, ניט אויסצודערציילן . . . קומט אַריין צו מיר דער פינ־אינספעקטאָר, נעמט אַרויס פון זיין טעקע אַ פּאַפּיר און הייסט זיך מיר אונטערשרייבען. אויף וואָס אונטערשרייבן, אַז קיין סחורה האָב איך נישט? לית־ברירה, איך האָב אפילו נישט געקוקט אויף וואָס איך האָב זיך אונטערגעשריבן. איך האָב אים נאָר געזאָגט: חבר פינאַינספעקטאָר, איר זענט דאָך אַ ייד, איך ווייס נישט, צי איר האָט זיך געלערנט שחיטה, נאָר אַ האַנט האָט איר אַ שטאַרקע. איז אויב דאָס איז דער לעצטער כיטשל איבערן האַלדז, בין איך אייך אַ גוטער פריינט. טאַ דאַנק איך אייך.

ער איז נישט געווען קיין נאַר. מאַכט ער:

— דער לעצטער, חבר. איצטער וועט איר שוין באַ מיר נישט גיין, נאָר לויפן קיין קרים.

איר פאַרשטייט, חבר הירשביין, וואָס דאָס האָט געמיינט? מען באַדאַרף אַזעלכעס נישט דערציילן. דאָס קען שוין מיינען, אַז איך האָב געקראָגן אַן אַמעריקאַנער שרייבער און איך מסר פאַר אייך אויף דער מלוכה. חלילה, נישט דאָס בין איך אויסן. איך בין איצטער אַ גוטער פריינט דעם פינאַינספעקטאָר. זאָל ער כיטשלען, וואָס שנעלער און — אַראָפּ פון מאַרק.

פאַרשטייט איר מיך, אַז איך בין געקומען אַהער אַ קיילעכ־

דיקער נול. אַן אָגיל־ואשמח — מע האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ וואָגן און אַ פּאָר אָקסן . . . איך דערמאָן עס איצטער און איך לאַך אַליין. נאָר, בנאמנות, די אָקסן האָבן דערקענט, אַז איך בין אַ פריינט פון דער זאַך. דער עיקר איין אָקס, איך האָב אים נישט מער. איצטער, ווי איר זעט, האָב איך זיי ביידן צום מאַשטש, ביידע גרויע. תחילת האָב איך געהאַט איינעם אַ שוואַרצן, אַ קלענערן. איך האָב אים צוליב דעם פאַרקויפט און אויסגעביטן אויף אַ גרויען און אַ גרעסערן. נאָר וואָס זאָל איך אייך זאָגן, זינט יענעם אָקס, האָבן מיר זיך די אויגן אויפגעעפנט אויף אַ סך זאַכן. מע האָט דאָך מיר באַוויזן, ווי אַזוי מען שפּאַנט איין אַ פּאָר אָקסן. מען באַדאַרף דאָך פריער אָנטאָן זיי דעם יאָך. און ווייל ער איז געווען אַ קלענערער, איז דער יאָך געלעגן באַרג־אַראָפּ אויף זיין האַלדז און אים האָט עס גקעוועטשט . . . נאָר ווי יענער אָקס האָט מיר געקוקט אין ד י אויגן, בעת איך האָב אים געשפּאַנט! . . . מען טאָר דאָך ניט גלויבן אין קיין נאַרישקייטן און ווער זאָגט נאָך, גלויבן אין גילגולים . . . איך וואָלט זאָגן, אין יענעם אָקס איז געזעסן די נשמה פון אַ למד־וואָווניק. יעדער אָקס איז דאָך בטבע אַ געדולדיקע באַשעפעניש. באַנוגנט זיך מיט שיע־פּיע . . . נאָר יענער — איך ווייס נישט, מיט וואָס ער האָט געלעבט. אָט דער, וואָס שטייט פון דער רעכטער זייט, דאָס איז דער חבר פון יענעם שוואַרצן. ער איז דווקא אַ זולל־וסובא; כאָטש מישטיינס געזאָגט, וואָס ער קריגט באַ מיר. נאָר ער האָט אַ טבע אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ פרעמד פעלד. יענער נישט. ער האָט געוואוסט, אַז מען טאָר נישט. און ער האָט ליב געהאַט, איך זאָל אים קראַצן צווישן די הערנער. איך האָב עס דערקענט אין אים. פלעגט צוגיין צו מיר און לעקן מיין האַנט. איך האָף, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין גוטע הענט. אַזאַ אָקס מוז מען האַלט האָבן . . . איצטער האָב איך די דאָזיקע פּאָר. אַן ערנסטע פּאָר. אַ גוטע פּאָר, עס געפעלט מיר, ביידע פון איין מאַשטש. און איר זעט, די הערנער — ממש ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט . . .

מען לערנט זיך אויס, אַלץ לערנט די בויט אויס. איצטער, אַז מען רעדט פון טראַקטאָרס, און איך זאָג אויך, אַז אַ טראַקטאָר איז אַ יש; אַ טראַקטאָר איז סאָציאַליזם — אָבער די אָקסן — זיין האָבן

מיר געדינט און איצטער דינען זיי מיר אויך; גאָר קיין ספק אין דעם נישטאָ, אַז אָן די אָקסן וואָלט איך אַרײַנגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. וואָס הייסט, אַז איך לאָז מיך אָוועק אין שטאָט אַריין, אַ קימא־לן פון אַ פופציק וויאָרסט? . . . איר געדענקט ווי בײַ מענ־דעלע מוכר־ספרים טענהט זיך יודל אויס מיט זיין קליאַטשע? אַט אַזוי רייד איך מיר גאַנץ אָפּט אויס מיין הארץ פאַר מיינע אָקסן. ווארום, וואָס קומט אַרויס — אַז איך וועל זאָגן, אַז איך האָב זיי געלערנט? וואָס קען איך זיי לערנען? ווי אַזוי אויסצוקומען מיט אַביסל דערנער? מיט אַביסל שטרוי? דאָס קען דער אָקס בעסער. ער ווייסט, וואָס זיין מאָגן באַדאַרף. וואָס דען זאָל איך אים לערנען, די צונג אַרויסשטעקן, בשעת אים ווילט זיך טריינ־קען? — שלעפּן די משא? אלא וואָס, אויסלערנען אים, ווי אַזוי צו שטיין רואיק? אַ קליינע חכמה . . . די אָקסן האָבן מיך אויס־געלערנט, ווי אַזוי רואיק צו זיין. זיי האָבן מיך איינגעשפּאַנט. זיי האָבן מיך געשטראָפט. זיי האָבן געמאַכט חוזק פון מיר. זיי האָבן מיר קלאָר געמאַכט, אַז אַ שוטה בין איך געווען, וואָס איך האָב נאָר עסקים געהאַט מיטן פינאַנסעפּעקטאָר. כ׳האָב מיין ווייב גע־שריבן: „אַז דו וועסט קומען אַהער — האָב איך איר געשריבן — און דו וועסט נאָך מיר כאַפּן בײַ די אָקסן, וועסטו דערגיין דעם סוד, ווי איך בין אַזוי געדולדיק געוואָרן".

אָבער ניין, עס קומט ווידער אויס, אַז איך באַקלאָג מיך, חלילה, פאַר אייך. נישט דאָס . . . איך האָב אייך פריער דער־ציילט, אַז איך האָב פאַר אָקסן מורא געהאַט, ווייל קינדווייז האָט מיך אַן אָקס אויף די הערנער אַרויפגעכאַפּט . . . און פאַר דער נאַכט האָב איך דען נישט מורא געהאַט? ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, אַז ווען מען גיט מיר אַ הויפן רענדלעך און מען זאָגט מיר, אַז איך זאָל בײַנאַכט אַרויסגיין אויסערן שטעטל, אַזוי ווייט, וואו דער בית־עולם געפינט זיך — איך וואָלט ניט געגאַנגען. גיין בײַנאַכט אין אַ צווייטער שטאָט, צי אין אַ דאָרף, אפילו צען וויאָרסט ווייט — ווען מען גילט מיך אָפּ, איך זאָל גיין, וואָלט איך דאָס נישט געטאָן. און איצטער, אין אַזאַ פרעמדער וועלט, אַ סטעפּ; נישט קיין בוים, נישט קיין טייך; נישט קיין סימן, וואו איז רעכטס און וואו איז לינקס. אַט אַזוי בין איך געקומען. אַט אַזוי בין איך

אַריין אין דער נאַטור אַריין. זי האָט מיך אַריינגעכאַפּט. איינמאָל זיך איבערגעשראָקן; טאַקע גוט איבערגעשראָקן:

נאָך איידער איך האָב געהאַט מיינע אָקסן, איך בין אַוועק אין קאַנטאָר שפּעטלעך און עס איז אויסגעקומען גיין שפּעט אַהיים. און דווקא די לבנה געווען. און מיין שאָטן איז געווען אַ צו־לאַנגער און ער איז מיר נישט געפעלן געווען . . . איך ווייס, אַז דאָס איז מיין שאָטן און איך וויל פון אים אַנטלויפן . . . נו, איז דאָך שלעכט, אַז מע האָט שוין מורא פאַרן אייגענעם שאָטן . . . איך ווייס, וואָס מיט מיר איז געווען? געווען אויפן עולם־התוהו. מע האָט מיר געזאָגט: — דאָס איז קרים — איז מיר געווען אַ חילוק, וואו איך בין? מע האָט מיר געקענט פאַרבינדן די אויגן און אַרויספירן אַ שעה הינטערן שטעטל, שפּעטער אויפבינדן די אויגן און זאָגן: אָט איז קרים! — וואָלט איך געגלויבט. איך בין געלאָפן, געלאָפן און געפאַלן איבער אַ שטיין, זיך גוט צעבלו־טיקט די נאָז און קיין חשק נישט געהאַט שוין אויפצושטיין. און אַז איך האָב זיך אויפגעזעצט און געקוקט אַרום זיך, האָב איך מיין שאָטן מער נישט געזען. און איך זע אים נישט מער. איך האָב זיך דעמאָלט אויפגעהויבן און אַליין געזאָגט צו זיך:

— זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך . . . שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ די ווילדע מחשבות. אַ שיין פּנים האָט טאַקע דער מענטש, וואָס האָט מורא פאַר זיין אייגענעם שאָטן. אָט ביסטו דאָך, רב יודל. אָט דאָס ביסטו. די לבנה שיינט. דו ביסט אין דיין לאַנד. אויף דיין ערד־חלק, נאָר דיין שאָטן יאָגט דיך נאָך, אַ חרפּה און אַ שאַנד . . . איך זאָג אייך, חבר, אַז ס׳איז אַ חרפּה און אַ שאַנד און אַז אָך־און־ווי צום יידן, וואָס מע האָט פון אים געמאַכט. אַ גאָר־נישט בין איך געווען. אַ פלאָקנשיסער ווי אַלע קרעמערלעך, פליגנ־כאַפּער, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר אַ מינדסטן שייגעצל און געווען גאַנצע יאָטי־בעדאַמען אין קלויז . . . טפו! זאָל עס ווערן! — זאָג איך נאָך איצטער, אַז איך דערמאָן זיך, ווי מיין אייגענער שאָטן האָט מיך געיאָגט און אַ פולע לבנה האָט אויף מיר געשיינט.

איר קענט דאָך איצטער, חבר הירשביין, די קרימער נעכט. דאָ זענען באַ אונדז פאַראַן צווישן די איבערוואַנדערער אַזעטיקע, וואָס זענען געווען אין ארץ־ישראל, זאָגן זיי, אַז פּונקט אַזעטיקע

נעכט איז דאָרטן. אַזאַ לבנה און אַזעטיקע שטערן. ווי האָט מען עס פּחד, פרעג איך אייך איצטער?

אַז איך האָב די אָקסן געקראָגן, איז דאָך ניט שייך; זענען מיר דאָך שוין געווען זאַלבעדריט. וואָס מיר טאָג? וואָס מיר נאַכט? וואָס מיר שאָטן? וואָס מיר פינאַינספּעקטאָר? אַ לבנה, אַז זי שיינט, אַן אויסגעשטערנטער הימל — איז טאַקע אַ באַוויז, אַז מען איז אין קרים. און אַ רייזע אין שטאָט אַריין, איז נישט קיין לוסט־רייזע. נאָר, אַז סע מאַכט זיך אַרויסצופאָרן פון שטאָט באַ־נאַכט — פאָרט מען. אין אַ טאָג קען מען דאָך די נסיעה נישט מאַכן. און קיין עסן פאַר די אָקסן פירט מען דאָך נישט. מען קען נישט אַזוי לאָזן אַ שטומע צונג. ווי ווינציק, אָבער עסן באַדאַרף אַן אָקס. און איך זאָג, אַז אַן אָקס באַדאַרף אַ סך עסן און גוט עסן. איך שפּאָר מיך מיט די איבערוואָנדערער. איך זאָג, אַז מען באַ־וואָלהט די צאָבעס. הלואי וואָלט איך געקענט, וואָלט איך זיי גע־געבן פון דאָס בעסטע, נאָר איצטער, אַז איך בין אַ גול, זענען זיי אויך חברים צום גול.

אַז מען פאָרט אַרויס פון שטאָט פאַרנאַכטלעך, עס קומט אַרויס האַלבע נאַכט, באַדאַרף מען זיי אויסשפּאַנען און אַראָפּפירן פון וועג, זאָלן זיי אַביסל גריזשען. זאָלן זיי צופּן. נו, וואָס טוט מען אַליין? עס וואָלט זיך וועלן געשמאַק אַ דרעמל טאָן. קען מען נישט. אַ שטומע צונג, כאַפּט זיך אַריין, וואו מען באַדאַרף נישט. כאַפּט זיך אַריין אין שאָדן . . . אָדער מען קען זיך מיישב זיין — כאַטש איך נעם פון זיי נישט אַראָפּ דעם יאָך — נו, מיטן יאָך קען מען אויך אַוועק איך זאָל נישט וויסן וואו זיי צו געפינען.

און עס טרעפט, איך ווער טאַקע אַנטשלאָפן געשמאַק, כאַפּ זיך אויף און לויף זוכן מיינע אָקסן, לויף ווי אַ פאַרסמטער. לאָזט זיך אויס, אַז זיי האָבן איבערגעכאַפּט אַביסל און איצטער ליגן זיי זיך און זענען מעלה־גירה. אַ שאָד אויפצוטרייבן. מען לייגט זיך אויך צו באַם זייט. מען קוקט אַריין אין הימל צו די שטערן. ווען האָב איך דען אַמאָל צייט געהאַט ווען עס איז אַרויס באַנאַכט און קוקן צו די שטערן? און ווען איך האָב געקענט זיין אַליין אין פעלד? איצטער איז דאָס טאַקע ווי מען זאָגט: צווישן הימל און ערד. און מיינט איר, אַז מען ליגט גלאַט אַזוי? נישטאָ פון

וואָס צו טראַכטן? אָ, אַ סך, גאָר אַ סך האָב איך אַריינגעטראַכט אַליין בלייבנדיק מיט מיינע גרויע צאָבעס. און מיינט איר, אַז פון זיך אַליין האָב איך געטראַכט? חלילה. ווי מיין אייגענע פעל איז מיר נישט נאָענט — עס איז דאָך אַ מענטשישע טבע — פונ־דעסטוועגן, זינט איך בין אָנגעקומען קיין קרים, טאַקע אַ נול, זינט איך האָב באַקומען די אָקסן פאַר חברים — האָב איך צייט גוט אַרומצוטראַכטן דעם ענין. און וואָס מיינט איר, אַז איך זע נישט די זאַך קלאָר? איך זע נישט, אַז לענין האָט געוואוסט וואוהין ער פירט? וואָס פאַר אַ טעם האָט עס טאַקע די וועלט? וואָס פאַר אַ טעם האָט עס טאַקע דער יעדערער פאַר זיך? וואָס פאַר אַ טעם האָט עס געהאַט, אַז איך, דער גאַנצער סנאַסט וואָס איך בין, האָב איך געמיינט, אַז איך בין אַ חלק פון אים אַליין — פון יושב־כרובים, זאָל ער מיר מוחל זיין — וואָס פאַר טעם האָט עס, אַז כאָטש יעדער איינער האָט געמיינט, אַז ער איז דער גאַנ־צער יאַטיבעדאַם און פונדעסטוועגן נעמט אַ פורצע, אַ גאָרנישט, אַ שטיק ניקאָלאַי, צי אפילו אַ ווילהעלם, און פירט אַלעמען באַם קאָלנער און פאַרפירט צו אַ שחיטה, אַז אָך־און־וויי צו דער גאַנ־צער מענטשהייט. און דערפאַר, וואָס לענין האָט געשריבן צו פאַר־חברן זיך, האָט מען אין אים געשאָסן . . .

איך בין אַנומעלט געלעגן לעבן מיינע אָקסן אין פעלד און געטראַכט: אָט גיט מען יידן ערד. מע האָט גענומען און צעשניטן קרים אויף אַזעטיקע חלקים און אַוועקגעגעבן יידן. דאָס איז נישט קיין קלייניקייט, חבר, דאָס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג. דאָס איז דאָך נישט קיין פאַרבלענדעניש . . . און ווי מיינט איר, זענען טאַקע גערעכט די שכנים ניט־יידן, די רוסן, די טאָטערן, די דייטשן, וואָס זאָגן, אַז יידן מאַכן נאָר קאַליע דעם סטעפּ? אַז באַ יידן וועט ניט וואַקסן קיין ברויט; אַז דער סוף וועט זיין, אַז מען וועט די יידן צעטרייבן און מען וועט די ערד אומקערן צוריק צו קריסטן?...
מען מוז דאָך באַווייזן, אַז לענין איז געווען גערעכט . . .

אַי, לענין, לענין, ווען ער וואָלט איצטער געלעבט! ניין, איך וואָלט אים איצטער נישט איינגעלאַדן אויף אונדזערע פעלדער. ניין, נאָך צו־פרי. איך וואָלט אָפּגעוואַרט, ביז אַלע דערפער זאָלן זיך אויפבויען. עס וועט זיין עלעקטרע אין אַלע דערפער. טראַקטאָרס

אַקערן; טראַקטאָרס זייען; טראַקטאָרס שנײַדן און דרעשן. און מען גייט טאַקע נישט אַזוי אָפּגעריסן . . . אַי, ווען לעבן לעבט, ווען ער לעבט, איך זאָג אייך, אַז אין אַ פינף יאָר, ווען ער קומט קיין קרים, אין יידישן סטעפּ . . .

יאָ, דאָס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, ווען איך בין מיר געלעגן לעבן מיינע אָקסן אין פעלד . . . אָט־אָ דער, פון דער לינקער זייט, האָט אויך ליב איך זאָל אים קראַצן אין שטערן . . . אַ גרויסער פריינט. אַ מענטשן־פריינט. צו וואָס געוואוינט מען זיך נישט צו און וואָס לערנט מען זיך נישט אויס, חבר הירשביין? יאָ, ווען נישט די אָקסן, וואָלט איך נישט געוואוסט, אַז די קרימער נעכט זענען אַזוי שיין . . .

און וואָס מיינט איר, ווען אפילו איך וועל שוין זיין אַ חבר אין אַ קאָלעקטיוו און אַ חבר צו אַ טראַקטאָר — אָקסן וועל איך האָבן. אָן זיי וועל איך שוין נישט אויסקומען . . .

— צאָב — — צאָבע! . . .

אַ צווילינג

— איר זאָגט, אַ מאַמע באַדאַרף האָבן נחת פון אַזעטיקע צוויי קינדער . . . איר ווילט מיך טרייסטן; בפרט, זאָגט איר, דאָס זענען צוויי געראָטענע זין, און האַלטן אַ מאַמע בכבוד . . . איך ווייס, ווי מיר וואָלט איצטער געווען, איך זאָל נישט האָבן די צוויי זין; איך ווייס, וואָס אַ וויסטע אלמנה וואָלט דאָ אויף ריווינגטאָן סטריט געטאָן. נו, איז טאַקע אַז־אָך און אַז־ווי צו מיר, איך זאָל מיר מיט אַזעטיקן נחת באַדאַרפן לאָבן.

באמת באַדאַרף מען זיין שטאַרקער פון אייזן דאָס אויסצוהאַלטן. דער טאַטע זייערער, ווען ער לעבט, ווען ער שפּייט זיינע לונגען נישט אויס באַם פּרעס, וואָלט ער סיי־ווי פאַר דער צייט אַוועק פון דער וועלט. נאָר וואָס זאָל איך אייך אַ סך ברייען? באשר מען פאַרגעסט, וואָס מע האָט געלייענט אין טייטש־חומש . . . אָבער סע זאָל נישט פעלן קיין האָר — טאַקע ווי אין דער הייליקער תורה ווערט דערציילט פון דער מוטער רבקה נעבעך . . . ווען מיין מאַן, זאָל זיין אין ליכטיקן גן־עדן, ווען זיין נאָמען וואָלט געווען יצחק, וואָלט עס אויסגעקומען פונקט ווי אין טייטש־חומש איז באַשריבן. מיך רופט מען טאַקע רבקה, כע־כע־כע.

איך זאָג אייך, אָט ווי דער מוטער רבקה נעבעך האָט דער צווילינג, וואָס זי האָט געטראָגן אין די געדערים, שיעור איר בויך אויף שטיקער נישט צעשפּאַרט, באשר שוין אין בויך האָט מען זיך געריסן פאַר די האָר, באַהיט זאָל מען ווערן; באשר שוין אין בויך האָט מען זיך געקריגט, דער גוטער יאָר ווייסט צוליב וואָס — אַזוי האָט מיין צווילינג זיך געבונטעוועט באַ מיר אין די געדערים, אַזוי געשפּאַרט מיר די זייטן, איך בין געווען שטאַרקער פון אייזן, אויב איך האָב עס אויסגעהאַלטן.

איר זאָלט פון מיר נישט לאַכן, ווען איך דערצייל עס. איך האָב ממש געהערט ווי דער צווילינג האָט זיך אין די געדערים געפּייטלט, געבוכעט איינער דעם אַנדערן אין קאָפּ אַריין . . . אָט טשעפּען זיי זיך איין איינס אין אַנדערן, און אָט לויפן זיי זיך פאַנאַנדער . . . אָך־און־ווי צו מיר איז געווען, אַז דאָס פּייטלען

האָט זיך אָנגעהויבן. אין ניינטן חודש, אַז איך בין מיט זיי אַריין אין ניינטן חודש, האָב איך געמיינט, איך וועל עס גאָר נישט אי־בערלעבן. האָב מיר שוין געזאָגט, טאַקע ווי די מוטער רבקה האָט עס געזאָגט: אויב אַזוי — האָב איך מיר געזאָגט — טאָ צוליב וואָס די גאַנצע מוטשענישע? צוליב וואָס די גאַנצע מאַטערניש?

וועל איך אייך דערציילן דעם אמת: אַזוי איז מיר געווען שלעכט, און מיר איז אַזוי געווען ביטער, ווי ביטער עס איז מיר נישט געווען מיין טראָגן, האָב איך מורא געהאַט, אַז אַזעלכע משומדים וועלן נאָר געבוירן ווערן — וועלן זיי זיין מזיקים, משחיתים, וועלן נישט לאָזן דעם קאָפּ אויפהויבן . . . זעט איר, דייקע מיט דעם האָב איך געמאַכט אַ טעות. ווען זיי זענען געבוירן געוואָרן — זענען עס געווען צוויי שטילע טויבן. איך האָב מיר געחידושט, צי דאָס זענען די אייגענע קינדער וואָס האָבן אין בויך אַזוי איינ־געלייגט די וועלט. עס האָט מיר שוין נאָך אַלעמען הנאה געטאָן, וואָס איך האָב געבוירן אַ צווילינג. ווי זאָגט מען עפּעס? — סיי־ווי שוין ראַשטשינעט, סיי־ווי שוין פּאַרקנאַטן, סיי־ווי שוין די מור־טשענינע, סיי־ווי דאָס ביסל פּלאָגעניש — זאָלן זיין צוויי קינדער; בפרט, ווי זאָגט איר, אַז דאָס זענען גאָר צוויי זין . . . געווען ליכטיקע קינדער. געהאַלטן זיי אין איין אָפּבלאָזן. טאָמער חלילה האָט זיי אימיצער געגעבן אַן עין־הרע.

נאָר טשיקאַווע, כ׳לעבן: אין איין בויך געטראָגן, פון איין טאַטע־מאַמע — איז איינער געבוירן געוואָרן אַ רויטער, און דער אַנ־דערער — מיט פלאַקסענע האָר. ס׳האָט מיר טאַקע געחידושט, הלמאי זאָל איינער גאָר האָבן רויטע האָר — אַז אין מיין משפחה איז נישט געווען קיין רויטער אויף אַ רפואה . . . נו, לאָזט זיך אויס, אַז דער רבונו של עולם ווייסט דאָך מסתמא וואָס ער טוט. נאָר איינס פּאַטופּעט זיך מיר נישט אין קאָפּ: — מען זאָגט דאָך, אַז אַ רויטער איז דאָס וואָס שטייט אין דער קאָרט; מען זאָגט, אַז אַ רויטער איז אַ שווינדלער, אַ וויסל פון אויג; מאַלע וואָס מען זאָגט אויף אַ רויטן! מסתמא דערפאַר, וואָס אין טייטש־חומש ווערט דערציילט, אַז באַ דער מוטער רבקה איז געווען אַ צרהלע — וואָס איינער פון צווילינג איז געווען אַ רויטער. אויף עשיון,

שטייט געשריבן, אַז ער איז געווען אַ רויטער און דעריבער איז ער געווען אַ רשע מרושע . . .

זעט איר, דייקע באַ מיר האָב איך מער נחת פון רויטן. איר וועט עס נישט גלויבן, אַז איך וועל עס אייך דערציילן, אַז דייקע דער רויטער טיילט זיך מיטן ביסן פון מויל; דער רויטער מיינער וויל ממש גאָר קיין הנאה נישט האָבן פון דער וועלט; דער רויטער מיינער טענהט, אַז די גבירים — אויף זיי זאָל קומען אַ מפלה . . . אויף זיי וועט נאָך קומען אַ מפלה, טענהט ער, ממש גאָטס צאָרן וועט זיך נאָך אויף זיי אויסגיסן . . . זאָג איך צו נ'אים: וואָס אַרט דיך, אַז די גבירים האָבן? דו, זאָג איך צו נ'אים, ווילסט דאָך נישט זיין קיין גביר, טאָ וואָס אַרט דיך, אַז אַן אַנדערער האָט? נו, זאָגט ער, קיין גביר וויל איך טאַקע נישט זיין, אין קיין פּאַלאַצן וויל איך טאַקע נישט לעבן, אָבער אויפן חשבון פון אָרימאַן לעבן די גבירים, אַזוי זאָגט ער.

מיינט איר, איך פאַרשטיי עס? חלילה, איך הויב עס נישט אָן צו באַנעמען. וואָרן, אויב דו ווילסט נישט זיין קיין גביר — טאָ לאָז כאָטש אימיצן אַנדערש זיין אַ גביר. פאַרגין זיי, די גבירים, זאָג איך צו אים. וואָרן וואָס, זאָג איך צו נ'אים, בעוויאָרק וועט עפּעס אויסזען שיין, אַז גאָלע קבצנים וועלן אין איר זיך פּלאָדזשען? וואָס, בעוויאָרק וועט האָבן מער חן, אַז זי וועט באַשטיין פון גאָלע, גאָלע נאָרפאַלק, סאָפאָלק, לודלאָוו, צי עסיק סטריט? וואָס אַרט דיר די גבירישע גאַסן? — זאָג איך צו אים.

נו, מיט מיר קומט ער שוין ווי עס איז אויס; איז פאָרט אַ קינד, און וויל דער מאַמען קיין ווייטיק נישט אָנטאָן. אַז ער איז גוט צו דער גאַנצער וועלט, וועט ער, מעלד איך אייך, אודאי קיין בייז נישט אינזינען האָבן פאַר דער קלאָגעדיקער אלמנה, פאַר דער מאַמען פון צווילינג.

אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז ביידע קינדער מיינע, דער פאַלנער צווילינג קומט זיך צונויף אינאיינעם? איך וואָלט שוין לאַנג אומגעקומען פון דער וועלט, ווען איך צעטייל זיי נישט מיט געוואַלט; ווען איך זאָג נישט צו זיי: — אויב איר וועט זיך נישט פאַנאַנדערגיין און וואוינען באַזונדער, וועל איך מיר וואַרפן פון בריק אין וואַסער; וועל איך לויפן וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן . . .

איז דייקע דער אַנדערער, דער נישט רויטער, ער איז אַוועק דער ערשטער. נו, איז מען דאָך אַ מאַמע מיט אַ שוואַך האַרץ. עס הויבט אָן טיאָכקען אין האַרצן . . . איך גאַר זיי צו זען, און דייקע ביידע אינאיינעם גאַר איך צו זען . . .

נו, זאָל עס אויסגיין צו די וויסטע פעלדער, וואָס באַ מיר אין שטוב טוט זיך אָפּ, אַז זיי קומען זיך צונויף אינאיינעם! דער אַנדערער, נישט דער רויטער, ער איז אַ ציוניסט . . . קיין ארץ־ישראל וויל ער אַליין נישט פאָרן; איך ווייס נישט פאַרוואָס ער פאָרט נישט; אָבער דאָס יידישע פאָלק איז באַנ'אים אָן עולם ומלאה . . . צוליבן יידישן פאָלק, זאָגט ער, פאָרט ער נישט. וואָרן אין נעוויאָרק, זאָגט ער, איז נאָך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. ער וועט פאָרן קיין ארץ־ישראל, זאָגט ער, דער לעצטער, אַז אַלע וועלן אַהין שוין אַרויספאָרן — יעמאָלט וועט ער . . . נו, פאַרשטיי איך שוין אויך נישט; זאָג איך צונ'אים: — צוליב וואָס באַדאַרפן עס אַלע פונדאַנען אַרויספאָרן, וואָרן וואָס, עס פעלט עפּעס דאָ יידן? מילא דיין מאַמע האָט געהאַט אַ שלימזלניק אַ מאַן; אייער טאַטע זאָג איך, איז געווען אַ שלימזלניק, אַ פּרעסער איז ער געווען און האָט פאַר דעם קיין כוח נישט געהאַט . . . אָבער אַנדערע מענטשן, טאַקע די גבירים, וואָס מיין רויטער האָט אַזוי פיינט, צוליב וואָס זאָלן זיי פאָרן אַהין? ער טענהט, אַז דאָ וועט דאָס יידישע פאָלק פאַרפוילט ווערן . . . איר הערט עפּעס? פאַרפוילט ווערן! גאָרנישט מיט נישט וועט פון דעם ווערן, זאָגט ער . . . נו, אַז ער זאָגט עס — ווייס איך נישט וואָס צו ענטפערן, פונקט ווי איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן דעם רויטן. איז גוט, אַז איך טענה זיך מיט זיי אויס, מיט איעדן באַזונדער אָבער, אַז דער פאָלנער צווילינג טרעפט זיך — איז דאָס קאָסע־נאַ־קאַמין . . . אָדער, ווי זאָגט מען עפּעס: — פולווער מיט פייער! ווער איז פולווער, און ווער איז פייער — ווייס איך אַליין נישט. ברוך השם, נישט דער טאַטע זייערער איז געווען פולווער, און נישט איך, די וויסטע אלמנה איז פייער; און זעט איר דאָך . . .

וועט איר מיר פרעגן, וואָס מיר אַרט אויב זיי קריגן זיך? קריגן זיך צו קריגן זיך איז נישט גלייך! דער רויטער, אַז אים באַפאַלט זיין משוגעת, קען ער נעמען און אַ זאָג טאָן: — וואַרט, וואַרט

— נעמט ער און זאָגט — מיר וועלן איבערמאַכן די מאַכט, וועט מען אַזאַ ווי דו שיסן ווי אַ משוגענעם הונט; איך אַליין וועל דיך דערשיסן ווי אַ משוגענעם הונט . . . איר פאַרשטייט, אַ לשון פון אַ ברודער; ער וועט אים נעמען זיין ברודער און ער וועט אים דערשיסן ווי מען דערשיסט אַ משוגענעם הונט . . . איך מעלד אייך, דאָס איז נאָר געזאָגט געוואָרן אַזוי. נו, לאָזט זיך דער אַנ־דערער אויך נישט שפּייען אין דער קאַשע אַריין: — וואַרט, וואַרט — טענהט ער — ביסקל דו וועסט ווערן דער יאַטיבעדאַם . . . דו וועסט נאָך אַפּריער באַ מיר פוילן אין טורמע . . . דו וועסט נאָך אַפּריער באַ מיר פאַרלייגן מיטן קאָפּ! נישט אַזאַ רויטן הונט ווי דו וועט מען איבערגעבן די מאַכט! — זאָגט ער. פאַראַן נאָך אַ גאָט אויף דער וועלט — זאָגט ער — וואָס היט אָפּ דאָס יידישע פאָלק און היט אָפּ אַיעדן ערלעכן מענטשן; דו און דיינע לייט — זאָגט ער — איר ווילט חרוב מאַכן די וועלט און באַגראָבן דאָס יידישע פאָלק לעבעדיקערהייט, ווילט איר . . . ערט עס נישט דערלאָזן — שרייט ער; גאָט דער גרויסער איז מיט אים — שרייט ער . . .

נו, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — עס איז שוין אָך־און־וויי צו דער מאַמען, אַז איר קומט שוין אויס צו זיין דאַביי! אָבער וואָס קען די מאַמע טאָן? אַז אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און עס ברעכט אויס אַ געשלעג — אָט ווי טאַקע באַ מיר אין בויך, ווען איך האָב נאָך נישט געוואוסט וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש איך טראָג אין מיינע געדערים . . . יעמאָלט האָב איך געמיינט, זיי וועלן מיר מיין בויך צעשפּאַרן, און איצטער ווערט מיר די שטוב ענג. צוויי דער־וואקסענע מענטשן, צוויי טייערע קינדער, נעמען און פּייטלען זיך, עסן זיך איין איינס אין אַנדערן, מע צעמזיקט זיך, מע צעממיתט זיך — אַזוי זאָל שוין טאַקע דער וואָס אין הימל שומר ומציל זיין...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך שעם זיך נישט צו דערציילן, אַז איך האָב גענומען און בין אַוועק צו אַ רבין . . . מיר האָבן דאָ אַ רבין, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון יוראָפּ. די וועלט האַלט פון אים אַן עולם ומלאה. האָב געהערט, אַז ער לאָזט צו זיך קיין ווייבער נישט צו; האָב איך פונדעסטוועגן גענומען און אַוועק צו'נ'אים. פּשוט און פּראָסט, אַ מאַמעס האַרץ ווערט צעריסן; אַ

מאַמע וויל, שלום זאָל זיין; אַ מאַמע וויל נאָך אַ טראָפּעלע נחת פון אירע קינדער . . . וואָס זאָל איך אייך אַ סך ברייען? איך בין געקומען און האָב מיר שטאַרק צעוויינט, טאַקע ווי מיר איז געוועזן אויפן האַרצן — און ער האָט מיך צוגעלאָזן. ער האָט אויסגע־הערט די גאַנצע מעשה; האָב איך דערציילט ווי זיי זענען גע־בוירן געוואָרן אַ צווילינג; ווי נאָך אין בויך האָבן זיי זיך, מיינע שונאים, געמזיקט, און איצטער מוז איך זיי האַלטן באַזונדער; באשר, ווי נאָר זיי קומען זיך צונויף אינאיינעם — איז אָך־און־וויי צו מיין לעבן.

ווילט איר וויסן וואָס ער האָט מיר געזאָגט? ער האָט גע־שמייכלט. אפנים, אַז ער איז נישט קיין נאַר. וואָרן, אַז די וועלט נעמט און האַלט פון אַ מענטשן — ווייסט דאָך מסתמא די וועלט וואָס זי טוט. יאָ, וויל איך אייך דערציילן . . . און ווייסט איר וואָס ער מאַכט צו מיר? אַ צווילינג, מאַכט ער צו מיר, איז נאָר אַ פאַרשטעלעניש, נישט מער. די גאַנצע וועלט, זאָגט ער, אַלע מענטשן, באַשטייען פון גאָלע צווילינגען, פון עשיוס און פון יעקבס . . . און דאַרומעד רייסט מען זיך פאַר די נעז. דער עשיו וויל עוקר מן השורש זיין יעקבן . . . און מחמת איצטער איז משיחס צייטן, זאָגט ער, דאַרומעד איז די שנאה צווישן יעקבן און עשיון אַ גאָר געפערלעכע, זאָגט ער.

דאָס האָט ער מיר געזאָגט. איז כאָטש ער איז אַ קלוגער, נאָר באַ מיר האָט ער דייקע נישט געטראָפן. מיר איז דייקע דער רוי־טער איינגעבאַקן אין האַרצן, כאָטש ער שרייט צום אַנדערן, אַז ער וואָלט אים געשאָסן . . . מחמת איך בין דאָך אַ מאַמע און ווייס, אַז באַ מיר האָט דייקע דער רויטער אַ טייער האַרץ; פאַר זיך וויל ער גאָרנישט, נאָר רק פאַר יענעם וויל ער . . . טיילט זיך מיט יענעם מיטן ביסן. כאָטש דאָס איז אמת: מיט פרעמדע טיילט ער זיך, מיט אייגענע — נישט. דעם ברודער זיינעם? ווען יענער זאָל, מיינע שונאים, כ׳ווייס נישט וואָס ווערט ער אים נישט העלפן.

נו, אָט דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס איך בין אַ מאַמע, מיר טוט וויי דאָס האַרץ, מיר ווערט דאָס האַרץ צעריסן, מחמת איך פאַר־שטיי נישט און מיין קאָפּ באַנעמט עס נישט, פונוואַנען אַזאַ שנאה

פלאַקערט דייקע באַ צווײ ברידער, און דייקע אַ צווילינג . . .
אודאי איז דאָך עס אַ באַווייז, אַז די מעשה מיט דער מוטער רבקהן
איז אַן אמת; נישט מער, וואָס באַנ׳איר איז דער רויטער געווען
אַ רשע מרושע . . .

נאָר וואָס קומט אַרויס? קיין נחת האָב איך סיי־ווי נישט. אַ
מאַמעס האַרץ טוט וויי. איצטער פאַרשטײ איך פאַרוואָס איך האָב
געהאַט אַזאַ שווערן טראָגן. נעכאַי וואָלטן זײ נישט געווען קיין
צווילינג . . . און נעכאַי וואָלט איך אפשר גאָר זײער מאַמע נישט
געווען . . .

דער בעל־הגוף

(סאָוועטיש)

— איר מעגט וויסן, חבר אַמעריקאַנער, אַז איר זיצט איצטער באַם בעל־הגוף אין שטוב. איך האָב נישט געוואָלט ריידן דעם ווייב און קינדער אין די אויגן. ווארום זי וואָלט פאַרגאָסן טרערן און די קינדער, כאָטש אייגענע קינדער, פאַרשטייען סיי־ווי נישט, אַז מען באַגראָבט דעם טאַטן — ליגן די קינדער אויך אין דער ערד.

איר פאַרשטייט, חבר אַמעריקאַנער, אַז ס'איז נישט גוט, זאָגט די וועלט, שטעקט מען אַריין אַ פינגער אין האַלדז און מען ברעכט אויס . . . ניט שטענדיק קען מען דאָס טאָן. אַז אַלע זענען קעגן דיר, אַז דיינע קינדער ווערן דיר שונאים — הלמאי באַ דיר איז געראָטן; הלמאי באַ דיר איז פאַראַן אַ שטיקל ברויט אין שטוב. איר האָט דאָך באַטראַכט דעם דאָרף; נישטאָ קיין סך דערפער אַזעלכע. די לענג — זיבעציק הויפן! די ביימער באַ די הייזער פון ביידע זייטן גאַס האָבן זיך קיין עין־הרע צוגענומען. באַ אַלעמען גלייך. פרעג איך:

— מיינט עס טאַקע די מלוכה, אַז מען זאָל אַפריער אויסטראַכטן אין דאָרף אַ בעל־הגוף און שפּעטער אים שטיקן, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון אָפריכטן רעוואָלוציע?

ניט אַנדערש. ווארום וואָס טו איך דען? איך באַגנבע דאָ עמעצן? איך באַגזל עמעצן? אַז מען קומט צו מיר, צי מען קומט צו מיין ווייב און מען בעט אַ טובה — איז מען ניט גרייט? גייט מען נישט אַנטקעגן?

הייבט זיך אָן אַ מעשה: „הלמאי . . . ” הלמאי האָב איך צוגע־דונגען אַ ליידיק שטיקל ערד און דאָס צעאַקערט און דאָס פאַר־זייט און פון דעם אַראָפּגענומען אַ פאָר הונדערט פוד ווייץ? הלמאי איך האָב דריי קי און די קי גיבן קיין עין־הרע מילך? הלמאי מיין ווייב האָט געזעצט פינף הינער אויף אַכציק אייער און עס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן זיבעציק קליינוואַרג? הלמאי מיין ווייב האָט געזעצט דריי קאַטשקעס און איין הון אויף זעכציק קאַטשענע אייער און ס'האָבן זיך אַרויסגעשאָטן ניין־און־פערציק קאַטשקע־

לעך? הלמאי מיין ווייב האָט געזעצט פינף גענדז אויף זעכציק אייער און עס האָבן זיך אויסגעפּיקט דריי־און־פערציק גענדזעלעך? הלמאי מיין ווייב האָט געזעצט דריי אינדיטשקעס אויף זעקס־און־דרייסיק אייער און עס האָבן זיך אויסגעפּיקט ניין־און־צוואנציק קליינע אינדיקעס? הלמאי מיינע דריי קי האָבן זיך געקעלבט און אַלע מיט יאַלעשקעס? הלמאי מיין קליאַטשע האָט געהאַט אַ קי־זשיק? הלמאי מיין צויג האָט געהאַט פיר הינטעלעך? הלמאי מיין קאַץ האָט געהאַט דריי קעצלעך . . . איך פאַרשטייט, חבר אַמע־ריקאַנער . . . וואָס מיינט אַזעלכעס אַ פויער? וואָס מיינט אַזעלכעס, עס וואַקסט באַ אַ פויער? האַ?

אַמאָל האָט די צאַרישע מאַכט געוואָלט, אַז דער פויער זאָל ליגן אין דער ערד; אַז ערד זאָל טריקענען; ער זאָל פרעסן די ערד און צאָלן צינזן. איצטער וויל דאָס די מאַכט פון נעפּמאַן. איך האָב דאָס פאַרזוכט אויף מיין פעל. אַזאַ מענטש בין איך שטענדיק געווען. איך האָב אַ גרינגע האַנט. צו וואָס איך ריר זיך צו — וואַקסט. נאָך קינדוווייז האָט מיר די מאַמע געגעבן, אַז איך זאָל אַריינשטעקן אַ וואַזאַניקל אין דער ערד, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז איך האָב אַ גרינגע האַנט: אַז איך שטעק אַריין אין דער ערד, נעמט זיך צו . . . מיינט איר, אַז דעם פינאַינספּעקטאָר איז אַזוי גרינג געווען מיך איינצוברעכן? ווי אַ גוטע מערינאָסע־שאָף: מען שערט די וואָל און עס וואַקסט ווידער אָן. ער וואָלט מיך נישט איינגעמאַטערט. נאָר איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט אַליין. הינטער אים איז די מאַכט. מיט דער מאַכט האָב איך געוואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן שלום. כאָטש אויף באַריקאַדן בין איך נישט געגאַנגען, נאָר אַז די מלוכה זאָגט: — „האַנדלען קען מען נישט” — טאַ, זאָל דיר גאָט העלפן! בפרט די מלוכה האָט געזאָגט:

— „לאָמיר זיך בייטן. איך וועל האַנדלען און דו וועסט פויער” — האָב איך מסכים געווען. איך בין מיר אַ מענטש, וואָס מיט געוואָלט קען מען מיר ניט אַריינשטעקן אַ פינגער אין האַלדז אַריין. איך וועל ברעכן דעם קאָפּ. און ברעכן וועל איך ווען איכל וועלן. איך בין געגאַנגען אַהער קיין קרים, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר

אַמענטשן, וואָס האָט געוואוסט וואו זיין מזל כאַפּט אַ דרעמל. ווי איר קוקט מיך אָן, דאָס בין איך דאָ פאַר דעם לעצטן יאָר אַ ביסל גרוי געוואָרן. צו מיינע פופציק יאָר האָב איך נישט געהאַט קיין איין גרויע האָר אין מיין באָרד. אָט, שוואַרץ ווי געווען. קיין ברילן האָב איך אויך נישט באַדאַרפט. איך האָב געוואוסט, אַז דער פינ־אינספעקטאָר קוקט מיר אַריין אין די הענט אַריין. אָפּגעבן אים אינגאַנצן איז קיין תכלית נישט געווען. פאַרשטאַנען, אַז די מלוכה אַליין מיינט עס אויך נישט. ווארום וואָס האָט זי איצטער פון דעם עולם לאַבעדראַנצעס, וואָס רק גיב זיי, רק גיב זיי? די מלוכה ווייסט שוין, אַז פאַר זייערטוועגן וועט מען נאָך גענוג באַדאַרפן דרייען דעם מוח ביז מען וועט זיי אָנקאָרמענען . . . יאָ, איך פאַר־שטיי, אַז די מלוכה אַליין איז שוין פון זיי פאַרמאַטערט . . . וויפל איז דער שיעור? קריכן זיי אויף די ווענט.

איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, וואָס מען קען די הצלחה נישט אַרויסטרייבן דורכן טיר ווען זי געפינט אַ וועג דורכן פענסטער. מען קען נישט. און לאָמיר זיך נישט נאַרן. אַז מען זיצט די הענט פאַרלייגט — העלפט קיין הצלחה אויך נישט. איך שלאָף נישט, חבר אַמעריקאַנער. איך זאָג מיר מיינס, אין אַמעריקע שלאָפט מען אויך נישט. נו, פאַרגינט מען נישט. זיי טענהן:

— „סאָציאַליזם, קאָמוניזם; מע האָט אויסגעגלייכט. נישטאָ אָרעם און נישטאָ רייך".

טאָ וואָס־זשע דען איז פאַראַן? איך פרעג זיי, וואָס דען איז פאַראַן? געהערט — „נישט אָרעם און נישט רייך". עסן באַדאַרף מען? חבר לעניין האָט געהייסן פאַסטן? איך האָב פון אַזוינס נישט געהערט. נו, אַ פאָר שיך באַדאַרף אַ מענטש? איך זאָג נישט צען פאָר שיך, חבר אַמעריקאַנער, נאָר איין פאָר שיך? ווי־דען, איין פאָר שיך אויף אַ גאַנצן דאָרף? אודאי, דערבײַ האַלט עס שוין. מען קען נאַסטאַרטשען מיט שיך? מען איז אַראָפּגעקומען מעשה פּריצים: קליינע הענט, קליינע פיס. האָט מען זיך אויסגעטאָן באָרוועס, די פיס האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם; צעפאָרן זיך. און די שיך קריכן נישט אויף די פיס מער. קריכן נישט — כאַטש שריי חי וקיים. אַזוי באַ מיר, אַזוי באַ אַלעמען. נו, איז וואָס? זומער גייט מען באָרוועס און ווינטער — איין פאָר שטיוול און מען בייט

זיך. דער גייט אַרויס דרויסן און דער בלייבט זיצן אין שטוב . . .
נו, איז דאָס אַ תכלית? דאָס מיינט סאָציאַליזם? דאָס מיינט קאָמוניזם — אַז די גאַנצע כאַפּטע אין שטוב זאָל האָבן איין פּאָר שטיוול? אָדער איין פּאָר שטיוול זאָל באַדינען צען פּאָר פיס?

איך זאָג מיר מיינס: די קבצנים וועלן מיך נישט לערנען, וואָס קאָמוניזם איז. לעניין האָט זיך אויך נישט געלערנט באַ די קבצנים. אָט וועל איך אייך פרעגן: מיט וואָס וואָלט איך געווען אַ בעל־הגוף אין זייערע אויגן, ווען יעדער פון זיי זעצט דריי קוואָקעס אויף אייער, הינערשע און קאַטשענע. באַ יעדן צווײ קי און אפשר דריי. געוואַלט־געשריען — ווי איז דאָס גאָר אַ פּויער אָן דריי קי? און באַלד דריי קי, ווערן שוין דורכן יאָר דריי קעלבלעך. די קעלבלעך וואַקסן. זיי מוזן וואַקסן. אַלץ וואַקסט. צוליב וואָס זייט מען ווייץ — אַז סע זאָל איינגעזונקען ווערן אין דער ערד? וואָס זאָל מען טאָן? זייען בייגער און שניידן שטיינער? איך פרעג דאָס באַ זיי, זאָלן זיי מיר זאָגן אין וואָס באַשטייט מיין פאַרברעכן? פאַר־וואָס האָט מען מיך געמאַכט פאַרן בעל־הגוף?

איר קוקט מיך אָן. אודאי חידושט אייך:

— „און וואָס איז, אַז מע האַלט אייך פאַר אַ בעל־הגוף? עס איז געשריבן: טי מואוו, אַ יאַ זדרואוו".

אָט דאָס מיינט איר, ווי באַ אייך אין אַמעריקע פירט זיך? מאַכט איר אַ טעות, חבר אַמעריקאַנער . . . דאָ באַדאַרף איך זיך אומקערן צוריק צום פינאַינספּעקטאָר. אין אמתן האָב איך פאַר אים קיין מורא נישט געהאַט. פיש — נעמט ער באַ מיר צינזן . . . איך האָב געקענט באַוויזן. איך האָב מיר געקענט טיילן מיט דער מלוכה. וויל איך, זאָג איך: — „דו נעם און איך גיב. אפשר וועסטו זיך פאַרמאַטערן נעמענדיק". נאָר, איר פאַרשטייט, מע האָט מיר אָנגעקוועטשט אויף מיין האַנער. ממש אָנגעטראָטן אויפן דעליקאַטן אָרט. מע האָט באַ מיר צוגענומען ש ט י מ ר ע כ ט. אָדער טאַקע, בעסער גאָרנישט געגעבן קיין שטימרעכט. געמאַכט פאַר „אויס מענטש". פע, דאָס האָט מיר נישט געטויגט. מיט דעם האָט די מלוכה גענומען און אויף מיר אַרויפגעשטעלט אַ שטעמפּל:

— „ח ז י ר!"

איר פאַרשטייט, וואָס דאָס מיינט? — „דאָס חזיר־פּיסל איז גוט, נאָר קיין מחותן מיט מיר ביסטו נישט. דיין געלט איז גוט, נאָר קיין גוטער־ברודער ביסטו מיר נישט. קיין דעה זאָגן וועסטו מיר נישט. קיין שטימרעכט האָסטו נישט״. מילא, בײַ ניקאָלאַיען איז מען דאָך געווען שטום. נישט געווען קיין שטימרעכט. דעם יידן האָט מען דאָך געהאַט אין דער אדמה — האָב איך אים גע־האָט נאָך צען איילן טיפער אין דער אדמה. אָבער איצטער — ווער ס'איז אַ פּראָדוקטיווער מענטש? ווער ס'איז נישט קיין שורקע, הייסט עס; ווער עס זויגט נישט יענעם; ווער ס'איז נישט קיין פּיאַווקע — ער האָט שטימרעכט. ער האָט די שטימע. ער האָט די דעה. אַ נעפּמאַן האָט נישט קיין שטימע. אַ נעפּמאַן איז אַ פּאַראַזיט.

מסכים! האָב איך מסכים געווען. וואָס מיינט איר, חבר אַמע־ריקאַנער, מען נעמט און מען לאָזט איבער אַ שטאָט מיט גוטע פריינט, מיט אַ שטוב מיט אַזאַ עולם־הזה און מען פאָרט אַוועק אַהער און מען בויט אַ סטעליע איבערן קאָפּ, מיט אַ ליימענעם דאַך, פונוואַנען ס'האָט אַריינגערונען. יאָ, חבר אַמעריקאַנער, אַזוי האָט געוואָלט דער געזערד, דער דאָך זאָל נישט רייסן דער וועלט די אויגן. הלמאי די טאָטערן האָבן ליימענע דעכער, דעריבער זאָלן יידן אויך האָבן ליימענע דעכער. איך, שוטה, האָב זיך גע־לאָזט איינריידן. אודאי: אויב אַ טובה פאַרן כלל־ישראל — טאָ זאָל מיר רינען אונטערן קאָלנער. האָב איך מיך געוויקט און גע־זשאַווערט אַ ווינטער לאַנג און געזען אַז דעם כלל־ישראל קומט דער־פון קיין טובה נישט אַרויס. און מיר, מיט מיין ווייב און מיינע קינדער — אודאי נישט. האָב איך גענומען היי־יאַר און געדעקט אַליין אויף מיין חשבון מיט קאָלעס . . . ווי בײַ אייערע אַמערי־קאַנער, איך מיין בײַם דזשאָינט.

נאָר מיט דעם איצטיקן דאָך מעלד איך אייך און מיט דער הילצערנער פּאָדלאָגע מעלד איך אייך — זיץ איך נאָך איצטער אויך נישט אין קיין פּאַלאַץ. פּאַראַיאָרן ווינטער האָב איך אַריינגענומען אין שטוב אַריין אַ קעלביקע קו אין שכנות, ווייל איר איז געווען קאַלט אין שטאַל . . . יאָ, חבר אַמעריקאַנער, צום מזל און צו דער

הצלחה באַדאַרף מען נאָך אַ באַלעבאָס אויך זיין. באַדאַרף מען וויסן, ווען אַ קו באַדאַרף זיך קעלבן אויך . . . מען לײדט, מען לײדט . . . אַלע לײדן. נאָר גאָרניט ווערט געוווּן וויבאַלד נאָר איך בין געקומען אַהער; זיך פאַרשריבן פאַר אַן איבערוואַנדער־רער — האָט מען מיר געגעבן מיין שטימע. איך בין געוואָרן אַ מענטש . . .

וויל איך אייך דערציילן, אַז כאָטש איך בין אַ מאַנצביל; אַ שטיקל גבר, נאָר אַז מע האָט מיר געזאָגט: — „איצטער ביסטו אַ מענטש מיט אַלעמען צוגלייך" — האָט עס אַ צופּ געטאָן. מע האָט גענומען אין מויל אַריין און איך האָב זיך צעפּלאַנכעט. מע האָט געפרעגט: „סטייטש? היתכן, דו זאָלסט לאָזן אַ טרער?" . . . פאַרפאַלן. ס'האָט דורכגענומען. ווייל דעם תוך, וואָס דאָ טוט זיך אין לאַנד, פאַרשטיי איך אַביסל. איך פאַרשטיי אויף מיין אופן. זיי פאַר־שטייען עס ווידער אויף זייער אופן. ווייט פון אמת בין איך נישט. מאַרקסן נישט געלערנט. לענינען אויך נישט. נאָר אין תוך אַריין קוק איך אַריין און איך ווייס, אַז איך בין גערעכט. ווי דער דאָרף איז גרויס, איז ער פול מיט נישט־פאַרגינער. און פון נישט־פאַר־גינער קען מען קיין תכלית נישט מאַכן. פון זיי וועט מען קיין קאָמוניסטן נישט מאַכן.

איר פאַרשטייט — איצטער קום איך צום עיקר, וועגן וואָס איך האָב אָנגעצויגן דעם גאַנצן שמועס. האָט מען אָפּגעפּסקנט, אַז איך בין אַ בעל־הגוף. זאָג איך: — הלואי אויף אַלעמען געזאָגט געוואָרן! וואָס וואָלט עס מיר אַרן, אַז פון דאָרף זאָל אַרויסגיין אַיעדן אינדערפרי אויף דער פּאַשע אַ טשערעדע בהמות — אַזוי אַ שטיק דריי הונדערט? און טאָקע איינע און איינע ווי באַ מיר? וואָס וואָלט עס מיר געאַרט? אודאי וואָלט איך אַלעמען פאַרגונען. און וואָס וואָלט מיר געאַרט, אַז באַ אַיעדן באַלעבאָס זאָל אַרומגיין אַרום שטוב אַ הונדערט עופות? וועמען אַרט עס? עס פעלט מיט וואָס זיי אויסצוקאָרמענען? דאגהט נישט. די לעבעדיקע באַשע־פעניש באַצאָלן נישט מיט געלט; צאָלן מיט וואָס זיי קענען. אפילו דאָס ביסל מיסט איז מזומן. באַדאַרף מען עס נישט פאַר דער ערד, באשר די ערד איז פעט — קומט עס צוניץ צום הייצן. אַלץ

צאָלט צוריק מיט מזומן, ווען מען ווייס נאָר וואו־איין און וואו־אויס. נו, קומט מען צו מיר. באַ מיר רינט נישט אַריין. באַ מיר איז טרוקן. באַ מיר איז פאַראַן אַ גלאָז מילך. באַ מיר איז פאַראַן אַ הינערשע איי. בעל־הגוף . . .

נו, גוט. בין איך אַ בעל־הגוף. גריזשעט מיך. אויב איר האָט הערנער — נאָט, שטעכט! באַ איך וואַקסן ציינער — נאָט, בייסט! אָבער אויף וואָס פאַר סמך האָט מען זיך צונויפגערעדט און צוגע־נומען באַ מיר שטימרעכט? אויף וואָס פאַר אַ סמך, פרעג איך? ווייל מען ווייסט, אַז דאָס איז באַ מיר דער דעליקאַטער אָרט? ווייל מען וויל מיר טאַקע אַריינשטעכן אין דער זיבעטער ריפּ אַריין? . . .

פאַרפאַלן, איך קלער נאָר, פונוואַנען האָט זיך צו יידן גענומען אַזאַ רשעות? אַ גאָלער דאַרף יידן. האָט מען זיך צונויפגענומען און מע האָט דערלאַנגט וואו מען באַדאַרף . . . „דער גרעסטער בעל־הגוף אין דאָרף. אַ פּאַראַזיט. אַ שורקע. לאָמיר אים שטיקן".

איר פאַרשטייט, דאָס וואָלט שוין אויך נישט געווען קיין בייז. ווי זאָגט מען: „מען קען יענעם נישט בייטן, ער זאָל אַריינשטעקן אַ פינגער אין האַלדז אַריין און אויסברעכן". איך זע, אַז זיי וועלן מיך אויך נישט אויסברעכן. איך וועל די קוואָקעס נישט טונקען אין קאַלט וואַסער, זיי זאָלן אויפהערן מאַנען, אַז מען זאָל זיי זעצן אויף אייער. איך מעלד אייך, אַז איך וועל די קי נישט אַרויס־טרייבן. און ווי איך האָב פאַראַיאָרן געזייט, וויפל איך האָב גע־קענט באַווייזן, וועל איך עס היינטיקס יאָר אויך טאָן. ווארום איך זאָג מיר מיינס: — זאָלן זיי זיך לערנען באַ מיר און איך וועל שוין קריגן באַ ווען זיך צו לערנען. פון פּויליאַקעס, ליידיק־גייער און נישט־פאַרגינערס וועל איך זיך נישט גיין לערנען קיין קאָמוניזם און אפילו ווי אַזוי מען שפּאַנט איין אַ פּאָר פערד אויך נישט . . . יאָ, איך האָב פאַרגעסן צורעכענען, אַז אַ פּאָר פערד מיט אַ קיזשיק האָב איך אויך. פערד איז אויך אַ באַווייז, אַז מען איז אַ בעל־הגוף.

מילא . . . זאָג איך, דאָס וואָלט איך שוין פאַרבויגן אין אַ זייט . . . האָט מען גענומען און מע האָט אנטקעגן מיר אָנגערייצט מיינע אייגענע קינדער. איר וועט דאָך אודאי פרעגן: „וואָס הייסט עס אָנרייצן אייגענע קינדער?" האָט זשע געדולד, איך קום צו

באַלד צום ענין, צוליב וואָס איך האָב אייך מטריח געווען און פאַרשלאָגן אייך דעם קאָפּ און דערצו, זאָל מען אויף אייך זאָגן, אַז איר זענט געווען נאָר אין איין שטוב; באַם בעל־הגוף, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַמעריקאַנער . . .

אַז מע האָט באַ מיר צוגענומען מיין שטימע, איז באַ מיר געוואָרן חורבן אין שטוב. — מיין יידענע האָט אַ וואָך צייט נישט אויפגעהערט צו גיסן מיט טרערן . . . האָב איך פינף קינדער. צוויי זענען אין מאָסקווע. לערנען זיך אין אוניווערסיטעט. אַ זון און אַ טאָכטער. די דריי יינגערע, צוויי מיידלעך, איינע פון דרייצן און איינע פון עלף, און אַ יינגל פון צען יאָר, זיי האָב איך דאָ מיט מיר. איז זיך מיישב מיין יינגל, טאַקע דאָס צעניאָריקע זונעלע מיינס, און קומט צו מיר און טוט מיר אַ פרעג אַ קלאָץ־קשיא; ממש ווי אַן אמתער באָלשעוויק:

— פאַרוואָס, טאַטע, ביסטו אַ קולאַק און טוסט אונדז אַן אַ חרפּה?

איר פאַרשטייט, אַ בעל־הגוף רופט מען דאָ קולאַק.

זאָג איך צו אים:

— וואָס פאַר חרפּות, זונעלע, טוט עס דיר דער טאַטע אָן?

מאַכט ער:

— דו ביסט אַ קולאַק.

זאָג איך:

— וואָס איז עס אַזעלכעס אַ קולאַק? קענסט מיר אפשר דערקלערן?

ענטפערט ער:

— אַלע דאָ זאָגן, אַז דו ביסט אַ קולאַק, דעריבער האָט מען באַ דיר צוגענומען שטימרעכט.

זאָג איך צו אים:

— אפשר בין איך אַ קולאַק, דערפאַר וואָס איך האָב דיר געמאַכט שטיוועלעך אויף ווינטער? אפשר בין איך אַ קולאַק דערפאַר, וואָס איך האָב דיינע שוועסטער געמאַכט שיך, זיי זאָלן נישט באַדאַרפן פרירן די פיס ווינטער? האַ? און אפשר דערפאַר, וואָס די מאַמע גיט דיר יעדן אינדערפרי אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער און זי גיט דיר נאָך עפּעס אָפּצועסן?

זאָגט ער:

— מען וועט ליזען און סיאָמען אַרויסטרייבען איצטער פון אוניווערסיטעט.

זאָג איך:

— אַזויפיל ווייסטו שוין . . . זייער קלוג פון דיר, מיין זון. איך האָב ביז איצטער גאָר נישט געוואוסט, אַז איך האָב אַזאַ געראָטענעם זון. איז דעריבער, זאָג־זשע דו מיר, וואָס זאָל איך טאָן, כדי איך זאָל נישט זיין קיין קולאַק און כדי מען זאָל ליזען און סיאָמען נישט אַרויסטרייבען פון אוניווערסיטעט, און כדי דיר זאָל נישט זיין קיין חרפה? האַ, קענסט מיר אפשר זאָגן? אדרבה, איך בין גרייט באַ דיר עפּעס צו לערנען.

זאָגט ער מיר:

— אַן אָרנטלעכער מענטש האָט נישט אַזויפיל קי און אַזויפיל הינער און קאַטשקעס און אינדיקעס.

פרעג איך אים:

— און ברויט באַדאַרף האָבן אַן אָרנטלעכער מענטש?

ענטפערט ער:

— לעניִן זאָגט, אַז איינער באַדאַרף נישט האָבן מער פאַרן אַנדערן. און דו האָסט מער פון אַלע אַנדערע אין דאָרף.

זאָג איך צו אים:

— ביסט גערעכט, מיין קינד. איך בין אַן עם־הארץ. נישט געלערנט לעניִנען. דו ביסט אַ פּיאָנער, ווייסטו טאָקע. גיב־זשע מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך איצטער טאָן? היות, ווי איך האָב דריי קי און אין דאָרף זענען פאַראַנען זיבעציק באַלעבאַטים, וואָס האָבן נאָר צו צוויי, אָדער צו איין קו; און היות ווי איך האָב צוויי פערד מיט אַ לאָשיקל און צוויי אָקסן, און אין דאָרף זענען פאַראַנען אַ סך באַלעבאַטים, וואָס האָבן נאָר אָקסן און האָבן נישט קיין פערד; און היות ווי די מאַמע האָט געזעצט קוואָקעס אויף הינערשע אייער און אויף קאַטשענע אייער און סע זענען אַרויסגעקומען הינדעלעך און קאַטשקעלעך און באַ אַ סך באַלבאַטים און באַלעבאָסטעס זענען קיין עופות נישטאָ — יאָ, מיין זון, דו לערנסט דאָך חשבון, דערקלער מיר. נאַ דיר אַ בלייער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און באַחשבון מיר, ווי איך זאָל עס צעטיילן, כדי איינער

זאָל נישט האָבן מערער און דער אַנדערער ווינציקער, כדי איך זאָל נישט זיין מער קיין קולאַק און איך זאָל באַקומען צוריק מיין שטימע און כדי מען זאָל ליזען מיט סיאָמען נישט אַרויסטרייבן פון אוניווערסיטעט . . . און ווייסטו וואָס נאָך — זאָג איך צו אים — אפשר געפעלט דיר נישט דער טאַטע דיינער — איז גוט: קענ־סטו דיר זוכן אַן אַנדער טאַטן; אַ קבצן אַ טאַטע. קבצנים זענען פאַראַן גענוג. גיי, אדרבה, טו אַ פּרואוו אין דאָרף און זאָג: „באַ מיין טאַטן וויל איך מער נישט עסן, ווייל ער איז אַ קולאַק, בעט איך אייך, גיט מיר אַ שטיקל ברויט". וועסטו זען, ווער עס וועט דיר געבן אַ שטיקל ברויט מיט אַ גלאָז מילך, אים וועסטו שוין בעטן, אַז ער זאָל פאַר איינוועגס זיין דיין טאַטע אויך. פּרואוו דיר געפינען אַ מאַמע אויך. ווארום, אויב דיין טאַטע איז אַ קולאַק — איז דיין מאַמע אַ קולאַקיכע.

אַז איך האָב עס אים אָפּגעזאָגט, מיינט איר דאָך אודאי, אַז ער האָט זיך דערשראָקן, אָדער זיך פאַנאַנדערגעוויינט? חלילה! עס האָט אים גאָרנישט גענומען. אָבער מיך האָט עס יאָ צענומען. אוי, האָט עס מיך צענומען! אוי, ווען איך וואָלט געקענט בשעת־מעשה לויפן קיין מאָסקווע און טאַקע אָנקלאַפּן אין די ריכטיקע טירן, און דאָרט זיך אויסטענהן און דאָרטן אַ פרעג טאָן די זעלביקע קלאָץ־קשיא — איך בין זיכער, אַז דאָרטן ווייסט מען גאָרנישט פון אַזעלכע זאַקאָנעס, אַז דריי קי, צוויי אָקסן און צוויי פערד מיט אַ לאָשיקל — מאַכן שוין אַ פויער פאַר אויס פויער און אַ מענטשן — פאַר אויס מענטשן און שטימרעכט נעמט מען באַ דיר צו און קינדער טרייבט מען דעריבער פון אוניווערסיטעט . . . נו, האָב איך מיר אויסגעטענהט מיט מיין צעניאָריקן תכשיט . . . ער איז גאָרנישט נתפעל געוואָרן. אַזוי קאַלט ווי מיין אַמאָליקער פינאינספּעקטאָר, מאַכט ער צו מיר:

— אַז דער גאַנצער דאָרף זאָגט, אַז דו ביסט אַ קולאַק, מסתמא זענען זיי גערעכט; אודאי זענען זיי גערעכט.

וואָס מיר האָט זיך אָנגעקליבן אויפן האַרצן און איך האָב נישט געהאַט צו וועמען אויסצולאָזן — האָב איך אויסגעלאָזן צו מיין תכשיט. איך האָב אים געמאַכט ווי אַ ביטערן עפּל. איך האָב פון אים אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול און אַרויסגעטריבן דרויסן . . .

דאָס האָב איך שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. דאָס איז שוין געווען איבערגעכאַפּט די מאָס.

און ווייסט איר, חבר אַמעריקאַנער — איך האָב מיר געזאָגט: אויב קינהער קענען נישט פאַרטראָגן דאָס גוטס, וואָס טאַטע־מאַמע טוען זיי — איז רעכט. זאָל זיין ווי זיי ווילן. איך האָב געהאַלטן אַ פּאָר מענטשן, פרעמדע מענטשן, זאָלן מיר צוהעלפן. דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, דער בלאָטער. דאָס איז דער עיקר חטא. דאָס הייסט באַנוצן זיך מיט פרעמדן טרוד. איר פאַרשטייט — מיט פרעמדער פראַצע, כאָטש איך באַצאָל און באַצאָל גוט. נו, איז נישט. איך האָב די פרעמדע מענטשן אָפּגעזאָגט. האָב איך אַרויסגעפּאָ־דערט דעם זון מיט דער טאָכטער פון מאָסקווע, אַז זיי וועלן קומען, וועל איך זאָגן:

— קינדערלעך, אַ צייט אַזאַ, וואָס מען טאָר זיך נישט באַנוצן מיט פרעמדער טירחה. נו, איז גוט; זענען מיר קוויט. זייט־זשע מוחל, דער טאַטע קען פאַר אייך נישט האָרעווען; דער טאַטע קען פאַר אייך מער נישט ציען די אָדערן, כדי איר זאָלט שטודירן און איך זאָל זיין אַ קולאַק. האָרעוועט פאַר זיך און זעט, סע זאָל אויס־קומען, אַז איינער זאָל נישט האָבן מער דער אַנדערער ווינציקער.

— „קומט אַהיים, קינדערלעך — האָב איך זיי געשריבן — קומט אַהיים און העלפט דעם טאַטן צו ווערן אויס בעל־הגוף".

יאָ, חבר אַמעריקאַנער, בײַ אייך קען מען זיך אודאי חידושן, ווי אַזוי אַ מענטש, אַ בר־דעת, זאָל נעמען און אַליין זיך מאַכן פאַר אַ קבצן. ס'איז אָבער אַזוי. כדי אָנצוטאָן אַ נחת־רוח מיין דאָרף, גיי איך ווערן אַ קבצן. מער נישט, וואָס איך וועל בלייבן בײַ מיין קאָכליענעם דאַך און בײַ מיין הילצערנעם דיל. ווארום, אַז קיין ברויט איז נישטאָ און עס רינט נאָך אַריין אונטערן קאָלנער און עס ציען די פיס — איז אפילו אין קרים אויך פּאַסקודנע.

און איצטער, קומט, חבר אַמעריקאַנער, וועל איך אייך פונדעסט־וועגן באַווייזן, וואָס פאַר אַ דאָרף יידן האָבן פאַר דריי יאָר אויס־געבויט. און זאָל מען נישט זאָגן, אַז איך האָב אייך פאַרכאַפּט גאָר אינגאַנצן פאַר זיך . . . יידן פאַרגינען נישט . . .

כאַ — כאַ — כאַ — כאַ

(מאָנאָלאָג)

— וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט אַזוי די אויגן אויף מיר, האַ? כ׳האָב אַ נאָז, כ׳האָב אויגן, האָב אויערן ווי דו, קלאָרער מענטש מיינער, כאַ־כאַ־כאַ . . . אַ חילוק אַ גרויסער! דו האָסט אויערן און הערסט נישט; האָסט אַ נאָז, און שמעקסט דער רוח ווייסט וואָס. דיר איז גוט. האָסט מיך פאַרשפּאַרט אין משוגעים־הויז, און אַליין אויפדערפרייט, כאַ־כאַ־כאַ, אויפדערפרייט . . . כאַ־כאַ־כאַ, אוי, דער בויך פּלאַצט מיר פאַר געלעכטער, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ . . .

וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? לאַכן איז משוגעת! האַ, באַ דיר דאַרטן אויפדערפרייט לאַכט מען נישט? יאָלד איינער! פאַרוואָס האָבן די טויטע אויפן שלאַכטפעלד הינטערן לעש יאָ געלאַכט, און דו, לעבעדיקער יאָלד מיינער, האָסט אויפגעהערט צו לאַכן? האַ, ס׳אומגליק, איר, קלאָרע, זענט טויב, געבאָרענע טויב ווי די וואַנט. גלויבסט מיר נישט, מיסטער יאָלד, אַז דעם זעעוודיקן איז אָך־און־ווי, דעם הערנדיקן איז אַ קלאָג צו אים, מיסטער יאָלד; קוקסט מיך אָן מיט אַזאַ פאַריאַכמעטער צורה; וואָס, קלייבסט זיך וויי־נען? כאַ־כאַ־כאַ, ווי גרינג מ׳איז אויף טרערן צווישן די קלאָרע! טו אים אַ פידל אונטערן קנעפּל — פישטשען די אויגן מיט טרערן. מ׳האָט פאַרריסן אַ נאָגל — פאַרקלעמט עס באַם האַרצן ביז טרערן... און מיר האָט מען געגעבן אַ באַפעל: זיץ אין די טרענשעס און קלאָג נישט! זיץ אין די טרענשעס, לייז פרעסן דיך, מייז לעקן דיין לייב — און דו וויין נישט! שראַפּנעלן, באָמבעס און גראַנאַטן רייסן זיך איבער דיר אַרום, און דו וויין נישט! צו דיר אין טרענש פאַלט אַריין אַ צעפליקטער מענטש, גיסט דיך אָפּ מיט בלוט און טינוף און דו וויין נישט, כאַ־כאַ־כאַ!

אודאי האָב איך געלאַכט ווען צו מיר אין בלעכל זופּ איז אַראָפּ־געפאַלן אַ שטיקל שראַפּנעל און מיר דעם זופּ אויסגעגאָסן; אודאי האָב איך געלאַכט, ווען מיין קאַמעראַד האָט אינמיטן עסן געקראָגן די מיתה־משונה אין זייט און האָט צו מיר אויסגעגלאָצט די אויגן, מיט אַ שפּיץ צונג צווישן די אויסגעשטשירעטע ציין . . . . אודאי

האָב איך געלאַכט! אָ, פריער האָב איך קיינמאָל נישט געלאַכט. מיין מיידל האָט מיר געקיצלט אונטער די אָרעמס, און איך האָב נישט געלאַכט. דערפאַר האָט מיך מיין מיידל פיינט געהאַט; פאַרריסן די נאָז און געזאָגט: אַ בחור וואָס לאַכט קיינמאָל נישט, האָב איך פיינט; אַ בחור וואָס האָט כסדר אַ זויערן פּנים, וויל איך נישט קענען. און איצטער, אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן צו לאַכן, כאַ־כאַ־כאַ, זאָגט זי, אַז כ׳בין געריךט פון זינען!

קוק אים אָן, דעם וועכטער, אָט דעם־אָ ברוט דאָרטן; ער קען נישט פאַרטראָגן אַז אַ מענטש לאַכט. כ׳לאָז קיינעם נישט שלאָפן, כאַ־כאַ־כאַ. געהערט אַמאָל, איך לאָז מיט מיין געלעכטער קיינעם נישט שלאָפן! און אַז די מאַשין־ביקסן האָבן געלאַכט, אַז די שראַפּנעלן האָבן זיך געריסן פאַר געלעכטער איבער מיין קאָפּ, האָב איך נישט געטאָרט וויינען. אַז מיין קאַמעראַד איז אויף שטיקער צעריסן געוואָרן, מיך אָפּגעפּליוכעט מיט בלוט און טינוף, האָב איך נישט געטאָרט לאַכן, כאַ־כאַ־כאַ.

אָ, זעסט אים דאָרט, דעם ברוט, ס׳אָרט נאַרישע צורה ער האָט; ס׳אַרט ערנסטע צורה ער מאַכט! ער לאַכט נישט. ער איז קלאָר, און איך בין משוגע. זעסט, ווי ער נעמט פון מיר נישט אַראָפּ קיין אויג. כ׳האָב אים שוין איינמאָל פאַרפאַרן אין זיין נאַרישער צורה אַריין. אָן אויג האָב איך אים געפּאַרבן אויף בלאָ; האָט מען מיר אָנגעטאָן אַ סטרעיט־דזשעקעט, פאַרבונדן די הענט, כאַ־כאַ־כאַ, האָב איך געלאַכט, האָב איך געלאַכט! האָבן מיר פאַרבונדן די הענט און געלאָזן די אויגן אָפן, געלאָזן מיר די אויערן, די נאָז, מיין מויל אויפדערפריי; וואָס דאַרף איך דען מער, האַ? כאַ־כאַ־כאַ . . . אָט קוק דיך אָן און דערקען, ווי ס׳ציטערט דיין האָרץ — הלמאי אַ משוגענער רעדט ווי אַ קלאָרער מענטש. האַ, וואָס, דיר אַרט נישט? ווי קלערסטו, האָב איך אים נישט געדאַרפט אונטערפאַרבן די אויגן, די גאַנצע וועלט זאָל אים אָנקוקן און הנאה האָבן? אָט־אָדעם הינטישן זון האָט מען געמאַכט פאַר אַ שומר איבער מיר!

ער פאַרשטייט, אַז איך שאַרף אויף אים די ציינער . . . זאָל ער פרואוון מיר פאַרווערן צו לאַכן, זאָל ער!

זיי זאָגן, איך בין משוגע. כ׳לאַך בשעת זיי געלוסט זיך וויינען.

פאַרוואָס געלוסט זיך זיי וויינען בשעת איך וויל לאַכן ?! ס׳ווערט ס׳האַרץ זיי צעריסן, און מוזן וויינען ? און מיר, ווען סע שפּאַרט אָן דאָס געלעכטער, ווער איך אויך צעריסן, כ׳מוז לאַכן — אַנישט וועל איך קראַפּירן . . . זע, מיינע ליפּן בלוטיקן, כ׳בייס מיר זיי איין ביז בלוט כ׳זאָל נישט לאַכן ; די אויגן שפּאַרן מיר פון קאָפּ אַרויס, ווען כ׳וויל לאַכן און האָב מורא, מ׳זאָל מיך ווידער נישט אָנטאָן אַ סטרעיט־דזשעקעט . . .

קענסט מיין עלענאָרן ? אָפטמאָל קומט זי צו מיר ; קוקט מיך אָן, זאָגט גאָרנישט. וויינט. קוקט מיך אָן, די אויגן ווערן גרעסער, גרעסער, די טרערן קוועלן אָן, פאַלן איבערן פנים. וויינט. קענסט זי, מיין עלענאָרן ? מיר האָבן זיך ליב געהאַט נאָך אין פּאָבליק־סקול. יעמאָלט האָבן מירביידע געלאַכט פון פולן האַרצן, קיינער האָט אונדז נישט געהאַלטן פאַר משוגע. זי איז אַלט געווען אַכט, און איך — צען יאָר. זי האָט מיר דערציילט ווי זי וועט מיר האָבן קינדערלעך, און געלאַכט אויפן הויכן קול, און איך האָב איר דער־ציילט ווי איך וועל אַליין אויפמאַכן פאַר אונדז אַ גרויסע, גרויסע שטוב באַם ברעג האַדסאָן, און מיר האָבן ביידע געלאַכט. אַז איך בין אַוועק אין פראַנקרייך זיך שלאָגן מיטן דייטש, האָט זי געוויינט. אַז איך בין געקומען צוריק, מיינע לונגען האָט גיפטיקער גאַז דורכ־געפרעסן, האָט זי געשוויגן. איצטער קומט זי צו מיר און וויינט . . .

כ׳ווייס, עלענאָר האָט חתונה געהאַט. זי האָט אַ מאַן, אַ קינד, איר איז נישט גוט. דעריבער קומט זי צו מיר, קוקט מיך אָן און וויינט. אודאי האָב איך געוואָלט לאַכן, ווען כ׳האָב עלענאָרן צום ערשטן מאָל דאָ געזען. אוי, האָב איך געוואָלט לאַכן ! אַלץ אין מיר האָט געוואָלט לאַכן, אפילו די שפּיצן פון מיינע האָר האָבן געוואָלט לאַכן. מיינע הענט, די שפּיצן פינגער האָבן געוואָלט לאַכן, כאַ־כאַ־כאַ . . . כ׳האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן. האָב זי אַרומ־געכאַפּט, און טאַקע מיינע הענט, מיינע שפּיץ פינגער, מיינע אויגן, מיינע האָר האָבן געלאַכט . . . כ׳האָב זיך אין איר איינגעגעסן, און אַליין זיך נישט געקענט אָפּרייסן. אָט, זעסט אים דאָרטן, דער דאָזיקער ברוט האָט מיך פון איר אָפּגעריסן און אַריינגעשליידערט אין אַ פינצטערן צימער אַריין !

אודאי, כ׳האָב עס נישט געטאָרט טאָן. כ׳ווייס, כ׳ווייס, ווען איך

פאַל אויף איר האַלדז און וויין ווי אַ נאַרישער באָק, וואָלטן אַלע געהאַט מיטלייד מיט אונדז ביידן. אודאי, ווען אנשטאט לאַכן הייב איך פאַר איר אָן צו וויינען — וואָלט מען מיך דערקלערט פאַר אַ קלאָרן און אַרויסגעלאָזן פונדאַנען! ס׳אי שוין לאַנג זינט זי איז דאָ געווען. אפשר צוויי וואָכן, אפשר צוויי חדשים זינט זי איז דאָ געווען. כ׳האָב פאַרגעסן ווי מ׳ציילט די טעג, ווי מ׳ציילט וואָכן און חדשים. ווילסט, וועל איך דיר געבן איר אַדרעס. דאָס געדענק איך, כאַ־כאַ־כאַ . . . קאָמיש, ווי כ׳האָב פאַרגעסן אַזאַ קלייניקייט, מהום . . . כ׳געדענק ווי מיר זענען נאָךביידע געווען אין פּאַבליק־סקול, ווי מיר האָבן זיך באַהאַלטן הינטער דעם קליידער־אַלמער, כאַ־כאַ, דאָס געדענק איך, און איר אַדרעס האָב איך פאַרגעסן . . .

קיינער הערט נישט? בויג זיך צו, כ׳וועל דיר זאָגן עפּעס אין אויער . . . איך געדענק איר אַדרעס. זי מיינט, כ׳וועל פונדאַנען אַרויס — וועל איך זיך לאָזן גלייך צו איר, כאַ־כאַ. זי וואוינט אויף אַן אַנדער אַדרעס, האָט זי מיר געזאָגט. אַ קלאָרער מענטש דאַרף נישט קיין אַדרעס. משוגעים האָבן אויסגעטראַכט אַן אַדרעס, כאַ־כאַ . . . גיב מיר דעם אויער, כ׳וועל אים דיר נישט אָפּבייסן. אָט זעסטו דאָרטן שטייט ער, דער געלער קאָטער, געזונט ווי אַ בער און ער קלאָגט גאַנצענע נעכט. אַזאַ שטיק קאָטער, כאָטש לאָז אים אַרויף אויפן דאַך — ט׳ער דאָרטן וויינען מיט די קעץ אינאיינעם! כ׳האָב אים שוין איינמאָל אָנגעשפּיגן אין צורה אַריין, געזאָגט אים, אַז אַ קלאָרער מענטש וויינט נישט. אַ קלאָרער מענטש לאַכט, כאַ־כאַ־כאַ . . . ער פאַרשטייט, אַז איך רעד פון אים. איך זאָל נאָר פאַר אים קיין מורא נישט האָבן, ער איז שטאַרק ווי אַ בער און קלאָגט ווי אַ פאַרליבטער קאָטער. קום אַוועק אָן אַ זייט. כ׳האָב אים פיינט.

וואָס אי, וואָס פינטלסטו מיט די אויגן? קלייבסט זיך וויינען אויף אים קוקנדיק, כאַ־כאַ־כאַ . . . אוי, כ׳וועל באַלד פּלאַצן! האַלט מיך שטאַרק פאַרן האַנט, וועל איך נישט לאַכן . . . האַלט מיך שטאַרק פאַרן האַנט! האַ, מ׳זאָגט, אַז איך האָב פיינט מענטשן, דעריבער האַלט מען מיך דאָ פאַרשפּאַרט; איך קאָן נאָך אָנטאָן שאָדן אויפדערפריי, דעריבער האַלט מען מיך דאָ. וואָס, אָטאָ־די־אַ האַנט

מיינע קען שלעכטס טאָן? די האַנט מיינע האָט געזינדיקט? כ׳ווייס, זי האָט געזינדיקט: זי האָט נישט געוואָלט שיסן! אין די טרענשעס האָט מען מיך אויך געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם, כאַ־כאַ־כאַ. אַ מענטש האָט אַ ביקס און וויל נישט שיסן! שיס! אויב דו וועסט יענעם נישט מאַכן דעם טויט, וועט ער דיר, כאַ־כאַ־כאַ . . . הערסט וואָס די קלאָרע האָבן צוגעטראַכט? ווי זאָל איך נישט לאַכן? ווי זאָל איך ניט שרייען מיט אַלע מיינע כוחות, אַז איר זענט משוגע? כאַ־כאַ־כאַ . . .

פאַרוואָס האָסטו אָפּגעלאָזן מיין האַנט? כ׳האָב קיינעם קיין בייז נישט געטאָן. האָב קיינעם קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן. עלענאָרן האָב איך אויך קיין שלעכטס נישט געטאָן. זי האָט געמעגט קומען אַהער. איך בין נישט חושד קיינעם. כ׳בין עלענאָרן אויך נישט חושד. האַ, ס׳אי אמת, אַז זי האָט מיך אַהער אַריינגעזעצט? וואָס טוט זי דאָרטן, פאַרוואָס האָט זי מורא איך זאָל זיין דערביי? זי וויינט, האַ? זי וויינט אַ סך? עלענאָר . . . וועסט זי זען, זאָג איר, זי זאָל נישט וויינען. הלמאי איך לאַך? זאָג איר, כ׳האָב שוין טייער באַצאָלט. כ׳האָב דעם געלעכטער געקויפט פאַר מיין לעבן. באַצאָלט מיט מיין לעבן. נישט טייער באַצאָלט. אַ גרויסע מציאה האָב איך איינגעהאַנדלט. כדאי אפילו צו זיין פאַרשפּאַרט; כדאי אפילו מ׳זאָל מיך אין אַ סטרעיט־דזשעקעט פאַרפּאַקן. ס׳איז אַלץ ווערט, זאָלן זיי! בשעת די וועלט וויינט, נעם איך, און — כאַ־כאַ־כאַ . . . כאַ־כאַ־כאַ . . . ניין, איך וויין נישט! דאָס דוכט זיך דיר נאָר אויס אַזוי, אַז כ׳וויין יאָלד איינער . . . וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? איך וויין נישט! כאַ־כאַ־כאַ . . .

א צאָן פאַר א צאָן

(מאָנאָלאָג)

— שיינע רייד, קלוגע רייד, זאָלט איר מיר מוחל זיין, פּאַסן זיך צו מיין צרהדיק לעבן, ווי אַ צעבליטער עפּל־בוים אינמיטן ווינ־טער. איר זאָגט: אַ מענטש שטאַרבט נישט איינמאָל פאַר אַלע־מאָל, נאָר טויזנטער מאָל אין זיין לעבן שטאַרבט אַ מענטש און ווערט צוריק געבאָרן — דאָס קער זיך אויך אָן מיט שיינע רייד. איך ווייס נאָר, אַז איך בין איינמאָל געשטאָרבן, און צוריק אויפ־שטיין תחית המתים, זאָלט איר מיר מוחל זיין, דאָס זענען נסים, און נסים טרעפן נאָר מיט אַ שוטה.

איר האָט מיר גוט אַריינגעזאָגט, אַז דער וואָס רייט אויף אַ טיגער, האָט מורא פון אים אַראָפּצוקריכן. ליבע איז לעבן, זאָגט איר, און דער וואָס האָט מורא פאַר ליבע — האָט מורא פאַרן לעבן. לאָמיר איך זאָגן: ליבע איז נאָך בייזער פון אַ טיגער, איז פלינקער און האָט שאַרפערע ציינער פון אַ טיגער. פרעגט נישט דעם טיגער, פרעגט דעם רייטער; פרעגט נישט דעם רופא — פרעגט דעם חולה. ווארום, צווישן זיך גערעדט, האָב איך געקענט אָפּאָרדן צו האָבן אַ שטיקל דירה אין אַ לייטישער געגנט, און נישט לעבן דאָ אין מיין סטיישינערע, אָפּגעצאמט מיט אַ ווענטל. מוז איך טאָקע האָבן מיין באַגרעבעניש דאָרטן הינטערן ווענטל? איז דאָך די מעשה, וואָס דאָס גאַנצע געוועלבל איז נישט מער און נישט ווינ־ציקער ווי דער לעבעדיקער קבר מיינער. די מענטשן, יידן, צי יידענעס, אָדער אפילו ניט־יידן, צי קינדער וואָס קומען אַריין קויפן עפּעס, זיי ווייסן נישט, אַז אַ וויסטער בר־מינן פאַרקויפט זיי, נעמט באַ זיי די פּאָר סענט, גיט זיי אַרויס אויסגאָב, דאַנקט, און שמייכלט נאָך דערצו.

מיינט איר אפשר, ס׳איז צוליב דעם עני חשוב כמת — אַ קבצן איז געגליכנט צו אַ בר־מינן? צי דען פעלט מיר אויף חיונה, אויף אַ בגד? חלילה! ס׳געוועלבל, ווי קליין עס איז, איז עס אַ מעלקעדיקע קו, כאָטש פאַררוקט אין אַ זייטיקער גאַס. נאָר צוועלף יאָר זינט דער טיגער, ווי איר זאָגט, כאַ־כאַ־כאַ, האָט מיך אַראָפּ־געשליידערט פון זיך; זינט אַ מיידל מיטן נאָמען בעטי, זי איז

געוועז דער טיגער און אַ צולאָג צו דעם האָט זי אַרויסגעריסן מיין האַרץ און אַוועקגענומען מיין מוח. אָן אַ האַרץ און אָן אַ מוח איז אַ מענטש קאַפּוט. דאָס דאַרף איך אייך נישט דערציילן.

איר קוקט מיך אָן און שמייכלט. איר טראַכט אודאי: ס'איז אַ יידישע מידה איינצורעדן זיך אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז. הלמאי זענען פאַראַן חכמים, וואָס ווילן באַווייזן, אַז בּאַ יידן איז נישטאָ קיין איינליבעניש, מחמת צו ליבע דאַרף מען האָבן אַ האַרץ, און אַ ייד — בּאַ אים איז גאָר דער מוח פאַרשפּיצט? טאָ לאָזט מיר אייך זאָגן, אַז דער חילוק איז נאָר אין דעם, וואָס דער נישט־ייד פאַרליבּט זיך טאַקע נאָר מיטן האַרצן, אָבער דער קאָפּ איז נישטאָ דערבּיי; אַ ייד, אַז ער ליבּט זיך שוין יאָ איין, איז עס מיט האַרץ און לייב־און־לעבן. אָטאָ־דאָס איז געוועזן מיין דאָליע. אַזויפיל האָבּ איך באַצאָלט פאַר מיין איינליבן זיך אין אַ מיידל, וואָס האָט געהייסן בּעטי.

און זי? צי זי האָט מיך ליב געהאַט? דאָס איז אַ טיפער סוד. צי האָט זי מיך ליב געהאַט . . . איך האָבּ יעמאָלט געגלויבּט, אַז יאָ. נאָך איצטער גלויבּ איך, אַז יאָ. יעמאָלט בּין איך נאָך געוועזן אַ לעבּעדיקער מענטש. מיין הימל איז געוועזן אויסגעלייטערט. יע־מאָלט בּין איך נאָך געגאַנגען אין סיטי־קאָלעדזש, געזען פאַר זיך אַ צוקונפט. און איר, אין בּעטין, האָבּ איך געזען מיין צוקונפט. איך האָבּ געשטודירט מאַטעמאַטיק. בּין געוועזן אויף חידושים אַ מאַטעמאַטיקער! אָט, ווי איר קוקט מיך אָן — זענען יעמאָלט פאַר מיינע אויגן געשטאַנען הימל און ערד און ציפערן. אָבער זינט יעמאָלט — איז אין קאָפּ בּלאַנק. אַלע ציפערן זענען אַוועק; גע־בּליבן פאַר די אויגן איז איין קיילעכדיקער נול. פּוסט.

אָט איז, למשל, שוין בּאַלד נאָך האַלבּע נאַכט אַהינטערן וועגטל דאָרטן וואַרט אויף מיר אַ נישט־פאַרבּעטער געלעגער, אַ שמאָל, אייזערן בּעטל. אַז איך מאַך צו דאָס קלייטל, לעש אויס די עלעק־טרע, גיי אַוועק אַהין, בּלייבּ זיצן אויף מיין נישט־פאַרבּעטן גע־לעגער און וויל אַרומקלערן מיין אויפטו פאַרן לאַנגן טאָג; ווען אפילו איך בּין אַ קרעמער, איז מיטן איבּערציילן דעם פּדיון פאַרן טאָג — שיינט פאַר מיר נישט אַרויס די זון אין סאַמער האַלבּער נאַכט. הלואי וואָלט עס געשען. נישט קיין זון און נישט קיין ליב־

טיקע שטערן — זי, בעטי שטייט פאַר מיין געבויגענעם קאָפּ, פאַר מיינע פאַרמאַכטע אויגן און טענהט זיך מיט מיר אויס; רעדט מיט אַ ניגון פון אַ גלח בשעת ער איז מתפלל פאַרן ארון פון אַ בר־מינן.

— אַ פרוי האָט אַ ווייטן בליק — טענהט זי — אַ פרוי האָט אַ טיפן חוש ארויסצושפּירן וואָס איר שטייט פאַר אין לעבן . . . איך האָב דיך יעמאָלט דערקענט — טענהט זי צו מיר — דו האָסט מיך דעם ערשטן זונטיק אַרויסגענומען אויף דער אַנדערער זייט האָדסאָן, געוויזן מיר פון דאָרטן די גרויסע שטאָט ניו־יאָרק . . . איך האָב דיר יעמאָלט געפרעגט, צי דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק, וואו איין מענטש טרעט אויף דעם אַנדערן, וואו דער בלינדער קריכט אויף דעם זעעוודיקן, דער הויקערדיקער און קרו־מער — דראַפּעט זיך אויף דעם גלייכן און געזונטן; דאָרטן, אין אָרימקייט, וועל איך פאַר דיר אָנהייבן קינדלען, אין ענגשאַפט וועל איך ווערן דער מיסט־עמער — איז דאָס אַלץ וואָס דו קענסט מיר צוזאָגן?

— איך האָב דיר געוואָלט געבן מיין גאַנץ לעבן אינאיינעם מיט מיין ברענענדיקער ליבע — ענטפער איך שטיל.

נעמט זי און לאַכט זיך פאַנאַנדער, טוט אויף מיר אַזאַ קוק, ווי איך וואָלט געווען אַ מענטש גאָרנישט פון דער וועלט.

— וואָס לאַכסטו, בעטי? — פרעג איך זי.

— וואָס קען אַ מיידל טאָן מיט הוילער ליבע? — רעדט זי, און באַווייזט אירע ווייסע ציין — קיין דירה־געלט קען מען מיט הייסער ליבע נישט צאָלן; אין גראָסערי וועט מען פאַר הייסער ליבע קיין לעבל ברויט נישט געבן.

— כ'האָב אויף דעם נישט קיין ענטפער. ווארום וואָס האָב איך יעמאָלט אויף דעם געקענט ענטפערן? איך האָב באַנומען, אַז אויב דער מאַן פאַרדינט אויף דירה־געלט, ער פאַרדינט דערצו נאָך אויף אַלץ וואָס דאָס אויג דערזעט, נאָר אויב קיין ליבע איז דערביי נישטאָ — איז דאָס גאַנצע לעבן מיט אַ ווייב טאַקע ווי איר זאָגט: — נעמען און אַרויפכאַפּן זיך רייטנדיק אויף אַ טיגער! דאָס האָב איך איר נישט געוואָלט זאָגן. ס'וואָלט באַ מיר געהייסן, נעמען און שפּייען אין די הענט און אויסשמירן זיך ס'פּנים.

אָבער אַן ענטפער האָט מען דאָך איר יעמאָלט געדאַרפט געבן. פאַר מײַנע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן די באַגעגעניש מיט איר, טאַקע אין סיטי־קאָלעדזש וואו זי האָט געלערנט בוק־קיפּינג, ווי צו פירן יענעמס חשבונות האָט זי געלערנט. איך האָב זי פון צווישן הונדערטער מיידלעך דערזען, און זי מיך אויך. ליכטיקע האָר האָט זי געהאַט און כמעט שוואַרצע אויגן האָט זי געהאַט. צײַנער ווײַסע, לענגלעכע, ווי אײַנצובײַסן אַ גוטן עפּל. יעמאָלט, בשעת זי האָט אָנגענומען מײַן האַנט, און די אויגן אירע מיט אַזאַ פריילעך פּײַערל, אפילו די צײַן האָבן געשמייכלט צו מיר. וואָס, האָט מיר יעמאָלט געדאַרפט אײַנפאַלן, אַז זי טראַכט פון בוק־קיפּינג? אודאי נישט! הלמאי איך, וואָס האָב שוין געהאַלטן ווײַט, ווײַט אין מאַטעמאַטיק, געהאַט פאַר די אויגן הימל און ערד און ציפערן — איז דאָך מיטאַמאָל בײַ מיר די זון אויפגעגאַנגען און אַלע ציפערן צעשמאָלצען! מײַן גאַנץ לעבן האָט זיך אָנגעצונדן אין די צוויי אויגן אירע.

און זי? וואָס איז יעמאָלט געווען אויף איר געדאַנק? בוכהאַלטעריע? דעביט און קרעדיט; אַזויפיל און אַזויפיל אַרײַנגענומען, און אַזויפיל און אַזויפיל אַרויסגעגעבן? אָט אָ דאָס? ניין, איך גלייב עס נישט. איך גלייב, אַז איינמאָל אין לעבן איז אַ מענטש פאָרט אַ מענטש. איינמאָל אין לעבן איז דאָס לעבן אָן חשבון און אָן ציפערן.

ס׳איז טאַקע געווען ס׳ערשטע מאָל, וואָס כ׳האָב זי אַריבערגענומען אויף דער אַנדערער זײַט האָדסאָן, אַ זומערנאַכט געווען. געוואָלט איר באַווײַזן די שטאָט ניו־יאָרק; אויפווײַזן איר, אַז אַלע פײַערלעך וואָס פינקלען פונווײַטן און באַלײַכטן די גאַסן, אפילו דער ליכטיקער נעבל, וואָס הייבט זיך אויף איבער ניו־יאָרק און בלײַבט הענגען אונטערן הימל — אַז דאָס זענען די פײַערן פון ליבע. מיר האָבן אַ חלק אין יענע פײַערלעך, מחמת דאָרטן, צווישן די מיליאָנען פײַערלעך, ברענט שוין אונדזער פײַער אויך.

נו, האָב איך אַ קלער געטאָן: צו פרי אַזעלכעס איר צו זאָגן.

אָבער מיר האָט גערופּעט, הלמאי אַ יונג מיידל, וואָס האָט ווי אַ שטיק ליכטיקייט אַרײַנגעקוקט אין מײַן ווינקל אַרײַן, זאָל שוין האָבן אַזאַ ווײַטן, אויסגעחשבונטן בליק, אַז אַלץ וואָס איך וועל

אומשטאַנד זיין איר צו געבן אין לעבן — איז מאַכן, זי זאָל קינד־לען אין אָרימקייט. מאַכן פון איר אַ מיסט־עמער . . .

— ווי קומט צו דיר אַזאַ ניכטערקייט ? — האָב איך אַ פרעג געטאָן. און בשעת מעשה האָב איך געשפּירט ווי ס׳האַרץ, אַט רייסט זיך עס אָפּ, הייבט אָן בלוטיקן— ממש דעם גאַנצן אַרום פאַרבלו־טיקט מיין אָפּגעריסן האַרץ !

— ווער סע קוקט נישט באַצייטנס דעם אמת אין די אויגן, דער דערזעט אים יעמאָלט, ווען ס׳איז שוין צו שפּעט . . . ווערסט מיך פירן צוריק אין שטאָט אַריין. מיר איז קאַלט.

איך האָב גענומען איר האַנט, און געזאָגט :

— איך גלויב נישט, צי אַ פרוי קען דעם מאַן ; איך גלויב אויך נישט, צי אַ מאַן קען די פרוי. מ׳וויל זיך נישט דערקענען, און מ׳דאַרף זיך נישט דערקענען. די ליבע איז בלינד, האָט מען שוין אין די אַלטע צייטן געוואוסט. די ליבע האָט אַ קורץ, פאַר־שניטן לעבן, דאָס האָט מען אויך שוין פון לאַנג אָן געוואוסט. מ׳וויל ליבע מאַכן זעעוודיק, אויסציען זי אויף אַ לעבנלאַנג ; דער וואָס וויל עס, דער ממיתט די ליבע מיט זיינע אייגענע הענט. ניין, נישט איך בין דער אכזר איבער מיין אייגענעם לעבן, און נישט איך וויל עס זיין.

— איך זע צום ערשטן מאָל אַ מאַן וואָס גייט אום אין לעבן מיט פאַרמאַכטע אויגן — האָט זי אַ זאָג געטאָן. און אפילו נישט געקוקט בשעת מעשה אויף מיין זייט.

— אויב אַזוי — זאָג איך צו איר — זאָל מען זוכן די ליבע נאָר באַ דעם מאַן, וואָס גייט צו דער גאַסנפרוי, און איז דער גאַסנפרוי מער ווי אַ פאַר דאָלער נישט שולדיק ; און זוכן זאָל מען אויך די ליבע באַ דער גאַסנפרוי, וואָס וויל פון דעם מאַן פאַר דער איינ־מאָליקער ליבע נישט מער ווי אַ פאַר דאָלער.

— ס׳איז אַן אויג פאַר אַן אויג — זאָגט זי צו מיר — אַזוי רעדט נישט אַ מאַן וואָס האָט ליב.

— כאַ־כאַ־כאַ, ס׳איז גיכער אַ צאָן פאַר אַ צאָן ; אַזוי רעדט נישט אַ פרוי, וואָס האָט ליב. מחמת בלינדערהייט קען מען נאָך חלומען פון ליבע, בלינדערהייט קען מען נאָך אַ קוק טאָן עק־וועלט.

אָבער מיט קלאָרע, מיט ניכטערע אויגן, וואָס קען אַ מענטש שוין דערזען אין לעבן?

אָטאָ־דאָס שמועסל איז פאָרגעקומען בסך הכל מיט צוועלף יאָר צוריק. נאָכט־און־נאָכט חזרט זיך עס איבער, ווען איך לעש אויס די עלעקטרע און בלייב זיצן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אויף מיין נישט־פאַרבעטן געלעגער.

איך האָב אין יענער נאָכט באַם האָדסאָן נישט געקענט אַרויס־רייסן מיין האַרץ און זאָגן: אָט איז אַ מענטשנס האַרץ, ס׳איז בלוט און פלייש, ס׳איז הייס, און עס קלאַפּט אויס די רגעס פון לעבן; יעדע רגע איז אַ לעבן; אין יעדער רגע איז ליבע. דאָס וואָס איר האָט מיר נאָר וואָס אויפגעוואָרפן — האָב איך איר נישט געקענט זאָגן, בשעת דידאַזיקע ווערטער, וויפל אמת ס׳זאָל אין זיי נישט שטעקן — זענען זיי נישט מער ווי ווערטער, וואָס דיווירקלעכ־קייט וואַרפט זיי אַריין אין מיסט־עמער.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איך האָב יעמאָלט געקראָגן אַ טויט־קלאַפּ. פאַרוואָס אַזוי? זי האָט מיך געמאַכט, איך זאָל זיך פילן ווי דער אָרימסטער צווישן אָרימע.

— וואָס איז מיין שטרעבן? — האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט — צוליב וואָס מאַטעמאַטיק, חשבונות, ווען מיין גאַנץ לעבן איז איין קיילעכדיקער נול? ווען פאַר מיין לעבן קען איך קיין ליבע נישט קויפן?!

זי איז געבליבן אין סיטי־קאָלעדזש. זי האָט געלערנט בוק־קיפינג. און איך, איך האָב געלערנט מאַטעמאַטיק, אָבער יענעמס חשבונות צו פירן האָב איך נישט פאַרשטאַנען. און פירן מיינע אייגענע חשבונות — אויך נישט. דעריבער איז מיר פאַר די אויגן געבליבן שטיין איין גרויסער, קיילעכדיקער און פוסטער נול. כ׳האָב אויפגעגעבן דעם קאָלעדזש.

כ׳האָב געקלערט וואָס פאַר אַ ביזנעס זאָל איך עפענען. באַ־נאַכט בין איך געווען אַ דיש־וואַשער אין אַ רעסטאָראַן; כ׳האָב געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר הונדערט דאָלער. געטראַכט, געטראַכט, דורכגעוואָרפן אין געדאַנק אַלערליי מינים ביזנעס, און ס׳איז מיר אויסגעקומען, אַז אַ שמאָל געוועלבעלע איז דאָס פּאַסיקסטע. אַביסל סטיישינערי, אַביסל שפּילצייג — זאָלן מיינע קונים זיין קינדער,

שול־קינדער, וואָס פירן נאָך קיין חשבון נישט אין לעבן, וואָס גייען אום אין לעבן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך אַליין האָב ס׳לעבן באַצאָלט מיט אַ צאָן פאַר אַ צאָן. האָב איך נישט געקענט קויפן מיין לעבן פאַר ליבע — האָב איך די ליבע אין מיסט־עמער אַריינגעוואָרפן.

דאָ אין געוועלב דריי איך מיר אַרום שוין גאַנצע צוועלף יאָר. ס׳איז נישט קיין געוועלבל, נאָר אַ לעבעדיקער קבר. די קונים ווייסן נישט, באַמערקן נישט, אַז דאָס געקויפטע דערלאַנגט זיי אַ בן־מינן; אַז ער נעמט באַ זיי ס׳געלט און גיט אויסגאַב.

הייסן הייסט באַ מיר, אַז כ׳האָב געצאָלט אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אָבער אין אמתן האָב איך פאַר אַן אַרויסגעוואָרפענער ליבע מיט מיין לעבן באַצאָלט.

אַ בן־שמונים

(סאַוועטיש)

. . . האַ — וואָס . . . איר פרעגט: וואָס מען מאַכט? . . . ווי אויף דער עלטער. אַז מע האָט ווי ס׳איז דערפויזעט צו שמונים, וואָלט מען שוין נישט באַדאַרפט מורא האָבן טאָמער כאַפּט זיך אַרויס אַ ציצה פון אונטער דער קעמזעלקע און פאַרבערענט חלילה דאָס גאַנצע דאָרף. נו, מילא. וואָס האָב איך שוין איצטער איינצורייסן מיטן אַרבע כנפות? איך זע אַרויס, אַז סע גייט, גייט באַ אַלעמען, און אויב סע גייט נישט — איז קיין פּעולה נישט.

איר זענט דאָך פון אַמעריקע, שמועסט מען דאָך, אַז יידעלעך האָבן דאָרטן צוליב פּרנסה אַרויסגעוואָרפן גאָט פון האַרצן; אויסגעשפּיגן אין ים אַריין. שמועסט מען דאָך, אַז יידן פעלט דאָרט גאָרנישט. האָבן פון כל־טוב. אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס דאָרטן איז מען כולו חייב.

זענען דאָרטן אויך פאַראַן קאָמסאָמאָלן? וואָס טוט מען דאָרטן מיט די שולן אַ גאַנץ יאָר? דאָרטן איז דאָך פאַראַן גענוג געלט, מסתמא סטייעט פאַרוואָס צו בויען שטיבלעך פאַר זייערע זאַכן. און דאָ . . . וואָלט מען געהאַט פאַרוואָס, וואָלט מען די בתי־מדרשים אָפּגעראַטעוועט. וואָלט מען זיי געגעבן געלט, די קאָמסאָמאָלן, און זאָלן זיי זיך בויען פאַר זיך אייגענע שטיבלעך. וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין תירוץ: — הלמאי האָט מען צען בתי־מדרשים צום דאַוונען און איין שטיבל אויף צו פאַרזאָרגן די וועלט איז נישטאָ.

ווי הייסט איר דאָ? אודאי אויך חבר . . . זאָל זיין חבר. כל ישראל חברים. כע־כע־כע . . . זעט מען עס טאַקע אַרויס. איך האָב אין לעבן אַ סך געזען. האָב אויף קיינעם נישט פאַראיבל. ווארום וואָס — די פּאָר אויגן וואָס מיר איז געשענקט געוואָרן, האָבן שוין ברוך־השם באַלד אויסגעקוקט און געזען אַלץ, וואָס פאַר זיי איז באַשערט געווען. באַשערט געווען צו זען, ווי מע האָט מיין זון אָפּגעהאַקט פריער אַ האַנט און דערנאָכדעם דעם קאָפּ . . . באַשערט געווען צו זען נאָך פרעמדע צרות גענוג. נו, אַז מען שמועסט — „כל ישראל חברים", האָט עס פאַר דודן און פאַר זרחן אויך

גוט געקלעמט באַם האַרצן . . . יאָ, אַנטקעגן דעם וואָס מען שמועסט, אַז אויגן קענען נישט זען מער ווייל פאַר זיי איז געגעבן געװאָרן צו זען. דאַכט מיר דעריבער, אַז אויב מען דערציט אין די דאָזיקע יאָרן ביז שמונים—באַדאַרף מען נישט זיין געפאַלן באַ זיך...

בין איך עס נישט . . . ניין, אַרט מיך נישט, וואָס די ציצית באַהאַלט איך אין די הויזן אַריין. אַרט מיך נישט, וואָס אין דעם דאָזיקן דאַרף האָט מען שוין אויסגעבויט אַ שול פאַר די קינדער, אַ קלוב פאַר די קאָמסאָמאַלן. און אַ מרחץ, שמועסט מען. וועט מען אויך בויען, און קיין שול צום דאַוונען — וועגן דעם שמועסט מען דערווייל נישט. נאָר בנוגע דעם וואָס איך זאָג, אַז די אויגן איז געגעבן געוואָרן צו זען אַזויפיל און אַזויפיל און מער נישט, האָב איך נישט צו זינדיקן. ניין, וועל איך נישט זינדיקן מיט מיינע רייד, ווען איך וועל אפילו זאָגן, אַז איך צעטייל אַלץ אויף צוויי: ניסים — זענען ניסים; און וואָס מען קען ממש בידים אָנטאַפּן — טאָר מען דאָך אודאי נישט פאַרלייקענען . . .

איך טראַכט מיר מיינס, כאָטש פאַר אַ היגן וואָלט איך דאָס נישט אַרויסגעזאָגט. דאָ באַדאַרף מען וויסן, אַז הזהר והזהר. צו נכשל ווערן איז דאָ גרינג. און נכשל ווערט מען דאָ נישט מיט קיין מעשים, נאָר מיט גאָלע רייד. אודאי קען מען אויף קלאָר נישט וויסן צי מיר לעבן אָפּטמאָל נישט אין אַ צייט וואָס די עקבתא דמשיחא דערנעענטערן זיך. איך האָב אַ סך מאָל איבערגעטראַכט: די חכמים האָבן געזאָגט, אַז משיח קען קומען נאָר אין אַ דור, וואָס איז — אָדער כולו זכאי, אָדער אין אַ דור וואָס איז — כולו חייב. תחילת האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס גייט טאַקע צו כולו חייב. און מיטאַמאָל האָט כביכול חרטה געהאַט. און הלמאי טאַקע זאָל ער חרוב מאַכן זיינע אייגענע וועלטן? הלמאי זאָל ער טאַקע נעמען מענטשן, דעם בחיר היצורים און מאַכן פון אים אַ נבזה, אַזאַ וואָס האַלט, אַז לית דין ולית דין? כביכול באַדענקט זיך אויך. דאָס איז דאָך ידוע.

אָט צוליב וואָס זאָל איך זוכן ווייט?

געוועזן באַ אונדז אין שטעטל אַ קאַניוד, אַזאַ וואָס האַנדלט מיט פערד. און ס'איז דאָך ידוע, אַז אַ פערד־הענדלער איז אויך אַ פערד־גנב; האָט צו טאָן מיט ציגיינער. ווערט פאַרפאַלן אויף

יאַרידן, און אַן עמעצער האָט געגנבעט אַ פערד—האָט ער דאָך ממילא באַדאַרפט אַריינפאַלן צו אַ פערדהענדלער, ער זאָל אים אַוועקפירן אין מרחקים אויף אַ יאַריד; איבערבייטן מיט ציגיינער און גאַרנישט. גיי זוך אים איצטער, מע האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ פערד־גנב.

אין דער היים דוקא איז ער אַ גאַנצע וואָך געגאַנגען אין אַ שבתדיקן סורדוט, שטענדיק, גלייך ווי ער וואָלט געוואַרט אויף מחותנים. גערופן האָט מען אים באַ אונדז כאַצקל טרעלבאַך. ווי קומט צו אים אַזאַ צונאָמען? — וועט איר פרעגן — קומט עס צוליב דעם, וואָס דער מענטש האָט נישט אַנדערש ליב געהאַט, אַז דאָס ווייב זאָל אים מאַכן אַ קוגל אין אַ קעלבערנעם מאָגן. און בכבודו ובעצמו האָט ער אויפגעגעסן דעם גאַנצן קוגל. נאָר עס האָט דאָך אים געקענט פאַרשאַטן פון אַזאַ מין אכילה. האָט ער אָנגעזאָגט זיין ווייב, אַז זי זאָל אים דעם קוגל מאַכן אויף גאַלע ריצנאייל. ער האָט עס מסביר געווען אַזוי:

— איך וויל, מיין ווייב, אַז די רפואה מיט דער מכה זאָלן קומען אינאיינעם.

דעריבער האָט מען אים גערופן כאַצקל טרעלבאַך. איז האָט דער דאָזיקער פאַרשוין געהאַט דריי זין. האָבן זיי זיך תחילת אַלע געשניטן אויף פערד־גנבים. דער טאַטע, אַפנים, האָט זיי אויף דעם דאָזיקן דרך געפירט; האָט אויפגעזעצט זיינע בנים אויף פערדלעך און אַוועקגעשיקט אין אַ פרעמד פעלד אַריין פאַשען.

לאָזט זיך אָבער אויס דוקא קאַפויר. אָבער ווי קאַפויר — אירט אייך חידושן, אַז איך וועל עס אייך דערציילן:

נעמט דער עלטערער, אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף, און אַנט־לויפט פון דער היים און מען ווייסט נישט וואוהין ער איז אַהינ־געקומען. גייט אַוועק אַ צייט און ער נעמט און קומט אַראָפּ מיט סמיכות אויף רבנות. אַביסל שפעטער נעמט און אַנטלויפט דער אַנדערער, אויך שוין אַ דרייצן־יאָריקער יינגל און מען ווייסט נישט וואוהין ער איז נעלם געוואָרן. גייען אַוועק יאָרן און ער קערט זיך אום אַהיים אַ דאָקטאָר. אפילו נאָך נישט קיין פולער דאָק־טאָר — נאָר שוין מיט מעשענע קנעפּ, מיט אַ בלויער היטל. מע האָט געשמועסט, אַז אָט, אָט — ווערט ער אַ דאָקטאָר. אין שטעטל איז מען צו אים געגאַנגען, ווייבער האָבן געבראַכט צו אים קראַנ־

קע קינדער און מע האָט געשמועסט, אַז ער האָט יעמאָלט פאַרשטאַנען מער פון אַ דאָקטאָר . . . ער איז טאַקע געוואָרן אַ פּראָפעסאָר, נישט קיין דאָקטאָר.

וועט איר דאָך פרעגן, וואָס איז געוואָרן מיטן ייִנגסטן, מיטן דריטן ?

אָט וועגן דעם דריטן וויל איך גאָרנישט זאָגן . . . וועגן דעם דריטן טראַכט איך מער ווי פון די צוויי ערשטע. און פון דעם טאַטן זייערן איז נישטאָ וואָס צו ריידן. אין צייט פון פּאָגראָמען האָט ער דאָך געוואָלט ווייזן, אַז ער איז כאַצקל און אַרויס אַנטקעגן די פּאָגראָמשטשיקעס דווקא אויף פערד, מיט אַ רידל אין האַנט... און זאָל עס אויסגיין צו די ווילדסטע פעלדער וואָס פון אים איז געוואָרן. ער איז דער ערשטער געפאַלן אינמיטן מאַרק. מע האָט אים פון פערד אַראָפּגעשלעפּט און דערשטאָכן ווי מען שטעכט אַ חזיר.

דעריבער, אַז איר פרעגט מיך, פאַרוואָס איך באַהאַלט די ציצית און האָב מורא זיי אַרויסצואווייזן, איז דאָס נישט צוליב דעם טאַקע, אַז דאָס פעלד זאָל זיך חלילה נישט אָנצינדן. די אייגענע מעשה: די אויגן קענען נישט זען מער וויפל פאַר זיי איז באַשערט צו זען. און דאָס מויל רעדט אויך נישט מער וויפל עס איז אָנגעוויזן געוואָרן צו ריידן.

מען קען נישט זאָגן, אַז זיי קריכן מיר אין די אויגן אַריין, די קאָמסאָמאָלן אין דאָרף. דאָס נישט. מיין אייניקל האָט פאַר מיר אָפּשיי. פונדעסטוועגן, אַז ער שטעלט זיך אַנידער פאַר אַן עדה יידן און באַווייזט מיט אותות ומופתים, אַז קיין גאָט איז נישטאָ און לאַכט אָפּ פון שבת און פון וואָס דען נישט ? מילא, ער לאַכט אָפּ פון ארץ־ישראל . . . נעם איך עס אָן פאַר גוט. האָבן דאָך די חכמים געזאָגט, אַז אין משיחס צייטן וועט די חוצפה אויסוואַקסן גאָר מי יודע, ממש אין די אויגן אַריין. און נאָך עפּעס האָבן די חכמים געזאָגט, אַז מיט דער צייט וועט ארץ־ישראל זיך פאַרשפּרייטן איבער גאָר דער וועלט. גלויב איך, אַז דאָ קען ווערן ארץ־ישראל... אַז ער רעדט פאַר אַן עדה יידן און לאַכט פון גאָט און אַן עדה יידן שווייגט, איז דאָך אודאי און אודאי ביטער און פינצטער.

ער קומט אַמאָל צו מיר און מאַכט צו מיר אַזוי :

— זיידע, פאַרוואָס קריגסטו זיך נישט מיט מיר ?

— און אַז איך וועל זיך מיט דיר קריגן, וועט אַ רעגן ארויס־פאַלן? וועלן די פעלדער געראָטן?

— אודאי — זאָגט ער — וועט אַ רעגן אַרויספאַלן און די פעל־דער וועלן געראָטן.

— ווייסט וואָס, מיין אייניקל — זאָג איך צו אים — זאָל נאָר אַ רעגן אַרויספאַלן, וועסטו זען, אַז אויף מיין פעלד און אויף דעם פעלד פון דיינע לייט וועט אויף איין אופן געראָטן. ווייל דער וואָס אין הימל פאַרבויגט אויף זיינס.

אַנומעלט האָב איך אים פאַרן אויער אַרויסגעשלעפּט פון בעט, באַנאַכט דרויסן און באַוויזן אים:

— זע, וואָס פאַר אַ הימל און ווי אַזוי די שטערן, אַלע, איע־דער אויף זיין אָרט.

עס איז טאַקע געווען אַרום האַלבן חודש, די לבנה האָט באַ־לויכטן ווי באַטאָג דעם גאַנצן דאָרף. האַלט איך אים באַם אויער און טענה צו אים:

— שייגעץ איינער, ווער האָט דאָס באַשאַפן? דיין לענין האָט עס באַשאַפן? איך האָב זיך פאַרכאַפּט, פאַרשטייט זיך. אויף אים רייד איך נישט קיין בייז. ער איז אודאי אין ליכטיקן גן־עדן . . . נאָר — זאָג איך צו אים און האַלט אים פאַרן אויער — די קאָמסאָמאָלן אייערע האָבן דאָס באַשאַפן, אַז איעדער שטערן זאָל וויסן זיין אָרט און וויסן זיין שפּאַצירגאַנג?

איר פאַרשטייט, צוליב וואָס האָב איך עס באַדאַרפט טאָן? מע האָט דאָך פון מיר חוזק געמאַכט. מע האָט מיר אונטערגעשיקט מיין אוראייניקל, אַ פּיאָנער, און ער נעמט אויף מאָרגן און טוט מיך אַ פרעג:

— זיידע, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג, טאָ פאַרוואָס האָט ער נאָך ביז איצטער קיין צייט נישט אַ קוק צו טאָן אין קרים און זען, פאַרוואָס די סוסליקעס עסן אויף אונדזערע באַשטאַנעס?

ענטפער איך אים:

— וועסט זאָגן דיין ברודער, אַז די וועלט האָט גאָט באַשאַפן און זי איבערגעגעבן דעם מענטשן, ער זאָל זי פירן. נו, איז אָך־און־וויי ווי ער פירט די וועלט . . .

האָט שוין דער קלײנער אויך שכל און, תוך כדי דבור, טוט ער מיך אַ פרעג:

— האָט חבר לעניִן שלעכט געפירט? ער האָט דאָך געהייסען געבן יידן ערד. און ער האָט געזען, אַז אַלע אָרימעלייט זאָלן האָבן אַ שטיקל ערד . . .

איר פאַרשטייט, ווי סע קומט צו לעניִנען, פאַרשטאָפּן זיי מיר דאָס מויל. דאָ ווייס איך אַליין נישט. דאָ בין איך בבחינת בלינ־דער מענטש און קען עס נישט תופס זיין. איך קען עס נישט משיג זיין, צי פון אַזויפיל רשעות קען אַרויסקומען אַ טובה. אמת, זיי זאָגן, אַז די רשעות האָט ער אָפּגעשטעלט; די רשעות האָט זיך אָנגעהייבן פון דער מלחמה און ווען נישט ער, לעניִן, ז״ל, וואָלט רוסלאַנד חרוב געוואָרן; פשוט און פּראָסט: איינער וואָלט דעם אַנדערן אַריינגערוקט אַ מעסער אין האַרצן. אפשר וואָלט נאָך איבערגעבליבן איין רוצח און נישט מער . . . אָט, אַז סע קומט צו דעם, בלייב איך שטיין. בלייב איך שטום; בלייב איך בלינד. זאָג איך, אַז אַ מענטשן איז געגעבן געוואָרן אַ פּאָר אויגן און אַ פּנים מער וויפל סע איז באַשערט די אויגן צו זען — קומט זיי שוין נישט אויס צו זען. אפשר זעען זיי און דער מוח איז נישט משיג דאָס געזעענע . . . און וואָס וועט זיי, די קאָמסאָמאָלן, אַרויסקו־מען, אַז איך צו דער עלטער זאָל ווערן אַ כופר בעיקר? וואָס? צוליב וואָס, פרעג איך, האָט מען זיך אָנגעזעצט דוקא אויף מיר, דעם בעל־שמונים? מע האָט שוין געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל זיך שעמען מיט די ציצית, טאָמער כאַפּן זיי זיך אַרויס אויף דרויסן. איך זאָג מיר מיינס, אַז גאָט—איז גאָט און זייער חבר לעניִן —איז זיך חבר לעניִן. וואָס האָט עס מיט דעם גאַנצן עניִן צו טאָן?

אַמאָל וואָלט איך געזאָגט, אַז צוליב זיי, צוליב די קאָמסאָ־מאָלן און צוליב די פּיאָנערן, איז די טריקעניש. די אומגערע־טעניש. אַ סך זאָגן דאָס נאָך איצטער אויך. ווארום הלמאי האָט מען גענומען און אַריינגעבראַכט אַ חזיר אין דאָרף אַריין? אַ חזיר ממש ווי אין פּסוק שטייט. נו, פאַרשטייט איר דאָך, ווי ס׳איז געוואָרן אויפן האַרצן. איר האָט אַזעלכעס געזען אויף דער וועלט, אַז אין אַ יידישן דאָרף, יידיש טאַקע מרחם ומלידה — נעמט מען און מען ברענגט אַראָפּ אַ חזיר, טפו זאָל עס ווערן! . . . וועט

איר פרעגן, וואָס מיט אים איז געוואָרן? מע האָט אים געפּטרט . . . ווי אַזוי? מע האָט פּשוט און פּראָסט געזאָגט תהילים אין דער שטיל . . . איך און נאָך אַ פּאָר פרומע יידן האָבן געזאָגט אַזוי לאַנג תהילים, ביז דער חזיר איז אַוועקגעפאַלן. אויפגעשטאַנען איג־דערפרי — ער ליגט אויסגעצויגן אין סאַמע מיטן דאָרף! די קאָמ־סאָמאָלן האָבן געטנהט, אַז מע האָט אים אַוועקגעסמט און האָבן דערפון געוואָלט מאַכן אַ דיעלע און געוואָלט דוקא אויפזוכן דעם בעל־דבר. אַז מען איז געקומען צו מיר, האָב איך זיי אָנגעוויזן מיטן מיטלסטן פינגער צום הימל. האָבן זיי אויסגעגלאָצט די אויגן, די קאָמסאָמאָלן טאַקע, און געפרעגט, וואָס איך בין מכוון מיט דעם? האָב איך געזאָגט, אַז טענות זאָל מען האָבן צו אים, צום רבונו־של־עולם; ער האָט עס געטאָן. ער קען נישט פאַרטראָגן, אַז אין אַ יידישן דאָרף זאָל זיין אַ חזיר . . . דערוויייל האַלט עס דערביי, אַז אין יידישן דאָרף זאָל קיין חזיר נישט זיין. נאָר בכלל איז דאָך שוין אָך־און־ווי, אַז מען באַדאַרף וועגן דעם ריידן. און ריידן טאָר מען נישט אין דער הויך. חס־וחלילה. איצטער, אַז אַ טאַטע איז קיין טאַטע נישט — איז אַ פּשיטא שוין, אַז אַ זיידע איז קיין זיידע נישט. מען לאָזט ווי עס איז זשיפּען. איך טו מיר מיינס — זאָלן זיי טאָן זייערס. איך גיי מיר אַרויס אין פעלד באַגינען און זאָג מיר אָפּ אין דער שטיל אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים. שאַטן, שאַדט עס נישט. זיי וועט אודאי דערפון דער קאָפּ ניט ווי טאָן.

נאָר וואָס קען מען טאָן? אַ צייט אַזאַ, דעריבער האָב איך אייך דערציילט פון כאַצקל טרעלבאָך און זיינע דריי זין, אַז מען ווייסט נישט וואָס פון וועמען קען אַרויסקומען. די אַלע יונגוואַרג ווי זיי הייסן דאָרטן, די קאָמסאָמאָלן, די פּיאָנערן, זענען דאָך טאַקע יוצאי ירך, פון אייגענער מאַמעס בויך אַרויסגעקומען. איז עס דאָך אַליין אַ חידוש: אַרויס פון מאַמעס בויך און שוין אויפן הויכן קול; — „עס איז קיין גאָט נישטאָ אויף דער וועלט!" . . . און פון דער אַנדערער זייט דערלאָזן זיי טאַקע נישט, אַז מען זאָל ווידער אָנטאָן נגישות יידן. זיי דערלאָזן נישט. גאָר אַן אַנדער דור. און יוצאי ירך. טאַקע ווי בא כאַצקל טרעלבאָך . . . עס איז אַ סוד. שווייגן באַדאַרף מען. און אַז די ציצית קריכן אַרויס פון די הויזן — באַדאַרף מען זיי באַהאַלטן . . . כע־כע־־כע — ווארום עס קען זיך טאַקע חלילה דאָס פעלד אָנצינדן . . .

אַ ייד בלייבט אַ ייד

— אַי, האָט עס געטיאָכקעט אין האַרצן, ווען מ׳איז געוואָרן אַ קאַנאַדער ציטיזן! איר פרעגט פאַרוואָס? כע־כע־כע . . . אַ ייד בלייבט אַ ייד. אָט אַזוי טוט זיך עס ווי ס׳רעדט זיך; געקומען, אַ קוק געטאָן און איינגענומען; ס׳הייסט — איינגענומען קאַנאַדע? אַ ציטיזן געוואָרן, כע־כע־כע?

אודאי בין איך שוין אַ קאַנאַדער ציטיזן גאַנצע אַכט יאָר, מעלד איך אייך. מ׳זאָגט אפילו, אַז דער ענגלישער מלך האָט אויף מיר אַ שטיקל דעה, אָבער צו ניקאָלאַיקען, ימח שמו, קומט דאָך עס נישט. באַ מיר גייט עס נישט אַזוי גרינג. פאַרשטייט איר מיר, כ׳בין אין מיין פאָדאָלער שטעטל נישט געווען קיין ציטיזן. ניקאָלאַיקע האָט געזאָגט, אַז אַ ייד איז נאָר געשמאַק אַ געפרעגלטער; ס׳הייסט, מ׳האַלט אים אויף אַ סקאָווראָדע, אונטן אַ פייער, און מ׳לאָזט אים נישט אַנטלויפן, כע־כע־כע. נו, האָב איך אים, ניקאָלאַיקען געהאַט טיף אין דער אדמה. האָב איך אים באַוויזן, אַז פייער צו פייער איז נישט גלייך. ס׳פייער וואָס זאָל דעם יידן אינגאַנצן פאַרברענען, האָט גאָר דער וואָס אין הימל אין די ששת ימי בראשית נישט באַשאַפן. דו ווילסט מיך ברענען, און איך ווער גאָר גענעזן. צאַמסט מיך אַרום מיט אַ זאַקאָן, וואָס הייסט: זשיד, ניע ריפּאיסא, זיץ דיר אויף דיין פלאַץ . . . כע־כע־כע, פון דעם איז דעם יידן אַ טובה אַרויסגעקומען.

וואָס מיינט איר, כ׳בעט אייך איבער אייער כבוד, אַן אומגליק אין ענגשאַפט? און אַז וואַנצן און פליי און פרייסן האָבן זיך אונטער דיר געפלאָדזשעט — האָט זיך געקערט די וועלט? קוקסט מיך אָן, כ׳האָב יונגערהייט געקענט איבערדזשוויגען בערג, האָב געשמט מיט מיינע כוחות. ברוך השם דאָ איז מען געוואָרן אַ טראַבטע. וויל איך זאָגן, אַז דער ייד איז געווען אַ ייד און טאַקע אָנגעלייגט אַ דעם וואָס אין הימל, ווען ער איז אין ראָסיי נישט געווען קיין ציטיזן. כ׳זאָג מיר מיינס — אין ענגשאַפט, אַבי אין ליבשאַפט. אין ענגשאַפט, אַבי גאָט דער פאָטער האָט אויף דיר אַן אויג. שיקט דיר חיונה אין צייט. איז טאַקע פורים געווען אַ וואַשנער

יום־טוב. מ׳האָט זיך אויסגעלאַכט פון המנען, און געמיינט האָט מען ניקאָלאַיקען. דאָס האָט זיך נאָר אַ ייד געקענט פאַרגינען.

איר פאַרשטייט, ווען נישט די מלחמה, און נישט די רעוואָלוציע, און איר ווייסט וואָס כ׳וועל אייך זאָגן, קיינער זאָל נישט הערן — ווען נישט די באַנען און די שיפן, איז וואָס, אַז מ׳זיצט אויף אַן אָרט? אפילו אַ שטייך, אַז מ׳רירט אים נישט, קומט אים צו וואָג. אַ פשיטא שוין — אַ לעבעדיקער מענטש! אַ פשיטא שוין אַ ייד, וואָס אים האָט מען דאָך געבענטשט מיטן „וידגו לרוב״, ווי דער רבי האָט געטייטשט: — איר זאָלט זיך פּישלען ווי די פיש אין וואַסער״. איז כאָטשבע ניקאָלאַיקע האָט נישט געוואָלט — האָט מען זיך געפּישלט.

נו, זענען געקומען די באַנען מיט די שיפן, מיט די מלחמות, מיט די רעוואָלוציעס און מ׳האָט די סקאָווראָדע איבערגעקערט. ס׳פייער אויסגעלאָשן. איר לאַכט? צוליב וואָס בענקען נאָכן פייער? אַי, איר זאָלט עס נישט וויסן, אַז אַ ייד, אויב מ׳ברענט אים נישט — איז ער גאָר קיין ייד נישט! ווי נאָר אַרויס פון בראָט־פענדל — איז אויס . . . דאָס רעד איך מכוח דעם וואָס מיר איז נישט גאָר ניחא געווען צו ווערן אַ גאַנצער יאַטיבעדאַם איבער קאַנאַדע.

פרעגט בעסער ווי קום איך קיין קאַנאַדע? פאַרוואָס בין איך נישט געבליבן שטעקן ערגעץ אויף יענער זייט ים? איז ווייטער די אייגענע מעשה: אַ ייד בלייבט אַ ייד. אַז די קינדער האָט דער ווינט אַהער פאַרטראָגן; און אַז קינדער האָבן דעם טאַטן נישט פאַרגעסן, דייקע געטאָן אים אַ טובה און פאַרבעטן אַהער, וואָס האָב איך געקענט טאָן, עקשנען זיך? בפרט, זיי האָבן מיר געשריבן, אַז קאַנאַדע מיט אירע וועטערן איז אַ סאַמאַראָדנע ראַסיי: טאַקע די אייגענע וועלדער און די אייגענע זומערן; די אייגענע זאַווערוכעס און די אייגענע ווינטערס. אפילו די אייגענע שליטנס, האָבן זיי מיר געשריבן. אין קאַנאַדע, האָבן זיי מיר געשריבן, איז אַ גרויסע רחבות; דער מענטש ווייסט נישט וואו זיך אַהינצוטאָן. מזרח, מערב, צפון, דרום, עפן די אויגן, קוק, קער זיך און ווענד וואו דיין האַרץ גלוסט — קיינער פאַרשטעלט דיר נישט דעם וועג.

נו, איז מען דאָך אַ ייד. ס׳הייסט — עפן די אויגן, קוק וואו דיין האַרץ באַגערט; האָסט פּראַוו צו גיין און טאָן וואָס דיין

האַרץ גלוסט . . . קען עס טאַקע אַ ייד? בין איך געקומען און טאַקע דערזען, אַז יידעלעך טוליען זיך און קלעפּן זיך איינס צום אַנדערן — באשר בכן די רחבות אַרום איז אין לשער. די רחבות איז אַזוי גרויס — מיטן אייזנבאַן נישט אויסצופאָרן. מ׳דאַרף נאָך אַ צולאָג פערד־און־וואָגן; און אַביסעלע ווייטער — אַרויס פון וואָגן און אַריין אין אַ שליטן. און שפּעטער — דאַרפן אויסשפּאַנען די פערד און איינשפּאַנען הינט. איר הערט אַ רחבות, ביזן סאַמאַראַדנעם צפון!

צוליב וואָס דאַרף עס האָבן אַ מענטש אַזויפיל רחבות? און בפרט אַ ייד וואָס איז געזעסן פאַרשפּאַרט אין דער טשערטאַ, ווי מ׳האָט עס באַ אונדז גערופן . . . וואָס מיינט איר, ס׳הינדעלע, אַז סע פּיקט זיך אַרויס פון דער ענגער איי, דערשרעקט זיך עס פאַר דער רחבות, איילט זיך עס צו באַהאַלטן באַ דער מאַמע־הון אונטער די פליגל. אַזוי איז עס טאַקע מיט מיר אַליין. כ׳מאַל מיר אויס, אַז היטלער, ימח שמו, וואָס האָט גענומען און געזאָגט צו די דייטשע יידעלעך, וואָס האָבן פריי אומגעשוואומען ווי פישעלעך אין גרויסן ים, גענומען און געזאָגט צו זיי: — גענוג אייך רחבות! מהיום והלאה וועט איר זיך מוחל זיין טוליען איינס צום אַנדערן; פון הייַנט אָן און ווייטער וועט איר דאַרפן לעבן ווי אין די אַמאָליקע צייטן אויף אַ סקאָווראָדע און אונטער איר אַ פייער . . . ווער ווייסט, אפשר אינדערשטיל אַ יישר כוח. איינקלייניקייט, צוריק צום אייגענעם שורש!

און אַז איר פרעגט מיר, צי בין איך צופרידן וואָס כ׳קען מיר שפּירן מעשה באַלעבאָס אין קאַנאַדע? ענטפער איך: — וואָס צופיל איז אומגעזונט. איך האָב קאַנאַדע נישט געמאָסטן. נאָר מ׳שמועסט, אַז ס׳איז לאַנג פון ים ביז ים. און ברייט — די ברייט איז ממש נישט אויסצומעסטן. מחמת פון ים ביז ים גייט די אייזנבאַן. און די ברייט — זי ציט זיך ביזן אייביקן ווינטער אַריין. גיי נעם און זאָג, אַז דו ביסט דאָ באַלעבאָס אין אַזאַ לאַנד. גיי נעם און זאָג אַרויס: „מיין לאַנד . . . אין מיין לאַנד האָבן מענטשן פאַלנע סוואָבאָדע. אין מיין לאַנד קלייבט דאָס פאָלק אויס זיינע רעדלפירער. אין מיין לאַנד, אַז אַ ייד וויל קויפן אַ אימעניע, קויפט ער. אַז ער וויל זיין זון, צי זיין טאָכטער שיקן זיך לערנען אויף

דאָקטאָר, צי אויף אַדוואָקאַט — קען ער נעמען און שיקן. ס׳הייסט, אַלץ וואָס אַ ייד וויל טאָן, קען ער. כע־כע־כע . . . גיי נעם און טו וואָס דו ווילסט. האַקט מיך, בראָקט מיך, רופט מיך שוטה, הלמאי כ׳בין אַזוי . . . אָבער אַ ייד בין איך נאָך פאָרט. אַז כ׳וויל, זאָג איך מיר: בן אדם, זיי וויסן, אַז אַ ייד ביסטו, און אַזוי וועסטו בלייבן. אַי ווי גוט און וואויל ס׳איז אין הארצן, ווען דו ווייסט, אַז אפילו דאָ ביסטו דאָס וואָס געווען. און אַ ייד, אַז ער דאַוונט נאָך, נעמט ער און טוט אַ זאָג: — ולירושלים עירך ברחמים תשוב . . . איר באַנעמט, וואָס כ׳מיין?

ט׳איר פרעגן הלמאי ארץ ישראל? הלמאי שלאָגן זיך יידן פון די כחות אַרויס, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן זייערס? נו, שמועסט מען דאָך, אַז אין ארץ ישראל, אויב אַ ייד לאָזט זיך אַרויס איבערפרי פון ירושלים — שפּאַרט ער אָן צו פאַרנאַכט־צו באַם סאַמע ברעג פון ארץ ישראל. דאָס פאַרשטיי איך. אויב יידעלעך וועלן זיך דאָרטן שטאַרק פּישלען, ס׳הייסט זיך פאַרמערן — וועט זיי זיין וואָרים און נאָענט; ווי באַ דער הון אונטער די פּוכיקע פליגל... און דאָס — וואָס מער מענטשן — אַלץ מער רחבות; און וואָס מער רחבות — אַלץ שטאַרקער בלאָזט דער צפון־ווינט און דערמאָנט: שוטה איינער, הייב אויף דיינע אויגן, קוק און זע וויפל סע באַלאַנגט צו דיר!

כע־כע־כע . . . אַט כאַפּט זיך באַ מיר אַרויס נישט ווילנדיק, אַז דאָס רחבותדיקע לאַנד באַלאַנגט צו מיר. כ׳וויס עס. נו, בין איך אַ ייד און ס׳טיאָכקעט אין האַרצן. ווען מיין עלטערער זון נעמט און טוט זיך אַ זאָג: אַ חרפה און אַ שאַנד . . . ווען וועסטו שוין דערשפּירן, אַז אין אַן אייגן לאַנד ביסטו געקומען צו לעבן? ס׳הייסט, פּלוני בן פּלוני, פאַדער דיר דאָ דיינע פּראַוועס, כע־כע־כע. ס׳הייסט, פאָדערן פּראַוועס צו קענען זאָגן — קאַנאַדע, די יידישע היים . . . אַט זאָג איך עס איצטער און ס׳קלאַפּט מיר מיין האַרץ. זאָלט איר מיר מוחל זיין, אַז אַ טרער גנבעט זיך אַרויס סיי פאַר פרייד און סיי פאַר פּחד. וואָרן, צוליב וואָס דאַרף איך אַזאַ גרויס לאַנד? וואָס צופיל איז אומגעזונט, האָט מיין מאַמע געזאָגט. וואָס צופיל איז אומגעזונט, זאָג איך אויך.

איר קוקט מיך אָן און קוועטשט מיט די פּלייצעס: היתכן!

סטייטש . . . ווי איז דאָס אַ ייד אַזוי נאַריש ? נו, מ׳איז אויסגע־
פּרואווט. מ׳איז אויסגערעכנט. שאַדט נישט, אַז אַ ייד טראַכט אי־
בער מאַלע וואָס. אפשר נעמסטו טאַקע דאָס, וואָס דיר קומט עס
נישט. מיינע קינדער מאַכן חוזק פון מיר. לעולם תקח תקח, טענהן
זיי. מ׳גיט דיר קאַנאַדע — נעם און זאָג אַ דאַנק. מאַלע וואָס דו האָסט
מורא — באשר דער פחד שטעקט אין דיר פון קדמונים אָן !

זאָל גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד. אפשר איז עס אַ נאַריש־
קייט. מסתמא פילט אַ פאַרמשפטער, ווען ער איז שוין אָפּגעזעסן
שיעור נישט זיין גאַנץ לעבן אין תפיסה, נעמט מען און מ׳לאָזט
אים אַרויס אויף דער פריי — קוקט ער אפשר אויך אויף קריק . . .
אַזאַ רחבות ! זיין האַרץ טיאָכקעט, טיאָכקעט . . .

וואָס קומט אַרויס ? אַ ייד בלייבט אַ ייד . . .

אויסגעפּאַטשט

(מאָנאָלאָג פון אַ געוועזענעם פּאָליסמאַן)

— יעס סיר! זעכצן יאָר האָב איך אין דער זייטיקער קעשענע געטראָגן דעם הינטישן ביין, דעם רעוואָלווער, און אַלע ווײַלע געטאַפּט דאָס צינגל, געטראַכט, אָט באַלד וועט מען באַדאַרפן אין אימיצן אַרײַנפּײַערן. זעכצן יאָר געגלעט דעם קלאָב, וואָס איז מיר כלומרשט ווי אַ צירונג געהאַנגען באַם רימען אויפן קנעפּל פון מונדיר, און אויסגעקוקט אויף אַ קאָפּ — אַ שפּאַלט צו טאָן . . . זעכצן יאָר געגלעט דעם היטער פון גערעכטיקייט, ביז איך האָב אַ שפּײַ געטאָן און געזאָגט: גאַד דעם איט!

יעס, סיר, גאַד דעם איט . . . דאָס איז נישט גענוג, וואָרן אַ מענטש בין איך געווען און געבליבן, כאָטש אַ זעקס פוס און צוויי אינטשעס די הויך, אָבער פון מײַנע צוויי הונדערט און צוועלף פונטלעך זענען נישט מער פאַרבליבן ווי הונדערט זעקס און זיבעציק. זעקס און דרײַסיק פונטלעך זענען אויסגערונען, ווי אַ מויז צו גריזשען; געגריזשעט און געטרילערט אין מיר: — היי, פּאַר וועמען האַלטסטו דעם הינטישן ביין, דעם רעוואָלווער? וועמען קלײַבסטו זיך שיסן, אַזאַ צדיק אין פּעלץ ווי דו? אויף וועמעס קאָפּ קלײַבסטו זיך אַראָפּלאָזן דעם קלאָב, אויף אַזאַ פּאַסקודניאַק ווי דו?

גאָד דעם איט . . . ווי דען זעען דיר אויס די מענטשן אין די גאַסן, אַז פון אינדערפרי ביז באַנאַכט גלאָצסטו אויף זיי מיט די אויגן, זוכסט אײנעם פון זיי אַ פּאַק טאָן פּאַרן קאַרק, און אַ זאָג טאָן אים: — יעס סיר, מער וועסטו זיך פון מיר נישט אַרויסדרייען! באַנדיט דו אײנער! . . . נו, אַז טעג נאָך טעג, נעכט נאָך נעכט קריכן אַוועק און שלעפּן פּאַר דײַנע אויגן מענטשן אין די מיליאָנען אפשר; די אויגן ווערן דיר פאַרגלייזט ווי בײַ אַ שעפּס, אַז מען קוקט נאָך אַזויפיל די מענטשן; אַז מען זוכט אַזויפיל! פּאַקסטו נאָך אַ מאַן, וואָס איז ווערט מען זאָל אים אַ שפּאַלט טאָן דעם שאַרבן, איז נאָך ווי עס איז. אָבער, אַז דו פּאַקסט אַ הינטישע טאָכטער נאָך האַלבע נאַכט, וואָס איז ווערט מען זאָל זי אין אַן אָפּענעם רינשטאָק אַראָפּלאָזן — גאַד דעם איט . . . יאָ, פון דעם האָט זיך עס אָנגעהויבן. טאַקע אַ הינטישע טאָכטער, אַ הור, זי האָט מיך די ערשטע אויסגעפּאַטשט . . יעס, סיר, ווי איך דערצייל דיר!

געוועזן איז דאָס, אַזוי אין ווינטער אַריין, ווען די נעכט זענען אין ניו־יאָרק לאַנגע און פרעכע, די נעכט קריכן דיר אין די געדערים אַריין און כאַטש פראָהיבישאָן — גלוסט זיך דוקא אַ טראָפּעלע, וואָס זאָל דערוואַרימען דעם זינען פון אַזאַ פאַרשאָלטענעם לעבן. און נאָך אַזאַ פיין טראָפּעלע אין אַ הייזל אַרום דער . . . איך געדענקט שוין אַליין נישט אויף וואָס פאַר אַ גאַס דאָס איז געוועזן — קומט מיר אָן אַנטקעגן אַ הינטישע טאָכטער, אַ סאַמאַראָדנע הור, און פאַרפאַרט מיר אין באַק אַריין.

עד, האָט עס מיך אַ ברי געטאָן! גאָד דעם איט, נישט דער רעוואָלווער, און נישט דער קלאָב האָבן דאָ געטויגט. אַז אַ הור פאַרפאַרט דיר אין באַק אַריין אַ שעה נאָך האַלבער נאַכט — וואָס טוסטו יעמאָלט? באַדאַרפט האָב איך זי אַ נעם טאָן און פירן אַהין, וואו זי באַלאַנגט . . . נעמט זי אָבער אַפריער, נאָך איידער איך האָב באַטראַכט וואָס צו טאָן, נעמט זי און טוט מיר אַ לאַך אין צורה אַריין: האַ, הינטישער זון מיינער, האָסט גאָר פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ פּאָליסמאַן? האָסט פאַרגעסן גאָר, אַז דו היטסט אָפּ די אָרדענונג אין ניו־יאָרק? טאָ נאַ דיר נאָך איינעם אויף דער אַנדערער זייט, וועסטו זיך דערמאָנען . . . און זי טוט מיר ווידער אַ פּלעם אין צורה אַריין, און פריטשמעלעט מיך גאָר איינגאַנצן!

יעס סיר, זי האָט מיך פריטשמעלעט. וואו דיר רעוואָלווער, וואו דיר קלאָב! וואו דיר פּאָליציי און וואו דיר פּאָליסמאַן . . . מיטן צווייטן כמאַליע מיר אין צורה אַריין, האָט זי מיך גאָר דערוואַרימט און צעגומען, אַזש אַ וואַרים רעגעלע האָט אינעווייניק אין לייב געגומען טריפן, ממש געטריפט אויפן האַרצן. — פאַרוואָס פּאַטשסטו מיך, הינטישע טאָכטער? — מאַך איך צו איר — זעסט נישט, אַז דו פּאַטשט אַ פּאָליסמאַן?! איך קען נעמען פאַרן קאָרק און דיך אַוועקפירן; וואָס מיינסטו, איך האָב נישט די הענטשלעסער, הינטישע טאָכטער דו!

קייכט זי מיר אין פּנים אַריין, און זאָגט: — וועסט עס נישט טאָן. איצטער ביסטו נישט קיין פּאָליסמאַן. איצטער, הינטישער זון מיינער, ביסטו מענטש! אַ פּאָליסמאַנישן פּרצוף וואָלט איך מיר געמיאוסט צו פּאַטשן, אים וואָלט איך אין צורה אַריין אַנגעשפּיגן. דיר האָב איך עס נישט געטאָן, דו ביסט מיר געפעלן . . . דיר

פֿאַסט נישט די יוניפֿאָרם דײַנע מיט די בלישטשענדיקע קנעפּ, דיר פֿאַסט נישט דער קלאָב און דער רעוואָלווער; דיר פֿאַסט, זאָלסט מיך פֿאַרנעמען צו זיך אַהיים, זאָלסט פֿון זיך די פּאָליצייאישע פּעל, אָט די יוניפֿאָרם אַראָפּשלײדערן, און איך זאָל . . . וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט אויף מיר די אויגן אַזוי? גלייבסט נישט, אַז צוליבן הונגער טוט זיך אַ מיידל אויס נאַקעט, און נישט צוליבן מאַן? ווי צוליב דעם פֿאַרשאָלטענעם ברויט פֿאַנצערסטו זיך אָן אין אַ וועלפֿישער פּעל, אין אַ יוניפֿאָרם, מיט אַ רעוואָלווער און קלאָב!

גאָד דעם איט! . . . אַ צינגעלע האָט זי געהאַט אַ גיפֿטיקס, אָבער אַן אמתדיקס. אַ שטיקל לשון האָט זי מיר אַנידערגעלייגט, און איך האָב גאָר אײַנגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז דאָס פּנים פֿלאַמט צוליב דעם, וואָס זי האָט מיר פֿאַרפֿאָרן אין צורה אַריין. האָב געשפּירט, אַז דאָס פֿלאַמען מיר די באַקן צוליב איר שאַרף צינגל, וואָס האָט מיך דורכגעלעכערט ווי מיט אַן אָנגעגליטן עקבער.

— וואָס זשע ווילסטו פֿון מיר — פֿרעג איך זי — איך זאָל דיך נעמען אַהיים, און מיר דיר זיך אויסשלאָפֿן? איך האָב אינדערהיים אַ ווײַב מיט צוויי קינדער, איך קען דיך צו זיך אַהיים נישט נעמען. נאָר אויב דו האָסט נישט וואו צו נעכטיקן, קען איך דיר געבן . . .

יעס סיר, איך האָב אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען אַ דאָלער, און זאָג: — נאַ, הינטישע טאָכטער, נעם דיר דעם דאָלער, בייס צו פֿאַר אַ העלפֿט, און פֿאַר דער אַנדערער העלפֿט קריג דיר אַ נאַכטלעגער. און וויס, זאָג איך צו איר נאָך אַמאָל, פֿאַר אַ פּאָליסמאַן זאָלסטו זיך ווײַטער היטן!

גאָד דעם איט, מיינסטו זי האָט באַ מיר גענומען דעם דאָלער? די הינטישע טאָכטער האָט מיך געלאָזן שטיין ווי אַ גלאָמפּ, האָט זיך אויסגעדרייט, אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, און מיר צוגעוואָרפֿן אַזוי גיפֿטיק ווי נאָר זי האָט געקענט: — איך האָב באַ דיר פֿאַרדינט דעם דאָלער פֿאַר די צוויי פּעטש, וואָס איך האָב דיר געגעבן, פּונקט ווי דו פֿאַרדינסט פֿאַר דײַן טראָגן אַ רעוואָלווער אין קעשענע און דעם קלאָב אויפֿן קנעפּל; איך שענק דעם דאָלער פֿאַר דײַן ווײַב און דײַנע צוויי קינדער! איך בין אויך אַ מענטש, דו יאָלד אײנער!

גאָד דעם איט! איך האָב זי נאָכגעקוקט, געטראַכט, אַ מכשפה איז דאָס געווען; וואָרן, אַ הינטישע טאָכטער, אַ הור, רעדט נישט אַזוי. אַזאַ איינע, ווען זי הויבט אויף איר האַנט אַנטקעגן מיין פּנים, וואָלט איך איר די האַנטשלעסער אַנגעטאָן! נאָר וואָס האָט זי גע־מיינט מיט דעם וואָס זי האָט אַ זאָג געטאָן: — דו ביסט נישט קיין פּאָליסמאַן, אַ מענטש ביסטו, און קיין פּאָליסמאַן וואָלט מיר נישט אָנגעשטאָנען אויסצופּאַטשן? האַ, ווען זי חנדלט זיך צו מיר, ווי די הינטישע טעכטער טוען עס, ווען עס לוינט זיי, האַ, יעמאָלט וואָלט איך זי פּאַרפירט אויף איבערנאַכט אַהין וואו זי באַלאַנגט. אָבער זי האָט מיר פּאַרפּאָרן אין באַק אַריין, דערומעך גאָר האָט זי מיר דאָס האַרץ ווי מיט אַ וואָרימען רעגן אָפּגעגאָסן. און, גאָד דעם איט, זינט יענע צוויי פּעטש איז מיר שוין מער נישט געגאַנ־גען. בין איך שוין אַליין איבער מיינע אייגענע פיס געפאַלן. כאָטש איך האָב שוין דוקא צו זיך אַליין אַריינגעטענהט, אַז איך בין אַ פּאָ־ליסמאַן, אַז איך דאַרף האַלטן אָרדענונג אין אַ פאַרפּלייצטער שטאָט מיט זשוליקעס, וואָס נאָר צו כאַפּן באַדאַרף מען זיי.

יעס סיר, זשוליקעס פּאַרמאָגט ניו־יאָרק ווי קאָקרעטשעס אין אַלע לעכער! מיאוס אויסצושטעקן אַ האַנט, אַ נעם טאָן איינעם, ווי שטאָט פּאַרלאַנגט עס פון דיר. גאָד דעם איט! ווי קען מען אפילו דעם קאקרעטש אויסרויכערן, אַז אַרום יוניאָן־סקוועד האָבן זיך גאָר די רויטע פּאַרלייגט אומאָרדענונג צו מאַכן; און ווייסט אַליין נישט, צי דאָס זענען מענטשן, וואָס גראָבן אויף דעם יושר פּאַר די הונגעריקע, ווילן מאַכן, אַז די גבירים זאָלן זיי אויסהערן און אויסקערן די קעשענעס פּאַר אַלע קבצנים. אַז מע הערט זייערע רויטע רעדעס, קלערט מען אַמאָל איבער, אַז דידאָזיקע לייט ברע־דזשען נישט פון היץ, אַ טאָלק איז פּאַראַן אין זייערע רייד. מער נישט, וואָס סע גלויבט זיך נישט, ווי אַזוי מען זאָל דאָס ביסל קעש באַ די וואָלסטריט מייז אַרויסגראָבן, און גלייך צווישן אַלעמען איינצוטיילן. און איך זאָג, אַז זייערע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן; קיינער וועט די קעשענעס נישט אויסקערן; און ווען אפילו יאָ, אַז סע וועט קומען צום טיילן — וועט ערשט אַרויסקומען די אמתע באטאליע, אַז קיין פּאָליסלייט וועלן נישט סטאַיען די צעיושעטע אַפּעטיטן איינצוהאַמעווען.

אָבער, גאָד דעם איט; זייערע רעדעס האָב איך ליב אונטער־צוהערן . . . איך שטיי, היט די אָרדענונג, אָבער די אויערן זענען אָפן; הערט מען, אַז מען וויל. כאָטש איך האַלט דעם הינטישן ביין, דעם רעוואָלווער באַם צינגל, בין גרייט צו שיסן טאָמער . . . אָבער אין האַרצן איז פאַראַן אַ וואַרים נעסטל פאַר זייערע רייד; ווי האָט זי געזאָגט, די הינטישע טאָכטער? אַ מענטש ביסטו, נישט קיין פּאָליסמאַן! זי האָט עס דערשמעקט! . . .

גאָד דעם איט, יענעם ערשטן מאַי וועל איך נישט פאַרגעסן . . . שוין עטלעכע יאָר אַוועק, און אַלץ שטייט נאָך פאַר מיינע אויגן. נאָך איצטער זע איך ווי די דעמאָנסטראַנטן קומען אָן פון אַלע גאַסן אַרום, קומען אָן מיט זייערע פאָנען און פּלאַקאַטן, קומען מיט געזאַנג און מיט פאַררייסענע קעפּ . . . גיי, האַלט אָרדענונג — אַז דאָס איז גאָר אַ שפּאָגל נייע אומאָרדענונג, וואָס איז אַזוי פול מיט אָרדענונג! . . . איך קוק, גאַף, און עס פלאַמט מיר מיין פּרצוף. אירע רייד זשומען מיר איןביידע אויערן: — דו, הינטישער זון, ביסט נישט קיין פּאָליסמאַן, אַ מענטש ביסטו . . . אירע רייד „טיזען״ מיר אַזוי, מיר דוכט זיך, אָט־אָט, וועט זיך דער ברוק אונטער מיינע פיס איינברעכן, און איך וועל אַראָפּזינקען צו אַלדי רוחות אין העל אַריין!

מיטאַמאָל, ערגעץ אַרום מיר אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער! און באַלד — אַ גאַלאָפּ פון רייט־פּאָליס, וואָס שניידט זיך אַריין אין דער מענטשן־געדיכטעניש . . . איך הער אַ קאָמאַנדע, מען זאָל אויפ־הויבן די קלאָבס און שפּאַלטן קעפּ! גאָד דעם איט! איצטער איז די צייט — טו איך אַ קלער — זיי דאָס וואָס דו ביסט! אַ פּאָליס־מאַן ביסטו; ווער נישט איינער פון די טויזנטער, איינער פון די מיליאָנען, אויף וועמען מען באַדאַרף אָן אויג האַלטן, ער זאָל נישט אָפּטאָן אַ פּאַסקודנע שטיקל אַרבעט . . . פּע, אָך־און־וויי צו דיר וועט זיין — זאָג איך מיר — וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר גלוסט זיך דיר צו ווערן אַ מענטש מיט אַלעמען אין גאַס, אַז דער פּאָליסמאַן זאָל דיך כסדר באַקוקן, ביז ער וועט דיך סוף־כל־סוף אַ פּאַק טאָן, און אָנטאָן האַנטשלעסער?!

גאָד דעם איט — זאָג איך צו מיר אַליין — אַ פּאָליסמאַן ביסטו,

גיב אַ פֿאַרמעסט מיטן קלאָב און טרעף וואו דו באַדאַרפֿט טרעפֿן! לאָז אים אַראָפּ אויפֿן נאַקן טיכטיק און שווער, נאָר דערהרגע נישט... פֿאַרגליוזשע זיי, זאָלן מער נישט קומען אַהער צו דעמדאָזיקן סקווער די נאַרישקייטן אַרויסצובאַלבען. און ווי איך הויב אויף מיין קלאָב צו דערלאַנגען — קריג איך גאָר פֿלוצלינג אַ פּלעם מיט אַ שווע־רער זאַך הינטערן אויער! בין אַנידערגעפֿאַלן ווי אַן אונטערגע־האַקטער בוים. כ׳האָב נאָר געהערט ווי מע האָט מיר אין אויער אַריינגערעדט: — איצטער ווייס, אַז דו ביסט אויך אַ מענטש, און נישט קיין הינטישער פֿאַליסמאַן . . . איצטער ווייס, אַז אויף דיי־נעם אַ ברודער וואָס הונגערט האָסטו דיין קלאָב אויפֿגעהויבן!

גאָד דעם איט! פֿאַר אַ דאָפּלטן אינוואַליד האָבן זיי מיך גע־מאַכט. בין פֿון קלאַפּ טויב געוואָרן אויפֿן רעכטן אויער; דער־פֿילט, אַז איך בין נישט מער קיין פֿאַליסמאַן, און זעקס און דריי־סיק פֿונטלעך אָנגעוואָרן אויף אייביק. און איצטער, ווען סע פֿאַלן אויף מיר אַמאָל די בליקן פֿון אַ פֿאַליסמאַן — ווייס איך ווי שווער ס׳איז צו זיין אַ מענטש. איך טראַכט נאָר: וואו נעם איך דעם טריפֿהנעם כוח פֿון יענער הינטישער טאַכטער, וואָס האָט מיר אויס־געפּאַטשט די צורה, איך זאָל איצטער אַליין קענען צוגיין צו אַ „קאָפּ״, פֿאַרפֿאָרן אים אין באַק אַריין, דערמאָנען אים, אַז ער איז אַ מענטש, און נישט קיין פֿאַליסמאַן!

איז מען אָבער געוואָרן זינט יעמאָלט איינער פֿון די מיליאָנען. מען איז אַלץ אין דער וועלט, אָבער קיין מענטש איז מען נישט. גאָד דעם איט!

שוואַרצע יאַגדעס

(מאָנאָלאָג פון אַ יידישן פּאַרמער אין די קעצקילס)

— איר׳ט מיר עקסקיוזן וואָס איך באַדער אייך . . . שוין דאָס פינפטע יאָר ווי איך קוק אייך נאָך. תחילת האָב איך געמיינט, ס׳איז נישט קיין ייד. אַ ייד אַ צופּוסגייער אין אַמעריקע, איז נישט דאָ געדאַכט. אין דער אַלטער היים איז אַ ייד במחילה געווען אַ צו־פוסגייער; אין דער גאָלדענער אַמעריקע חלומט צעך אַ יידן, אַז ער פאָרט, כאַ־כאַ־כאַ. אָבער איר, שוין ס׳פינפטע יאָר זע איך ווי איר וואָקט. אַ ייד אַ וואָקער, אין די בערג דערצו!

מעג מען וויסן וואָס איר טוט דאָ? קיין קבצן זעט איר מיר נישט אויס; קיין פּאַרמער אויך נישט, און קיין . . . וואָס שמייכלט איר? איך האָב אַן אויג אויף די געסט וואָס לאָזן זיך זומער אַראָפּ אין די בערג. נאָכן פּנים, נאָך די פּאָסטעמקעס דערקען איך צוליב וואָס אַ מענטש האָט געוואָרפן ניו־יאָרק און געקומען אין די קעצקלס. כ׳דערקען, ווער ס׳איז געקומען פּיקסן ס׳ביסל געזונט; ווער ס׳איז געקומען איינדערשטיל אָביסעלע זאָרגן, אייגענע זאָלן דערפון נישט וויסן; און, מ׳דערקענט ווער ס׳איז געלאָפן פון אייגענע ווייב־און־קינד, כלומרשט געקומען שמעקן פרישע לופט.

וואָס זאָגט איר אויף אונדזער לופט? כאָטש די נישט־פּאַרגי־נערס, די גוים, וואָס זענען נאָך געבליבן אין די קעצקלס, קליימען, אַז די יידן האָבן דאָ קאַליע געמאַכט די לופט. ווי מיינט איר, האָבן טאַקע יידן קאַליע געמאַכט די לופט? איר קוקט מיך אָן און שמייכלט. אַן אָנשיקעניש אַ מענטש, טראַכט איר; דעם אמת זאָגנ־דיק האָב איך אייך פאַר דריי־יאָרן שיעור, שיעור נישט אָפּגע־סטאָפּט. יעמאָלט איז געווען פון וואָס צו שמועסן. יעמאָלט האָט זיך פונקט געגלוסט אָפּרעדן פון האַרצן. כ׳וויס, אַז איר זענט אַ יידישער שרייבער, כאַ־כאַ־כאַ. נאָר אַ ייד האָט ליב צוצוגיין צו אַן ענין פון אַ זייט. אַ ייד פּרואווט מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער פאַר־שטייט נישט, ער איז נעבעך אַ ניבע־נימע. יאָ, מיסטער, פאַר דריי־יאָרן האָב איך נאָך געמיינט, אַז כ׳לעב אין חלום. איך זע, איר האָט ליב די שוואַרצע יאַגעדעס. דער טעם אין מויל איז נאָך גע־

בליבן פון רוסלאַנד. יענעם טעם . . . מיט אַלץ אַזוי, מיסטער; אַ ייד לעבט דאָ, עסט דאָ, שלאָפט דאָ, און דאָ וועט ער שטאַרבן, אָבער אין די מאכלים שפּירט ער טעם־רוסלאַנד. און אַז ער שטאַרבט, כאָטש מעט אים באַגראָבן אין ברוקלין — אָבער אין אַ רוסישער ערד! כ'האָב זיך באַזאָרגט מיט קרקע צווישן די אנשי פּינסק, כאַ־כאַ־כאַ . . . דערוויַיל זאָג איך אייך אויס פונוואַנען איך שטאַם.

אָנגעהויבן האָב איך פון די שוואַרצע יאַגדעס, וואָס אין זיי האָב איך דאָ דערשפּירט דעם טעם פון דער אַלטער היים; און ווען נישט די שוואַרצע יאַגעדעס, אַלבעטשע, וואָלט בערל סינגער זיך באַזאָרגט קרקע אויף אַ גויעשן בית־עולם, כאַ־כאַ־כאַ.

כ'וויל, איר זאָלט אַריינקומען צו מיר איר שטוב. כ'וועל אייך מכבד זיין מיט אַ קאַלט גלאָז וואַסער. ס'אי וואַסער, וואָס קומט פון זייער טיף. כ'האָב אַליין געגראָבן דעם ברונעם; כ'מיין, ס'האָט מיר געקאָסט זיבן הונדערט דאָלער. ווי איר קוקט מיך אָן, האָט פּאָר מיר דאָס קומען אַהער מיט צוויי־און־צוואַנציק יאָר צוריק געהאַט גאָר אָן אַנדער מיין. כ'בין געלאָפן פון רוסלאַנד, מחמת איך בין געוועזן אַ ייד. כ'האָב שוין געהאַט גענוג ענוג יידן. געקומען אַהער קיין אַמעריקע, געקלערט, איך אַנטלויף פון זיך אַליין, און נאָ דיר — ביסט ווידער אַ ייד! האָב איך מיר געזאָגט: יידן זענען שול־דיק הלמאי זיי זענען יידן. וואָס האָט מען פון דעם? צרות, טראָבל... אויף דער גאַנצער וועלט טראָבל. אין אַמעריקע פאָרסט מען נישט דעם יידן צו זיין אַ ייד. קיינער האָט מיך נישט געפאָרסט כ'זאָל גיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

נו, פרעג איך אייך, ווי נעמט מען אויף ברום־סטריט און מען אַנטלויפט פון יידן? אדרבה, גייט, פּרוואווט אַנטלויפט, כאַ־כאַ־כאַ... איר קריכט דאָרטן אַריין אין יידישקייט, ווי אין אַ וואַרימער בלאָטע אַריין, און אַלבעטשע, מ'קען שוין נישט אַרויסקריכן. סאָסייעטעס, און טשאַרטעטעס, טעאַיטערס און פּייפּערס . . . כ:פרעג, צוליב וואָס, צוליב ווען, צוליב וואָס פּאָר אַ שוואַרץ־יאָר אָנמאַכן זיך אַליין טראָבל? איז וואָס, אין שטאָט, ניט־ווילנדיק קריכסטו אַרויס און קריכסט ווידער אַריין צווישן אייגענע. אין שטאָט שניידט מען מיטן מעסער יידישקייט, אַזוי געדיכט איז עס . . . אַ פּאָר דאָלער האָב איך געהאַט אָפּגעספּייפּט. בין נאָך געוועזן אַ סינגלמען. פּאַרמס האָט

מען געקענט קריגן. נעם איך, פאַר אַוועק און קויף אַ פּאַרם מיט אַלע קלאַפּערגעצייג. קויף אים טאַקע דאָרטן וואו יידן האָבן מורא געהאַט די נאָז אַריינצושטעקן. ווי איר קוקט מיך אָן האַלטן מיך נאָך די גויים עד היום פאַר אַ נישט־יידן, כאַ־כאַ־כאַ. דו ביסט עפּעס אַ פּאָרעינער, זאָגן זיי מיר, אָבער נישט קיין ייד, זאָגן זיי מיר. געטראַכט, כ׳וועל מיר טאַקע פּאַוואָליע אָפּקוקן אַ געזונטע שיקסע באַ אַ פּאַרמער; וואָרן, וויפל דאַרף געדויערן, אַ ייד זאָל ווערן אַ מענטש? חתונה האָבן, און טאַקע תיכף זאָל זי מיר האָבן אַ עטלעכע קינדער . . . וואָס, זי ט׳וועלן די קינדער אַוועקשמדן? זאָל זי! מיט אַ ייד ווינציקער אין אַמעריקע, מיינט מיט אַ ייד ווינציקער איבער גאָר דער וועלט . . . אַזוי האָב איך געקלערט; ווי איר קוקט מיך אָן בין איך מיט צווייאונצוואַנציק יאָר צוריק געווען אַ מענטש, וואָס האָט מיט צווייאונצוואַנציק יאָר צוריק געהאַט זיינע געזונטע הענט — אַ געזונטן קאָפּ אויף די פּלייצעס!

דעם פּאַרם האָב איך אָפּגעקויפט סוף־זומער. אין ספּרינג בין איך אַהער אַריבערגעקומען. געווען אַזוי אָפּגעמאַכט, אַז דער פּאַרמער זאָל מיר ס׳פּעלד פּאַראַקערן און פּאַרזייען, און מיר איבערגעבן דעם מענטשן וואָס האָט פאַר אים געאַרבעט. איך דערצייל עס אַנטקעגן דעם — ווי כ׳האָב דאָ די ערשטע נאַכט איבערגענעכטיקט. אין דער אייגענער שטוב איז דאָס געווען. די שטוב האָט זיך אַביסל געביטן פאַר די צוואַנציק יאָר. בין געשלאָפן די ערשטע נאַכט אין די זאַכן; נישט געהאַט קיין חשק זיך אויסצוטאָן. דער אַרבעטער איז געווען אַ שווייגער, אפשר האָט ער נישט געהאַט פון וואָס צו רעדן מיט זיין נייעם באָס. אַן אַלטער בעטשלער געווען. איך האָב אים נאָר געזאָגט: סידני, אַזוי האָט ער געהייסן, סידני, דו וועסט זיין באַ מיר באָס. איך קען זיין אַ גוטער ברודער אויך. ביז־וואָס, ביז־ווען, טו ווי דו ביסט געווען געוואוינט צו טאָן באַ מיסטער פּעטערסאָן. אַזוי האָט געהייסן דער פּאַרמער באַ וועמען כ׳האָב דעם פּאַרם אָפּגעקויפט. סידני האָט געשמייכלט און גאָרנישט געענטפערט. וואָס שמייכלסטו, סידני? האָב איך אים געפרעגט. דיר זעט אויס פּאָני וואָס אַ ייד איז געקומען ווערן אַ פּאַרמער, און ווייס נישט פונוואַנען פריער אָנצוהייבן. כאַ־כאַ־כאַ... אַלבעטשע, זאָג איך אים, כ׳וועל זיך אויסלערנען זיין אַ פּאַרמער ווי

כ׳האָב זיך אויסגעלערנט זיין אַ פיינטער. נעמט ער און זאָגט: אַ פּאַרמער אָן אַ ווייב איז ווי אַ פּאַרם אָן אַ ברונעם . . . אַ פּאַרמער אָן אַ ווייב און אָן קינדער איז ווי אַ פּאַרם אָן אַ פענס אַרום . . . כאַ־כאַ־כאַ. דאָס אָפּגעזאָגט — איז ער אַוועק שלאָפן צו זיך. דאָרטן הינטערן שטוב האָב איך געהאַט נאָך אַ שטיבל.

נו, וואָס זאָגט איר, מיסטער, איז ער דען נישט געווען גערעכט? האָב גוט געהערט וואָס ער האָט מיר אַריינגעזאָגט. זיינע ווערטער זענען מיר אַריין אין די געבליטן אַריין. ס׳איז נאָר אַ באַוויז, ווי אַ מענטש קען פון זיך נישט אַנטלויפן . . . פאַרשטייט איר, כאָטש איך בין שוין יעמאָלט געווען אַ מענטש פינף־און־דרייסיק יאָר אַלט, בין איך געווען אַליין ווי אַ געזונטער בוים. מיר איז נאָר געווען אַ שאָד, וואָס דער אַרבעטער האָט גענומען און איז אַרויס־געגאַנגען. טאַקע וועגן דעם אייגענעם ענין האָב איך נאָך געוואָלט מיט אים האָבן אַ שמועס. נאָר גיין צו אים האָט מיר נישט גע־פּאַסט. ס׳וואָלט מיר געפּאַסט גיין אַרומשמועסן די פּאַרם־ביזנעס. אָבער גיין, אָנציען צוריק דעם שמועס פאַרוואָס אַ פּאַרמער אָן אַ ווייב איז ווי אַ פּאַרם אָן אַ ברונעם . . .

כ׳האָב זיך געפּרואווט לייגן שלאָפן אין די זאַכן. ס׳פענצטער געווען אָפן, און דער שמעקעדיקער דרויסן איז ממש דורך די פענצטער געקראָכן אין שטוב אַריין און נישט געלאָזן איינשלאָפן. אַ פּאַרמער אָן אַ ווייב איז ווי אַ פּאַרמער אָן אַ ברונעם . . . איר האָט זיך אין דעם אַריינגעטראַכט? אָט דאָס איז טאַקע געווען די מעשה. דער פּאַרם האָט קיין רעכטן ברונעם נישט געהאַט, אין טרוקענע זומערן האָט פשוט געפעלט גענוג וואַסער פאַר די בהמות. און אַ פּאַרמער אָן אַ ווייב . . . כ׳שעם זיך נישט צו דערציילן, כ׳בין יעמאָלט אַראָפּ פון געלעגער און אַוועק אין שטאַל אַריין. דעם פּאַרם האָב איך געקויפט אינאיינעם מיט אַלע מכשירים, אינ־איינעם מיט צוויי בולאַנע פערד; אינאיינעם מיט צוויי פיינע דזשורזי קי, וואָס האָבן שוין ביידע געהאַט קעלבעלעך. די לעבעדיקע באַ־שעפענישן זענען געשטאַנען אין איין גרויסער שטאַל, איבערגע־צאַמט. די פערד באַזונדער, די קי באַזונדער און די צוויי קעל־בעלעך — אויך באַזונדער, מחמת מ׳האָט זיי שוין אַנטוויינט פון די מאַמעס זייערע.

תחילת בין איך אַריין צו די פערד. כ׳האָב אָנגעצונדן אַ שוועבעלע; האָבן זיי צו מיר אויסגעדרייט די קעפּ, און באַם ליכט פון שוועבעלע האָבן אַ פינקל געטאָן די אויגן באַ זיי. כ׳האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז באַ פערד פינקלען אַזוי די אויגן אַנטקעגן ליכט. איר ווייסט, פערדעלעך — האָב איך צו זיי אַ זאָג געטאָן — כ׳בין אייער באַס . . . כ׳בין אַ ייד, פונדעסטוועגן וועל איך טרייען צו זיין אַ גוטער באַס . . . מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פערד האָבן עס פאַרשטאַנען, כאַ־כאַ־כאַ.

די קי זענען ביידע געלעגן זייט־באַ־זייט אין מיסט און שטרוי, און האָבן מעלה־גרא געווען. כ׳האָב אָנגעצונדען אַנטקעגן זיי אַ שוועבעלע האָבן זיי געפינטלט מיט די אויגן. דאָס שוועבעלע איז אויסגעגאַנגען — האָב איך נאָך איינס אָנגעצונדן, געקוקט, צי ווייסן די קי וואָס סידני האָט מיר אָנהייב נאַכט געזאָגט . . . טשיקאַווע, מיט די קי האָב איך זיך געוואָלט דורכשמועסן, אָבער אויף דער אַנדערער זייט פענס האָבן זיך ביידע קעלבעלעך אויפגעהויבן און אַריבערגעקוקט צו מיר. אויסגעצויגן די העלדזער צו מיר. כ׳האָב שפּעטער זיך דערוואוסט, אַז מ׳פויעט זיי פון אַ פלעשל מיט דער אייגענער מילך, וואָס מ׳מעלקט אויס באַ זייערע מאַמעס. כ׳האָב אַרויסגעשטעלט מיין האַנט צו זיי. האָבן זיי תחילת אַרומגעשמעקט מיין האַנט, דערנאָכדעם מיט דער צונג געלעקט מיין האַנט, די פינגער . . . איר הערט, מיסטער, דאָס האָט מיך אַזוי שטאַרק צעגומען — ממש כ׳האָב גאָר אַליין נישט געפילט ווי מיט טרערן האָבן זיך אָנגעגאָסן די אויגן און זיך אַריבערגעגאָסן.

איר פאַרשטייט, מיסטער, וואָס דאָ איז געשען מיט מיר . . . געוואָלט האָב איך אַנטלויפן פון זיך אַליין; נו, לאָזט זיך אויס, אַז אַ מענטש קען פון זיך אַליין נישט אַנטלויפן. און כ׳מוז מיר איצטער מודה זיין, אַז מיין לויפן פון שטאָט האָט געהאַט נאָך אַ כונה. אַ מענטשן ווערט אַמאָל ענג צוליב איין זאַך, און ער מאַכט דערפון גאָר אַן אַנדער פירוש; ס׳הייסט, אַ מענטש וויל אַנטלויפן פון יידיש פאָלק, כאַ־כאַ־כאַ . . . ס׳לויפט זיך אַזוי גרינג, מיינט איר? איך בין געווען כמעט אַ חתן גאַנצע פיר יאָר. בין אויסגעגאַנגען מיט אַ לאַנדסמיידל, אַ מיס סאַניע בריסקער, סיידי האָב איך זי גערופן. איר ווייסט דאָך, מ׳האָט זיך באַגעגענט באַ אַ דענס. דערשפּירט

באַם דענס איר געזונט בלוט . . . איך בין איר אויך געפעלן געווען. ווייסט איר דאָך, אַז מ׳שלעפּט זיך אַרום מיט אַ מיידל פיר יאָר — ווערט מען מיאוס איינס ס׳אַנדערע. נישט געוואוסט ווי מ׳ווערט פריי פון איר, ווי מ׳לאָזט אָפּ די לייטשעס. גיי זאָג אַ מיידל, נאָכ־דעם ווי מ׳האָט זיך אַרומגעשעלפּט פיר יאָר, אַז איך וויל זי נישט! נו, זאָג איך צו איר: סיידי, כ׳וויל אַוועק פון דער גרויסער שטאָט, וויל מער קיין פּיינטער נישט זיין. כ׳האָב אָפּגעסייפט, זאָג איך איר, זעקס טויזנט דאָלער — וועל איך קויפן אַ פאַרם. לעבן אויפן לאַנד, לעבן אַ געזונט לעבן — נישט ווי דאָ אויף ברום סטריט . . . ווּעסט מיט מיר מיטגיין? נעמט זי און זאָגט: קענסט זיך פאָרן וואו דו ווילסט; איך וועל דיר נישט נאָכלויפן.

האָט זיך איינגעפּאַסט צום רומל! כ׳האָב מיט איר מער קיין וואָרט נישט פאַרוואָרפן. כ׳בין אַוועק און אָפּגעטאָן מיינס. בין געווען זיכער, זי האָט אויף מיר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

פאַרשטייט איר, מיסטער ,נעמט זי איינמיטן זומער און קומט גאָר אַראָפּ צוגאַסט! אַראָפּגעקומען פונקט יעמאָלט ווען די שוואַר־צע יאַגעדעס זענען צייטיק געוואָרן. אַ גערעטעניש געווען, זאָג איך אייך, יעמאָלט — די ערד איז שוואַרץ געווען מיט יאַגעדעס. האָ, פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז דו האָסט געקויפט אַ פאַרם מיט שוואַרצע יאַגעדעס? האָט זי מיר מ׳כלומרשט אויפ־געוואָרפן. נו, אַז שוואַרצע יאַגעדעס, איז וואָס? . . . האָב איך געפרעגט. איר פאַרשטייט, מ׳האָט גערעדט, געשטיפט, און אַליין נישט געוואוסט וואָס מ׳רעדט. אירע רייד האָבן מיר אין די אויערן ווי גלעקער געקלונגען און האָבן אַ שפּאַר געטאָן אין מיין בלוט אַריין. מ׳האָט זיך אַרומגעקאַלאַטשעט אין די יאַגדע־בושעס, מ׳האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס מ׳טוט . . .

איר פאַרשטייט, מיסטער, זי האָט שוין געמוזט מיט מיר חתונה האָבן. זי האָט פונקט צו די ניין חדשים געבאָרן ס׳ערשטע ייִנגל . . . אין אַ יאָר אַרום — נאָך איינס, כאַ־כאַ־כאַ . . . האָב פאַרשטאַנען, אַז סידני דער אַרבעטער איז גערעכט געווען. אַ פאַרמער אָן אַ ווייב איז ווי אַ פאַרם אָן אַ ברונעם.

און איצטער, מיט צווייאונצוואַנציק יאָר שפּעטער, אַז אַלע מיינע פינף קינדער, וואָס זי האָט מיר געבאָרן, זענען גאָר אין שטאָט,

שטודירן . . . און צוריק צום פֿאַרם וועלן זיי שוין נישט קומען; סיידין ציט עס אין שטאָט אַריין, צו די קינדער . . . קלער איך, אַז סידני דער אַרבעטער איז צוויי מאָל געדעכט געווען. אַ פֿאַרמער אָן קינדער איז געגליכנט צו אַ פֿאַרם וואָס איז נישט אַרומגעצאַמט. עס זעט שוין אַזוי אויס; צי איכ׳ל וועלן, צי איכ׳ל נישט וועלן — דעם פֿאַרם וועל איך פֿאַרקויפֿן, זאָל זיך נאָר מאַכן אַ בעלן.

מיין סיידי וואָלט פֿון פֿאַרם שוין לאַנג נישט געוואָלט הערן; זי זיצט דאָ טאַקע נאָר צוליב די שוואַרצע יאַגעדעס. דאָס איז באַנ׳איר ווערט אַלץ אין דער וועלט. כ׳זע, איר האָט זיי אויך נישט פֿיינט, כאַ־כאַ־כאַ . . . כ׳קוק אייך נאָך גאַנצע פֿינף יאָר, און אַלץ נישט געהאַט קיין חוצפּה צו נעמען און אָפּשטעלן און אַביסל אַראָפּרעדן פֿון האַרצן . . . אָט גייט זי, מיין סיידי . . . זי וואָלט עס הערן וואָס איך האָב אייך דערציילט וועגן איר! גייט געזונטערהייט. אַן אַנדערשמאָל, איר וואָקט פֿאַרביי, ס׳דאַרשט זיך אַ טרונק — קלאַפּט אָן אין טיר. איצטער איז מען נאָך אַ שטיקל מענטש. אַז איך קום אַמאָל אין שטאָט אַריין, דריי איך זיך אַרום אויף ברום סטריט און פֿיל, אַז כ׳בין נישט קיין פֿאַרמער, בין נישט קיין ייד, בין נישט קיין גוי; און אינדערשטיל וועל איך אייך זאָגן — אַז קיין מענטש בין איך שוין אויך נישט.

אַגראַנאַמען

(סאָוועטיש)

...וואַשט אייך אַרום, חבר הירשביין, נעמט אַראָפּ דעם שטויב פון זיך. אייער פּנים איז נאָך דערוויילן נישט קיין אַגראָנאָמישער. אייער הויט איז צו איידל פאַרן קרימער שטויב . . . כאָטש באמת האָט איר אויך שוין באַלד געקענט ווערן בײַ אונדז פאַררעכנט פאַר אַן אַגראָנאָם . . .

יאָ, חבר, פאַראַן אַ סך צו ריידן פון דעם. איר האָט דאָך פאַר היינטיקן טאָג באַזוכט אַ עטלעכע דערפער. דאָס איז, קען מען זאָגן, מיין האָדוליע. איינע־אין־איינע. די שטיבער האָב איך אָנגעוויזן ווי צו בויען און וואו צו בויען. די פעלדער האָב איך פאַר זיי צעטיילט. און אַלע קלאָגן, אַלע יאָמערן האָב איך פאַר די פאַר יאָר אויסגעהערט. רופן רופט מען מיך „חבר אַגראָנאָם” — נאָר איך שעם זיך נישט מודה צו זיין פאַר אייך, אַז זייער אָפט, בשעת איך הער מען רופט: — חבר אַגראָנאָם! . . . קוקט איך מיר אום, וועמען מיינט מען? . . . פונקט ווי איר האָט שוין אודאי פאַר די עטלעכע טעג, וואָס איר פאָרט אַרום פון דאָרף צו דאָרף, געוויס פאַרגעסן, אַז איר זענט אַ יידישער שרייבער, כע־כע־כע — — —

צייטנווייז טוט עס מיר הנאה, וואָס אין אַזויפיל ענינים קען איך די איבערוואַנדערער אַרויסהעלפן. און אַמאָל פאַרדריסט, פאַרוואָס אין דעם עיקר ענין — טאַקע אין דעם ענין אַגראָנאָמיע — מאַכט מען אַליין פון זיך חוזק . . .

אין סאַמע אָנהייב, אַז מען קומט אָן אויפן סטעפּ; טאַקע מיט דעם אָנזאָג פון אַגראָדזשאָינט, צי געזערד, וואָס באַפוילן:

— פאַר קיין קרים, צי קיין כערסאָן און מאַך פון אונדזערע יידעלעך, קרעמער און מלמדים — גיי מאַך פון זיי פּויערים . . .

איז טאַקע תחילת ציט מען אָן די ברעמען און מען ווערט ערנסט. ווי איז אָבער, אַז מען קומט צו זיך אין ראַיאָן אַריין און דעם ערשטן וויזיט שטעקט אייך אָפּ, גאָר נישט קיין איבערוואַנדערער, נאָר אַן איבערוואַנדערקע. און זי פרעגט זיך נישט אויף דעם אַגראָנאָם, נאָר גראָד אויף דער אַגראָנאָמיכע; דאָס הייסט אויפן אַגראָנאָמס ווייב?

פרעג איך איר:

— וואָס באַדאַרפט איר דוקא אַן אַגראָנאָמיכע? פאַרוואָס טויג אייך נישט דער אַגראָנאָם אַליין!

ענטפערט זי:

— דאָס פּאַסט נישט צו פרעגן דעם אַגראָנאָם.

און אַז איך דערקלער איר, אַז איך האָב נישט קיין ווייב; אַז איך בין אַ בחור, מאַכט זי:

— ווייסט איר גאָר וואָס... באמת האָב איך טאַקע באַדאַרפט האָבן צו דער אַגראָנאָמיכע, זי זאָל מיר זאָגן וויפל וואָכן זיצט אַ הון, אַז מען זעצט זי אויף קאַטשענע אייער. ווייל הייסט עס — זאָגט זי — באשר אַ הון זיצט דריי וואָכן אויף אייער, ביז עס פּיקן זיך אויס קליינוואַרג און קאַטשקעס, זאָגט מען, זיצן פיר וואָכן — טאָ ווי אַזוי איז דער דין, אַז מען זעצט אַ הון אויף קאַטשענע אייער? צי איז נישט געמאָלט, אַז די הון זאָל זיצן נישט מער ווי פערט־האַלבן וואָכן?... נאָר עס מאַכט נישט. איך האָב צייט צו וואַרטן פיר וואָכן אויך. נאָר היות ווי איר זענט נאָך אַ בחור, האָב איך פאַר אייך אַ גאָלדענעם שידוך. אַ מיידל וואָס איז אַן איינאונאיינ־ציקע באַ איר טאַטע־מאַמע און וואָס...

שלאָג איך איר איבער און זאָג, אַז איך בין אַן אַגראָנאָם, און אַז אַגראָנאָמען האָבן נישט חתונה.

— ווייסט — גייט זי אַרויס פון די כלים — יידישע אַגראָנאָמען זענען יידישע אַגראָנאָמען. און אַז איר וועט נישט האָבן קיין ווייב, וועלן די איבערוואַנדערער צו אייך נישט האָבן קיין צוטרוי. הלמאי — זאָגט זי — אַ דאָקטאָר? אַ דאָקטאָר אויך, האָט מען צו אים נישט קיין צוטרוי, אויב ער האָט נישט קיין ווייב און קינדער. אודאי, קימפּעטאָרינס האָבן אודאי צו אַזאַ איינעם נישט קיין צוטרוי.

זאָג איך צו איר:

— חברטע, איך בין דאָך אַן אַגראָנאָם און נישט קיין דאָקטאָר, וואָס טויג מיר חתונה האָבן?

לאַכט זי זיך אויס:

— אַגראָנאָם־שמאַגראָנאָם, וואָס ווייסט מען באַ די איבערוואַנ־דערער וואָס דער אַגראָנאָם איז אין אמתן? באַ אונדז האָט מען זיך געשפּאַרט. אַנדערע לאַכן אין די פויסטן, אַז מען זאָגט זיי,

אַז אויף די יידישע פעלדער וועט אַכטונג געבן אַ דאָקטער. וואָרום מען שמועסט דאָך, אַז אַ דאָקטער און אַן אַגראָנאָם איז איין זאַך . . .

אַז איך בין קוים פּטור געוואָרן פון דער יידענע, קומט צו מיר אַ יונגערמאַן און איז מיר מודיע, אַז אויב איך וועל בּאַ אים אָפּנעמען זיין כלה, וועט ער דאָ אָנמאַכן אַ רעוואָלוציע אויפן ערד־חלק און אַלע איבערוואַנדערער וועלן זיך צעלויפן.

האָב איך דאָך שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, און פון וואַנען דאָס שטאַמט — האָב איך געלאָזט וויסן צווישן די איבערוואַנדערער, אַז היות אין אַ האַלב יאָר אַרום קומט צו מיר צופאָרן מיין ווייב, איז דעריבער זאָלן זיי מיר געבן צו וויסן, טאָמער מאַכט זיך אַ גוטע קו צו קויפן; ווארום איך בּאַדאַרף קויפן אַ גוטע קו פאַר מיין בּאַלעבּאַטישקייט.

נו, האָט מען זיך צו מיר אַ שאָט געטאָן מיט מציאות: יעדער איינער האָט אַ בהמה צו פאַרקויפן:

— סטייטש — זאָג איך — איר אַליין דאַרפט דאָך נאָך ערשט בּאַקומען קי פון אַגראָדזשאָינט . . .

מאַכן זיי:

— אָבער, וואָס ווען, קען מען דאָך די קי פאַרקויפן. דער אַגראָדזשאָינט וועט דאָך געוויס געבן גוטע קי. מען שמועסט, אַז די קי וועט מען אַראָפּבּרענגען פון אַמעריקע גופא.

לאַכט ניט, חבר. איך גיי נישט ווייט אַוועק פון אמת מיט מיין מעשה. ס'איז נישט גאָלע אויסטראַכטעניש . . . ווארום, אַז מע הייבּט אָן די איבערוואַנדערער בּאַקאַנט מאַכן מיט די אָקסן, וואָס מען גיט זיי אַרויס, איז קודם־כל חלומט זיי זיך אַ מאַרק, וואו מען וואָלט די אָקסן געקענט פאַרקויפן . . . אודאי, איר קענט אייך קלערן, אַז מיר האָט שוין מיין אַגראָנאָמיע דערעסן און איך מאַך חוזק פון די איבערוואַנדערער. שאַדט נישט. מיינע קאָלגען האַלטן מיך פאַר אַלץ און זאָגן, אַז איך טראַכט אויס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן אויף איבערוואַנדערער. פּרוּווט און טוט נאָר אַ טרייסל אַ וועלכן עס איז פון מיינע קאָלעגן, וועלן זיי אייך אויך דערציילן אַזעלכע מעשיות. איך דערצייל עס דערפאַר, ווייל איך בין זיכער, אַז אונדזערע אָרעמע איבערוואַנדערער וועלן אין עטלעכע יאָר

אַרום נישט האָבן זיך מיט וואָס צו שעמען אפילו פאַר די דייטשן, וואָס זיצן דאָ אין קרים פון יעקאַטערינעס צייט אָן. נאָר די ער־שטע צייט — אַי, באַדאַרף מען זיי גיאַנטשען! אַי, קריכן זיי אָפּט־מאָל אַריין אין די ביינער; אַי, קריכן זיי אין גרגרת אַריין . . . נאָר אין דער שטיל וויל איך אייך זאָגן, אַז מען באַדאַרף זיך אויף זיי פאַרשטיין, פונקט ווי אויף זריעה. אָ, ווען מען וואָלט מיר נאָר לאָזן זיי איבערקלייבן — איך פאַרשטיי זיך, נישט נאָר אויף ווע־רעמדיקן אַרבעס, נאָר אפילו אויף ווערעמדיקע, איך בעט אייך איבער אייער כבוד . . .

איך זע, איר נעמט זיך צום האַרצן, וואָס די איבערוואַנדערער באַדאַרפן די ערשטע צייט אַ סך ליידן. מיר ליידן מיט זיי אינאיי־נעם. נישט קיין וואונדער, ווען מען פאַרגעסט זיך, אַז מען איז אַן אַגראָנאָם. אַז מען טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ צו מיר ווי אַ היישעריק, אַלטוואַרג און יונגוואַרג; יידן און יידענעס און עס הייבט זיך אָן אַ סדרה:

— חבר אַגראָנאָם, ווען וועל איך זיך שוין זען מיט מיין אָקס?

— חבר אגראָנאָם, ווען וועל איך זוכה זיין צו וויסן, צי מיין קו איז מיט צוויי הערנער, צי מיט איינע?

— חבר אַגראָנאָם, באַ מיר קרייט אַ הון, אפשר ווייסט איר ווי מען שיילט אַראָפּ פון איר צונג דעם פּיפּיטש?

— חבר אַגראָנאָם, וויפל מאָל אין וואָך טרינקט אַן אָקס?

— חבר אַגראָנאָם, וואָס טוט מען, אַז באַם פערד זעצן זיך אָן זלידנע פליגן אונטערן ווידל?

— חבר אגראָנאָם, וואָס זאָל איך טאָן, מיין ווייב איז שוין אין אַכטן חודש און זי וויל פאָרן צוריק אין שטעטל אַריין?

— חבר אַגראָנאָם, אפשר ווייסט איר וואָס מען טוט, אַז סע זעצט זיך אַ טשיריק אונטערן פּאַכווע?

— חבר אַגראָנאָם — — —

— חבר אַגראָנאָם, איך בין אַ געזינד פון צען פאַרשוין, גייט אַריין אין מיין פּאַלאַזשעניע און גיט מיר אַ וויכאָד.

— חבר אגראָנאָם, איר האָט מיר געהייסן זייען שטיינער, האָב איך געשניטן ביינער.

איר פאַרשטייט, חבר, אַז דאָ ליידט מען טאַקע אַביסעלע מער

זוי אין ארץ־ישראל. דאָרטן איז מען קעסט־קינדער באַ פאָלק ישראל און דאָ איז מען שטיפקינדער באַם קרימער סטעפּ. און זיי טאָפּן עס אָן גלייך. מען קלאָגט. מען טענהט:

— חבר אַגראָנאָם, באַ מיין בהמה איז די מילך אַזאַ, וואָס ווערט גערונען.

און דאָ אַנומעלט קומט צו מיר אַ ייד און שליידערט אַראָפּ פון פּלייצע אַ זעקל, מיט אַ געשריי:

— דאָ, חבר אַגראָנאָם, האָב איך אייך אָפּגעבראַכט צוריק אייער אָקס.

— וואָס פאַר אַן אָקס? וואו איז אַן אָקס?

נעמט ער און קערט אויס דאָס זעקל און עס פאַלט אַרויס אויפן דיל אַ גרויסע, פרישע, ערשט אָפּגעשונדענע פעל.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט איך.

— דאָס איז דער אָקס אייערער, דער בן־יחידל מיינער; די צאַצקע מיינע האָט זיך אַנידערגעלייגט און איז נישט אויפגעשטאַ־נען. וואָס באַדאַרף איך צאָלן צוריק דעם דזשאַינט פאַר אָקסן? — נאָט אייך אים. אַ גרויע פעל. אירט דערקענען. ס׳איבעריקע וועט איר מוחל זיין קומען, באַ מיר דאָרטן הינטערן שטוב — הינט פרעסן דאָס פלייש . . .

נאָר גאָר נישט. אַן אַגראָנאָם איז פונדעסטוועגן אַן אַגראָנאָם. אַזוי בין איך מיר. קודם־כל האָב איך מיר געזאָגט: — „גוטער ברודער, דו וועסט ליגן צען איילן אין דער אדמה, אויב דו וועסט זיך לאָזן; נעם די דאָזיקע יידן און יידענעס און פאַרזעץ זיי — די יידן אין פעלד. די יידענעס אַרום שטוב. אַ־נישט וועט מען פון דעם עסק נישט אַרויסקומען״. זיי אַליין, די איבערוואַנדערער, באַ־דאַרף מען תחילת פאַרזעצן זיי זאָלן זיך צונעמען. מיט די מאַנס־לייט, איז נאָך ווי מיט מאַנסלייט. זיי לאָזן זיך איינשפּאַנען. אוי, קען מען זיי איינשפּאַנען. ווערן חכמים. ווערן ווי קליינע קינדער. מען טאַנצט אַמאָל פאַר שמחה, אַז סע גיט זיך איין.

אָט, למשל, קומט צו מיר צולויפן אַ ייד, מיט אַ צעלאָזענער, געלער באָרד, אַ פאַרפלאָמטער און צעטרענצלטער, גלייך ווי ער וואָלט געוואונען דאָס גרויסע געווינס:

— חבר אַגראָנאָם, קומט נאָר צו מיר אויפן פעלד. קומט זעט

ווי מיין ווייץ, מיין ווינטער־ווייץ, וואָס איך האָב אַליין פאַרזייט מיט אַ וואָך צוריק — קומט און זעט ווי איינס אין איינס קריכן זיי אַלע פון דער ערד. כאַטש נעם און צייל איבער:

איר פאַרשטייט, זיי האָבן הנאה צו זען ווי סע וואַקסט. און מיט די וואָרצלען, וואָס דאָס קערנדל לאָזט אין דער ערד אַריין, שלעפּט עס דעם יידישן איבערוואַנדערער אַריין. זיי באַדאַרפן נאָר האָבן גערעטעניש, וואָלט שוין קיינעם גאָרנישט נישט געפעלט. אַ מאַן באַדאַרף אַ גערעטעניש.

מיט די ווייבער איז ערגער. מיט די ווייבער איז אָפּטמאָל אַזוי, וואָס מען קען אַרויס פון געדולד . . . דאָס איז אַ קליינימייט, וואָס מען איז צו מיר איינמאָל באַנאַכט געקומען צולויפן און גע־ריסן פון בעט: — אַ פרוי גייט שווער צו קינד און איך זאָל שוין גיין.

איך טענה:

— וואָס ווילט איר פון מיר, איך בין דאָך אייער אַגראָנאָם. וואָס ווייסט אַן אַגראָנאָם פון אַ שווערן קימפּעט? אַ דאָקטאָר, אַן אַקושאָר באַדאַרף מען.

לאָזט זי מיך נישט אָפּ. זי וועט זיך נישט רירן פון אָרט, ביז איך וועל זיך אָנטאָן און לויפן מיט איר. ווארום דער קימ־פּעטאָרין וועט ווערן גרינגער, אַז זי וועט נאָר שפּירן דעם אַגראָ־נאָם לעבן זיך. ווארום אין דאָרף איז דאָך דער פּחד נישט איבער־צוטראָגן . . . און מיט דעם אַגראָנאָם באַם זייט וועט זי גרינגער איבערטראָגן די יסורים.

אין אמתן וואָלט נישט שאַטן, אַז דער אַגראָנאָם, וואָס זיין עובדה איז צו בויען הייזער און שטאַלן און אַרויסגעבן אָקסן און קי — אַז ער זאָל בעסער האָבן אַ ידיעה אין מעדיצין, איידער דאָרטן אין לאַנדווירטשאַפט. די ערשטע צייט וואָלט עס צוניץ געקומען.

גאָר נישט לאַנג איז צו מיר געקומען צולויפן אַ יידענע מיט אַ פאַרבונדענער באַק. קומט צולויפן, עפנט אויף דאָס מויל און שרייט מיט ביטערע טרערן:

— חבר אַגראָנאָם, רייסט מיר אַרויס דעם צאָן, ווארום איך ווער משוגע פאַר ווייטיק!

— מיט וואָס זאָל איך רייסן ? איך בין אַן אַגראָנאָם, נישט קיין צאָן־דאָקטער, איך האָב אפילו נישט קיין צוזענגל אין שטוב.

כאַפּט זי אַרויס פון אונטער דער פאַטשיילע אַ צוואַנג, וואָס מען רייסט מיט איר טשוועקעס, און בעט און כאַלעשעיעט :

— איך בעט אייך, האָט רחמנות אויף מיר . . . איך האָב געוואוסט, אַז איר האָט נישט קיין צוואַנג, נאָר איך האָב נישט געוואַרט, אַז דער שמיד זאָל עס טאָן. איר האָט אודאי אַ גרינגערע האַנט . . .

וואָס מיינט איר, איך האָב נישט געמוזט ווערן אויף אַ ווײַלע אַ דאָקטאָר ? איך האָב דעם צאָן ארויסגעריסן. און מיין גליק, וואָס איך האָב נישט געטראָפן צום ריכטיקן, קראַנקן צאָן. איך האָב איר אַרויסגעריסן אַ געזונטן צאָן. ווארום, טאָמער גיט זיך מיר איין — וואָלט איך שוין אודאי איצטער געווען אַ דענטיסט באַם אַגראָדזשאָינט.

פונדעסטוועגן פיר איך עפּעס פאַרט אויס באַ די באַלעבאָסטעס. איך האָב ליב, אַז באַ זיי אין די הייזער זאָל זיין ציכטיק. און אַז דרויסן זאָל דאָס הויז זיין געווייסט. נו, גיב איך נישט קיין קאַלך, אויב אין שטוב איז נישט ריין. קיין קאַלך קומט זיי נישט צום שטוב. דאָס באַדאַרפן זיי שוין קויפן פאַר אייגן געלט. נו, אַז איך זאָג צו געבן קאַלך — קאַלכט מען שוין פון אינעווייניק און אויסווייניק. און ווי נאָר איין באַלעבאָסטע טוט עס — טוען שוין אַלע נאָך. לאַכט נישט, חבר, דאָס גייט אַריין אין דער קאָמפּעטענץ פון אַגראָנאָם. מיינט נישט, אַז איך קנעל נאָר מיט די איבערוואַנדער. מיט די ווייבער זייערע האָב איך אויך גענוג צו טאָן. מען באַדאַרף זיי מאַכן פאַר באַלעבאָסטעס, ווארום דאָס וואָס איז גוט געווען אין שטאָט, טויג נישט אין דאָרף. אַ דאָרפישע באַלעבאָסטע איז אַלץ. אַז אַ שטוב האָט אַ באַלעבאָסטע, יעמאָלט איז שוין אַרום שטוב לעבעדיק. אַז איך האָב ליב אַ גוטע סטאַדע עופות אַרום שטוב, אַ גוטע פאַר קי, גוטע פערד, קאַטשקעס, אינדיקעס — דאָס, אַז איך זע באַ אַן איבערוואַנדערער, געפעלט עס מיר בעסער ווי זיין פעלד. אַ פעלד איז אַ פעלד. אַ פעלד איז געווענדט אין קאָפּריזן. און דאָ אַרום שטוב איז דאָס זיכערער. דערצו, אַז אַרום שטוב וואַקסט, איז אַ באַווייז, אַז דער יידישער פויער אַליין קומט

אַריין אין די פּעדערן. און נישט נאָר עופות אָרום שטוב האָב איך ליב — קינדערלעך, אַז סע קומען צו יאָר איין, יאָר אויס, איז אין שטאָט אַ סימן פון דלות, אָבער אויפן דאָרף — איז דאָס ווי קעלבלעך, קיזשיקעס ווען זיי קומען צו.

יאָ, חבר, אַ סך צו ריידן . . . אַז איך רייד אַ סך, ווערט מיר דערנאָך אומעטיק. ווארום ווער האָט עס געקענט גלויבן, אַז מען וועט יידן — אַ גאַנצן שטראָם אַ יאָג טאָן צו דער ערד? איר ווייסט, אַז געענדיקט האָב איך נישט קיין אַקושאָר און נישט קיין דענ־טיסט. געענדיקט האָב איך אַ קורס אַגראָנאָמיע. און גוט געענ־דיקט. און אַז איך האָב מיר דערוואוסט, אַז מען פירט איבער יידן צו ערד־אַרבעט; מען גיט זיי אָפּ האַלב קרים — האָט עס מיך צענומען טאַקע ווי אין פּסוק שטייט. געמיינט, אַז איצטער האָט אַ יידישער אַגראָנאָם אויף עפּעס זיך דערוואָרט. אַן אייגן פעלד — איז אַן אייגן פעלד. איך האָב געטראַכט פאַרן קיין ארץ־ישראל און דאָרטן העלפן יידן באַ דער ערד. האָט זיך גאָר געמאַכט, אַז דאָ האָט מען יידן אָפּגעגעבן צען ארץ־ישראלס פאַר אַמאָל. איך שעם זיך נישט. איך האָב געטאַנצט ווי אַ לאָשיק פאַר שמחה. איך האָב מיר געזאָגט:

— אָט האָסטו זיך דערוואָרט! איצטער האָסטו אויף וואָס אַוועק־צוגעבן דיינע כוחות. איצטער האָסטו דיין באַפרידיקונג.

די ערשטע צייט האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט לייב און לעבן. ווער האָט געוואוסט פון שלאָף? דורך טאָג און נאַכט פאַריאָגט. אז אין פרילינג האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די איבערוואַנדערער, בין איך ממש פאַרטרונקען געוואָרן מיט אַר־בעט; ממש די אייגענע נאָז נישט אַרויסגעזען.

איך בין אַ ביסל אַ היציקער. איך האָב ליב אָרדענונג. אַז מען קריכט צו מיר נישט אין צייט, האָב איך פיינט. פאַראַן באַ מיר חברים אַגראָנאָמען, וואָס האָבן זיך אונטערגעריסן אין די ערשטע פאָר חדשים. פאַראַן אַ קאָלעגע מיינער, וואָס לאָזט אָפן די טיר אַ גאַנצע נאַכט און איבערוואַנדערער, זיי קומט אויס באַנאַכט אָנ־צוקומען פון שטאָט — ליגט דער וועג דורך זיין דאָרף — האָט מען זיך נישט געפוילט צו אים אָנקלאַפּן דריי פאַרטאָג. אַ ייד קען טרעפן אינמיטן דער נאַכט אויך. אים כאַפּט אָן אַ שרעק פאַרן

סטעפּ פּאַר זיין ערד־חלק — לויפט ער צום אַגראָנאָם. און וואָס קען דער אַגראָנאָם טאָן, אַז סע קומט דער ווינטער? איר ווייסט דאָך, אַז די ערשטע צייט פעלט אויס אין אַ סך הייזער ברויט. אַז דו קומסט אַריין אין אַ הויז אין ווינטער און דו טרעפסט די איבערוואַנדערער — טאַקע אַ געזינד פון צען פּאַרשוין — און מע האָט נאָך אַריינגענומען אין שטוב אַריין די אָקסן און די קו און עופות; ווער זאָגט נאָך אַז סע ווילט זיך פונקט אַ באַלעבאָסטע געלעגן ווערן און אין שטוב איז קאַלט — — — פרעגט נישט, חבר, וואָס די איבערוואַנדערער לעבן איבער די ערשטע צייט און די אַגראָנאָמען מיט זיי . . . און צום האַרצן צופּיל זיך נעמען טאָר מען נישט. איר פאַרשטייט, אַז אַן איבערוואַנדערער קומט צו דיר און טוט אַ זעץ מיטן קולאַק אין האַרצן און שרייט זיך פונאַנדער:

— חבר אַגראָנאָם, גיט מיר אַ וויכאָד, ווארום יענע וואָך האָב איך נאָך געהאַט אַנדערהאַלבן העמדער און איצטער בין איך פאַרבליבן נאָר באַ איינער . . .

באַדאַרף מען אַזאַ יידן גיבן אַ „וויכאָד”, ווי ער זאָגט.

ווארום, אויב אַן אַגראָנאָם קען נישט באַפוילן, אַז סע זאָל אָנהייבן אינמיטן דרינען צו דונערן און בליצן און אַ רעגן זאָל אַרויספאַלן — איז שלעכט . . .

— וואָס פאַר אַן אַגראָנאָם זענט איר, אַז איר קענט נישט מאַכן, אַז אין דער יידישער קרים זאָל וואַקסן קאַרטאָפליעס?

אַזוי מאַכט צו מיר אַ יידענע און זי איז גערעכט. וואָס פאַר אַן אַגראָנאָם בין איך טאַקע? דאָס וואָלט נאָך נישט געווען אַלץ. זי קען זיך באַטראַכטן און אַ פרעג טאָן:

— וואָס פאַר אַן אַגראָנאָם זענט איר, אַז איר קענט נישט זען, אַז מיין מאַן זאָל נישט אַריינשטעקן די האַנט וואו מען באַדאַרף נישט און אָפּגיין, מיינע שונאים, מיט בלוט?

— וואָס פאַר אַן אַגראָנאָם זענט איר, אַז די ווייץ וואָס איז באַ מיר אין פעלד געוואַקסן, האָבן שונאים מיר אויסגעפּאַשעט?!

— וואָס פאַר אַן אַגראָנאָם זענט איר, אַז איר מאַכט נישט, אַז אין די יידישע קאָלאָניעס זאָלן די סוסליקעס נישט אויפפרעסן די קאַווענעס און די אוגערקעס?

— וואָס פאַר אַן אַגראָנאָם זענט איר, וואָס איר האָט נישט אויסגעראָמט די פעלדמייז, איידער די איבערוואַנדערער זענען אָנ־געקומען?

זאָג איך צו איר:

— איר ווייסט דאָך, חברטע, אַז די סוסליקעס, כ׳מיין די פעלד־מייז, האָבן נישט קיין עקן, האָב איך נישט געהאַט אויף וואָס זאָלץ אָנצושיטן. און קיין אַנדער מיטל ווי זיי צו פאַרטרייבן האָב איך נישט געהאַט.

זאָגט זי, אַז אַגראָנאָמען באַדאַרפן זען, אַז באַם סוסליק זאָל וואַקסן אַן עק...

מילא, דאָס איז אַ שפּאַס. אפשר וואָלט איר, חבר הירשביין, באַ אונדז גאָר אָנגעקומען פאַר אַן אַגראָנאָם? איך האָב געזען די פאָר טעג וואָס איך פאָר אַרום מיט אייך, אַז איר ווייזט אַרויס די אַגראָנאָמישע פייאיקייטן, וואָס מען באַדאַרף דאָ האָבן... די איבערוואַנדערער האָבן זיך גוט צוגעהערט, ווען איר האָט זיי דער־ציילט ווי די יידישע קאָלאָניסטן זענען אויסגעריסן געוואָרן די ער־שטע צייט, ביז זיי האָבן דערלעבט צו זען אַ שטיקל ברויט פון זייער פראַצע. יידן האָבן ליב, אַז מען דערציילט זיי, אַז נאָך עמעצן איז שלעכט. זיי איז געפעלן געוואָרן בשעת איר האָט דערציילט, אַז אין פאַלעסטינע הונגערן די חלוצים. דאָס זענען, חבר, אַגראָ־נאָמישע פייאיקייטן צו קענען אונדזערע חולאים פאַרוויגן; אָפּ־שפּרעכן די קראַנקהייטן; פאַררייַדן ציינער. איר ווייסט דאָך ווי אַ קו האָט ליב, אַז מען זאָל זי קראַצן אין האַלדז, אין שטערן — אַזוי האָבן ליב אונדזערע איבערוואַנדערער, אַז מען זאָל זיי קראַצן וואו סע בייסט און וואו סע בייסט נישט.

׳סאיז נישט קיין חידוש. איך האָב געלערנט אַגראָנאָמיע. טע־אָרעטיש ווייס איך פון אַלץ וואָס נאָר אַן אַגראָנאָם באַדאַרף וויסן. טעאָרעטיש האָב איך געוואוסט ווי אַזוי מען באַדאַרף זיך באַגיין מיט דער ערד. ווי מע הייבט דעם שוואַרצבראָך פאַר דער ווינטער־זריעה און ווי מען רייסט אויף דעם פריר־גרונט פאַר דער פרילינג־זריעה. אַלץ וואָס איז שייך צו ווייַנגערטנער; וואָס איז שייך צו פיצוכט, צו שאָף — אַלץ האָב איך געלערנט און באַוויזן, אַז איך בין ווערט דעם נאָמען אַגראָנאָם. נאָר, חבר, אַז אויף מיר וועט

ווי אַ שטראָם אַ פּלייץ טאָן די יידישע נויט פון שטאָט און שטעטל; אַז דער עיקר וועט מען באַ מיר פאָדערן ברויט; פּאַרטיקע לעב־לעך ברויט גאָר; באַ מיר וועט מען פאָדערן מילך פאַר די קליינע קינדער; באַ מיר וועט מען פאָדערן שיך פאַר די באָרוועסע; באַ מיר וועט מען פאָדערן — — —

עך, צוליב וואָס איך שיטן זאָלץ אויף דער נשמה? איך וועל אייך בעסער דערציילן אַ וויץ:

אַנומעלט פאַרפאַרט צו מיר אַ קאָלעגע פון אַן אַנדער ראַיאָן און שטעלט זיך אָפּ אויף נאַכטלעגער. אַ יונגער בחור; האָט מיט מיר אין איין יאָר געענדיקט די אַגראַר־שול. איך האָב מיך דער־פרייט מיט אים. מע האָט אַביסל געשמועסט. ער איז געווען מיד. איך בין געווען מיד. האָט מען זיך געלייגט שלאָפן. באַנאַכט, איך הער — מיין קאָלעגע שרייט פון שלאָף. אָבער איר ווייסט ווי ער שרייט? ממש סע האָט באַם האַרץ געריסן:

— לאָזט אָפּ — האָט ער געשריען — לאָזט אָפּ, איר וועט דאָך דערהרגענען אַ מענטשן, לאָזט אָפּ!"

איך האָב אים אויפגעוועקט. האָט ער געריבן די אויגן; זיך אַרומגעקוקט וואו ער איז אין דער וועלט . . . און איך זע, מיין בחור, אַ בלאַסער — ווישט דעם שווייס.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס האָט זיך דיר געחלומט? האָסט דאָך מיר איבערגעשראָקן.

דערציילט ער, אַז אים האָט זיך געחלומט, ווי אַזוי ער איז מיטן אויטאָמאָביל אָנגעקומען אויף אַן ערד־חלק. אַז די איבער־וואַנדערער האָבן אים דערזען, האָבן זיי אויסגעגראָבן אַ גרוב און געוואָלט אים מיט געוואַלט אַריינזעצן אין דער ערד אַריין און דער־ביי געשריען:

— אָט, לאָמיר זען, ווי אַן אַגראָנאָם וועט וואַקסן . . .

— לאָמיר זען, צי ער וועט זיך צונעמען.

— לאָמיר זען, צי ער וועט בליען!

— האַלט אים, ער זאָל ניט אַרויסקריכן!

— גיסט וואַסער אויף אים, ער זאָל זיך צענעמען . . .

— גיסט וואַסער אויף אים!

אַז מע האָט אָנגעהײבן פּליוכען אויף אים וואַסער, האָט ער גע־נומען גוואַלדעווען.

איך באַדאַרף אײך זאָגן, אַז דאָס איז גאָר נישט קײן װיסטער חלום פון אַ יידישן אַגראַנאָם. עס איז דערפאַר, וואָס די אַגראַנאָמען לײדן אינאײנעם מיט די איבערוואַנדערער און מען פאַרגעסט אפילו, אַז מען איז אַן אַגראַנאָם. עס גלוסט זיך, אַז זומער זאָלן די אי־בערוואַנדערער האָבן ברויט; ווינטער זאָל זײן וואַרעם בײַ זײ אין די הײזער. און מיר דאַכט זיך אויס, אַז ווען אַלע יידישע דער־פער װעלן זײן אויף אַן אָרט; די איבערוואַנדערער װעלן זיך באַ־רואיקן; עס װעלן קומען גערעטענישן; עס וועט זײן חיונה — מיט אײן וואָרט, אַז ס׳וועט זײן אָט אַזוי ווי מיר ווילן עס — יעמאָלט וועלן זיך די אַגראָנאָמען כאַפּן, אַז זײ האָבן אַמאָל געשטודירט, גע־ענדיקט אַן אַגראַר־שול און אַז מיט די יידישע איבערוואַנדערער איז מען אַלײן געוואָרן „איבערוואַנדערער". און אפשר נאָך נאָ־רישער פון איבערוואַנדערער: ווארום איבערוואַנדערער, בחורים, האָבן שכל געהאַט אויסצוקלײבן שײנע מײדלעך, טאָקע צווישן אײ־גענע און, אַז צום אַגראַנאָם איז געקומען אַ שדכנטע — האָט ער זי אַרויסגעטריבן . . . אָט אַזוי וועט נאָך די אַגראַנאָמען באַשערט זײן צו פאַרבלײבן אַלטע בחורים.

נו, חבר הירשבײן, נעמט זיך נישט צום האַרצן. זאָל נאָר די איבערוואַנדערונג זײן אַ דערפאָלג. דאָס ווילן מיר אַלע. וואָשט זיך אַרום, איר זענט דאָך מיד; וועלן מיר עפּעס איבערכאַפּן און שמועסן פון עפּעס פרײלעכערס:

— אפשר וואָלט איר טאָקע געוואָרן באַ אונדז אַן אַגראַנאָם? . . .

אַ בעטלער

— האַ, וואָס קוקט איר מיך אָן אַזוי ? איר גלויבט אודאי נישט, וואָס איך דערצייל אייך, כאַ־כאַ־כאַ ! אודאי, אַ ליגן גלויבט מען ! אַז איך זאָל פּאַר אייך איצטער אויסמאָלן אויפן הימל אַ יאַריד — וואָלט איר אודאי געגלויבט, נאָר אַז איך נעם און רייס אַרויס מיין האַרץ, און לייג עס פאַר אייערע אויגן קוקט איר מיך אָן, און גלויבט נישט !

דאָס איז אַלץ דערפאַר, וואָס אַ מענטש גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון, ווי אַזוי ער לעבט אויף דער וועלט. דערומעד, אַז איך נעם און דערצייל אייך, ווי אַזוי איך לעב מיטוואָך, און שטאַרב דאָנער־שטיק, ווי אַזוי איך ווער ווידער געבוירן פרייטיק און נעם איין אַ מיתה־משונה שבת — רייבט איר די אויגן און גלויבט נישט.

פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ מיט אַ פּרוי, כאַ־כאַ־כאַ — קלוגע מענטשן רופן עס אָן ליבע ! פּאָעטן האָבן די נאַראָנים איינגערעדט, אַז די ליבע וואוינט אין הימל, און צו מענטשן קומט זי אַראָפּ נאָר יעמאָלט, ווען אַ בחור מיט אַ מיידל פאַרדרייען זיך איינס דאָס אַנדערע דעם קאָפּ. און וואָס זאָג איך אויף דעם, ווילט איר וויסן ? איך זאָג, אַז מאַן אַליין איז אַ לעבעדיקע באַשעפעניש ; פאַרדרייט ער זיך דעם קאָפּ מיט אַ פרוי — איז ער אַ געפּגרטער לייב ! פאַר־וואָס דוקא אַ געפּגרטער לייב ? פאַרוואָס נישט אַ געפּגרטער חזיר ? ווייס איך טאָקע נישט, אפשר איז דאָס אַ שטיקל נאַרישע גאוה, כאַ־כאַ־כאַ ! וואָרן ווי אַזוי בין איך געוואָרן דאָס, וואָס איר קוקט איצטער אָן, איך מיין אַ בעטלער ? קוקט איר מיך אָן — איר האַלט מיך נישט פאַר קיין בעטלער ? אַ בעטלער איז אַ בעטלער ! מאַכט נישט אויס וואָס ער בעטלט, דער רוח זאָל עס נעמען . . . אודאי בעט איך איצטער, מען זאָל מיך אויסהערן, אַנישט וואָלט איך קראַפּירן, צו אַלדי שוואַרץ יאָר !

איר פאַרשטייט, איך האָב געזאָגט, אַז וואָס מען זאָל נישט בעט־לען — איז אַלץ איינס. דאָ האָב איך שוין אַ קאָפּעטשקע איבער־געכאַפּט די מאָס. וואָרן געוועגדט, ווי און ווער עס וואַרפט עפּעס צום בעטלער אין האַנט אַריין, אַזאַ פּנים האָט דער בעטלער אַליין. איך האָב שוין אַלץ געטאָן און אַלץ אויסגעפּרואווט, כדי צו זיין

אַ לייטישער בעטלער. האָב תחילת געקלערט, איך וועל גיין אָפּ־געריסן, באַוואָקסן און אָפּגעלאָזן, יעמאָלט, אַז איך וועל אויס־שטרעקן די האַנט, וועט מען מיך תכף דערזען און האָבן מיטלייד. איז דאָס טאַקע אמת. געבן האָט מען געגעבן טאַקע גערנער, אָבער דאָס קוקעלע האָט געלייגט אין דר׳ערד אַריין . . . דער געבער האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ פאַרקרימטער מינע — כאָטש נעם איין אַ מיתה־משונה! איך האָב געהאַט אַ טבע אונטערצושטעלן אַ פאַרשמאָלצענע און צעריסענע היטל, כאַ־כאַ־כאַ . . .

מיינט איר דאָך, אַז איך האָב גענומען און זיך אויסגעפּוצט, זיך פאַרשטעלט פאַר אַ געפאַלענעם אַלרייטניק, האָט מען מיר געגעבן מיט אַ בעסער פּנים? מאַכט איר אַ גרויסן טעות! דער גע־בער האָט שוין דוקא אַנדערש דערלאַנגט אין האַנט אַריין, געגעבן מיט אַ מינע פון אַ באַליידיקטן ווי איך וואָלט אים פאַרשעמט; גלייך ווי איך וואָלט גענומען און פאַרשעמט דעם שיינעם תכשיט, דעם מענטשן, כאַ־כאַ־כאַ . . .

זעט איר, איך האָב אייך שוין איינגערעדט אויפן הימל אַ יאַריד, האָב אייך שוין באַלד איינגערעדט, אַז איך בין געשטאַנען ערגעץ אויף אַ קאַרנער פינפטע עוועניו און געבעטלט, פּשוט און פּדאָסט אויף אַ שטיקל ברויט, אויף אַ קאָפּע קאַפּע, דאָס מיינט איר? הלואי וואָלט עס טאַקע געווען אַזוי! הלואי וואָלט איך געבעטלט אויף אַ שטיקל ברויט און געקראָגן אַנגעשפּיגן אין פּנים אַריין; האָב איך דאָך, זאָגט מען אייך, געבעטלט ליבע אין אַ פאַרשמאָלצענער היטל אַריין משטיינסגעזאָגט!

פאַרוואָס? איר ווילט ויסן, ווי אַזוי נעמט אַ מענטש און ווערט אַ בעטלער, ווען קיינער נויט אים נישט? זענט איר אַ יאָלד, אויב איר דענקט אַזוי! איך האָב באַ זיך אָפּגעמאַכט, איך זאָל נישט חתונה האָבן, האָב איך באַ זיך אָפּגעמאַכט. דאָ, פאַרשטייט איר מיך, ליגט די צרה. קליגער ווי די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַרגלוסט צו זיין, אָט וואו די צרה שטעקט. „איך גיב דיר — דו באַצאָלסט מיר" . . . אַזוי האָב איך געזאָגט צו איר. וואָס, איר ווילט וויסן צו וועמען איך האָב אַזוי געזאָגט? צו דער ליבע האָב איך אַזוי געזאָגט! צוליב וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר באַדאַרפסטו זיך איינ־האַנדלען, אַ מאַן, הייסט עס, אויף אַ גאַנץ לעבן — אַז דו קענסט

זיך מיט אים אָנהאָליובען און לאָזן אים גיין?! האַ, וואָס, דאָס איז משוגע? ליבע איז קליגער, מיינט איר? ליבע קאָך לאָקשן איז קליגער, מיינט איר? אַז־אָך און אַז־ווי וואָס עס שטעקט שוין אין דער ליבע אַליין!

איך פֿרעג אייך, וויפֿל מאָל באַדאַרף אַ נאַר פֿאַרלייגן מיטן קאָפּ, ער זאָל באַנעמען אַז ער איז אַ נאַר? וויפֿל מאָל האָב איך באַדאַרפֿט אַריינפֿאַלן, כּדי איך זאָל פֿאַרשטיין, אַז קיין ליבע איז אויף דער וועלט גאָר נישטאָ? צען מאָל? איך האָב איין מאָל געהאַט גענוג! איין מאָל ליב געהאַט, און געקראָגן איבערגעהאַקטע פּיס . . . געבויגן געוואָרן, גרוי און אַלט געוואָרן. אוי, פֿריינט מיינער, איך זע איצטער אויס ווי אַ בעטלער, באַשר איך האָב צופֿיל געבעטלט בײַ איר.

וואָס קומט אַרויס? איך לאַך מיט יאַשטשערקעס, איך אַליין מאַך חוזק פֿון זיך. איך אַליין שריי, אַז קיין ליבע איז אויף דער וועלט נישטאָ, און איך אַליין בין פֿון ליבע פֿאַרברענט געוואָרן! פֿאַרשרפֿעט געוואָרן אויף קויל . . . אוי, פֿריינט מיינער, איך וויל אייך נישט פֿאַרשאַפֿן קיין ווייטיק . . . קוקט נישט וואָס די טרערן, וואָס איך . . . דאָס איז פֿון שוואַכקייט איך ווייס, עס פּאַסט נישט פֿאַר אַ מאַן צו וויינען. איך ווייס, איך בין אַ זינדיקער, אַז איך נעם און רעד אַזוי, טו אַ זאָג, אַז נישט נאָר איין ליבע באַדאַרף האָבן אַ מאַן — נאָר הונדערטער, טויזנטער! . . . איך וויל זיך נאָר אַליין איבערשרייען, וויל מיר איינרעדן, אַז איך בין שוין געשטאָרבן, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

אָבער, צי פּלאָגט זיך אַזוי אַ געשטאָרבענער? צי איז דען פֿאַראַן אַ גהינום אויף דער ערד? ניין, אויף דער ערד איז די ליבע פֿאַראַן, און זי אַליין איז גן־עדן און גהינום! און טאַקע דערפֿאַר וואָס נאָר איין ליבע האָב איך געהאַט, איינע, און נישט מער; און טאַקע דערפֿאַר וואָס די איין ליבע האָט מיך נישט געוואָלט קענען — דערומעך בין איך געבליבן ליגן מיט אונטערגעהאַקטע פּיס . . .

איך זע, איר קוקט מיך אָן, איר פֿרעגט נישט, פֿונדעסטוועגן ציט איר מיך בײַ דער צונג, איך זאָל אייך דערציילן ווער זי איז געווען. וועט איר גלויבן, אַז אין שאָפּ האָב איך זי דערזען? יאָ, מיין פֿריינט, אין שאָפּ האָב איך דערקענט די ליבע, און דאָרטן האָב איך אָנגעהויבן ברענען, דאָרטן האָט מיין האַרץ אַרומגעכאַפּט

אַזאַ שרפה! איך זע, איר פינטלט מיט די אויגן — סטייטש, ווי קומט עס צו אַ שאַפּ־מיידל אַזאַ רציחה? איז דאָך עס ווידער די מעשה: אַז אַ פייער פלאַקערט, אַז אַ פייער האָט זיך גאָר צעשפּילט באַ מיר אין האַרצן — זאָל איך נעמען און זאָגן, זי איז די רוצחטע? זי איז גאָר ווערט, מען זאָל זי זעצן אויפן לעקטרישן טשער? באָ, סער, דאָס אויך נישט? איך וויל זי נישט פאַרמשפּטן . . . וואָרן אין אמתן האָט זי פון מיר גאָר נישט געוואָלט, איך האָב פון איר עפּעס געוואָלט: זי זאָל מיט מיר חתונה האָבן, דאָס האָב איך געוואָלט, כאַ־כאַ־כאַ . . . נו, האָט די ליבע פון מיר אָפּגעקערט דאָס פּנים, נישט געוואָלט קוקן מיר גלייך אין די אויגן אַריין . . . אוי, מיין פריינט, ווער איז דערנאָכדעם געווען שולדיק, אויב די אַרבעט איז שוין שפּעטער כסדר געפאַלן פון די הענט? ווער איז שולדיק, אויב די נאָדלען אין מאַשין האָבן זיך כסדר געבראָכן, מחמת איך האָב פינגס און באָטנס אַוועקגעלאָזן אונטער די נאָדלען, און האָב שוין מער נישט געזען ווי איך שטעפּ און וואָס איך שטעפּ? איז די ליבע שולדיק, אויב מע האָט מיר שפּעטער געגעבן די סעק? אין דעם, מיין פריינט, בין איך געווען שולדיק, נישט זי . . . און אַז איך האָב שוין שפּעטער אין קיין אַנדער שאַפּ פאַר זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, איז ווידער מיין שולד — נישט אירער!

איצטער, מיין פריינט, קום איך צום עיקר. אַ בעטלער בין איך טאַקע געוואָרן. אַ מענטש באַדאַרף אַמאָל עסן אויך, פאַרדינען האָב איך נישט פאַרדינט. זיך געוואַלגערט דרויסן; נישט געהאַט פאַרוואָס צו דינגען אַ בעטל זאָל האָבן וואו דעם קראַנקן קאָפּ אַנידערצולייגן, כאַ־כאַ־כאַ . . . . אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, פאַרוואָקסן און נישט געוואַשן; לעבן טאַימס־סקווער האָב איך זיך אַנידערגעשטעלט, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון צעריסענעם אָווערקאָוט, מיט די האָר פאַרדעקט דעם שטערן. אַ שנייעלע האָט זיך אַזוי געשאָטן און געשאָטן . . . נו, ווער, מיינט איר, האָט מיר אַריינגעוואָרפן דעם ערשטן ניקל אין היטל אַריין? זי, די ליבע, כאַ־כאַ־כאַ . . .

נו, וואָס איז געשען? וואָס זאָל געשען? איך האָב געקראַפּירט, האָב איך! פאַרלייגט מיטן קאָפּ; געשטאָרבן, אַראָפּ פונם מאַרק, און אַ סוף פון דעם מענטשן! . . . וואָרן, אַז באַ אַ מענטשן נעמען

אָפּ הענט און פיס, באַ אַ מענטשן שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ, און אַ ווערגעניש קלייבט זיך אַריין אין סאַמע קעל — מחמת זי, די ליבע האָט מיך דערקענט . . . דערקענט און אַוועקגעזעצט אויפן לעק־טרישן טשער! בין געשטאָרבן, מיט אַ ניקל אין דער פאַרשמאָל־צענער היטל, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ . . .

אוי, מיין פריינט, אַז מען שטאַרבט מיט אַזאַ מיתה־משונה, צי ווערט מען נאָך אַמאָל צוריק לעבעדיק? געשטאָרבן — איז גע־שטאָרבן! . . . נאָר אַז אַ מענטש שטאַרבט — באַגראָבט מען אים, און אַראָפּ פון מאַרק; אָבער אַ בעטלער, אַז מען בלייבט אויף דער וועלט, אוי, מיין פריינט, אים איז טויזנט מאָל ערגער פון אַ גע־שטאָרבענעם!